STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03586

SOVETN-FARBAND BOYT SOTSYALIM

Melech Epstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאָוועטן - פאַרבאַנד
בויט סאָציאַליזם

ווי אזוי דער פינף-יאָר פּלאַן רופט
זיך אָפּ אויף אלע געביטן פון לעבן

קלמן מרמר, ניו יארק

פון מלך עפּשטיין

פאַרלאַג:
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
32 יוניאָן סקווער, ניו יאָרק

אינהאַלט:

די באַדייטונג פון פינף יאָר פלאַן 7

אינדוסטריאַליזאַציע 14

סאָציאַליסטישער איבערבוי פון דאָרף 23

דער אַרבעטער־קלאַס 42

צוגרייטונג פון קאַדרען 56

סאָציאַלע פאַרזיכערונג 63

די קולטורעלע רעוואָלוציע 69

די לאַגע פון דער פרוי 92

די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק 99

אַנטי־רעליגיעזע אַגיטאַציע 111

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי 115

די רויטע אַרמיי 122

Copyright 1931

INTERNATIONAL WORKERS ORDER

32 Union Square, New York

26

פאָרוואָרט

די גראַנדיעזע סאָציאַליסטישע בויאונג, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין שטאָט און אין דאָרף, קען ניט אויסגעשעפּט ווערן אין די ראַמען פון אַ קליינעם בוך. דער שרייבער האָט דעריבער געהאַט פאַר זיין ציל זיך באַנוגענען מיט דאָס סאַמע וויכטיגסטע און קעראַקטעריסטישע, וואָס דער פינף־יאָר פּלאַן האָט דערגרייכט אין די ערשטע צוויי יאָר, מיט אַן אָנצייג אויף די מעגלעכקייטן פון דעם דריטן, אַנטשיידיגסטן יאָר.

וויסנדיג דעם ברענענדיגן אינטערעס ביי דעם אַרבעטער־לייענער צו דעם נייעם לעבנס־שטייגער, וואָס ווערט איצט אויסגעשמידט אין דעם פּראָלעטאַרישן לאַנד, האָט דער שרייבער פּרובירט צו באַפרידיגן אַט דעם געדרענגטן נייגער מיט אַ קורצער כאַראַקטעריסטיק פון דער גרויסער איבערקערעניש אין די וויכטיגסטע צווייגן פון לעבן.

אַזוי ווי דאָס איז די ערשטע אַרבעט אין אידיש, איז וויכטיג געווען אַרומנעמען וואָס מער באַזונדערע געביטן, כאָטש דאָס קען דערגרייכט ווערן אויף דער רעכענונג פון פאַרקירצן קאַפּיטלען, וואָס לאָזן זיך זייער שווער פאַרקירצן.

די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען אַריינגענומען געוואָרן, זיינען דאָס לעצטע, וואָס דער אויטאָר האָט געקענט קריגן ביז סוף מערץ. אין דער הינזיכט האָבן מיר זיך באַמיט צו געבן די סאַמע שפּעטערדיגסטע ציפערן, וואָס די סאָוועטישע אָרגאַנען האָבן פאַרעפנטלעכט אין דער לעצטער צייט.

דער שרייבער האָפט, אַז די פאַקטן און ציפערן, אין זייער פּאָליטישער אויסטייטשונג, וועלן זיין אַ הילף די אַרבעטער, צו פאַרשטיין בעסער די באַדייטונג פון דעם סאָציאַליסטישען אָנגריף אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

מ. ע.

27טן מערץ, 1931.

„מיר וועלן לייזן אָט די פּראָבלעם וואָס די קאָסט זאָל ניט זיין : די נעפּ־מאַנישע רוסלאַנד זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סאָציאַליסטישער רוסלאַנד“. (לענין, 1922).

„אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן מיר ניט געהאַט קיין פאָטערלאַנד. איצט האָבן מיר. אויב איר ווילט אויפהאַלטן די אומאָפּהיינגיגקייט פון אונזער פאָטערלאַנד, מוזט איר אין דער סאַמע קירצסטער צייט אָפּשאַפן איר אָפּגעשטאַנענקייט. אין אינדוסטריעלער אנטוויקלונג שטייען מיר אָפּ פון די אַנדערע לענדער אויף פופציג אָדער הונדערט יאָר. מיר מוזן דאָס אָניאָגן אין צען יאָר אויב מיר ווילן ניט אָפּגעווישט ווערן.

„מיר פאַרמאָגן אַלצדינג : אייזן, קוילן, אויל, תבואה, קאַטן (בוימוואל), אַלצדינג, אויסער גומע און אויך דאָס וועלן מיר האָבן אין אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער. קיין לאַנד אין דער וועלט האָט ניט אַזעלכע מעגלעכקייטן פאַר אנטוויקלונג.

„מיר האָבן נאָך אַ וויכטיגערע פאַרפּליכטונג—צום אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. מיר האָבן געוואונען ניט נאָר דורך אונזערע אייגענע אַרבעטער, נאָר מיט דער שטיצע פון די אַרבעטער פון דער וועלט. אָן זיי וואָלטן מיר צעשמעטערט געוואָרן לאַנג צוריק. איצט מוזן מיר מאַרשירן פאָראויס וועט דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט קענען זאָגן :

„אָט דאָרטן איז אונזער אַוואַנגאַרד, אונזער רעגירונג, אונזער פאָטערלאַנד. לאָמיר זיי שטיצן געגן די קאַפּיטאַליסטן און ברייגגען די וועלט־רעוואָלוציע“. (סטאַלין, פעברואַר, 1931).

קלמן מרמור

די באַדייטונג פון פינף־יאָר פּלאַן

ניטאָ קיין איינציגער פאַרשטענדיגער אַרבעטער, וואָס האָט ניט געהערט פון דעם פינף־יאָריגן פּלאַן, דורך וועלכן דער סאָוועטישער פּראָלעטאַריאַט בויט סאָציאַליזם.

ניט נאָר אַרבעטער, די גאַנצע וועלט פאָלגט נאָך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט די ראַשיגע פאָרווירקלעכונג פון דעם קאָלאָסאַלן פינף־יאָר פּלאַן. די באַוואוסטזיניגע אַרבעטער אין אַלע לענדער זיינען פאַרכאַפּט פון דעם גראַנדיעזן פאַרנעם און שנעלן טעמפּאָ מיט וועלכע די סאָציאַליסטישע בויאונג ווערט דורכגעפירט אין לעבן.

„קיינמאָל זיינען די אויגן פון דער גאַנצער מענטשהייט ניט געווען אַזוי אָנגעשטעלט אויף סאָוועט רוסלאַנד ווי איצט, צוליב דעם פינף־יאָריגן פּלאַן". („טיימס", בוך־אָפּטיילונג, 5טן פעברואַר, 1931).

דער שרייבער אין דער „טיימס" האָט ניט איבערגעטריבן דעם גוואַלדיגן אינטערעס, וואָס די גאַנצע מענטשהייט האָט איצט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער פאַקט, וואָס אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אַרבעטסלאָזיקייט אַ מאַסן־דערשיינונג, פאַבריקן האָבן שטאַרק פאַרקלענערט די פּראָדוקציע, לוין איז גוואַלדיג געשניטן געוואָרן, הונגער און עלענט שפּרייזן מיט ברייטע שריט, צווינגט הונדערטער מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס אָנצושטעלן זייערע אויגן אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס ווייסט ניט פון די אַלע „גליקן" פון קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע.

דער אומאויפהערלעכער וואוקס פון די פּראָדוקטיווע כחות, דער מאַנגל אין אַרבעטער, די פאַרבעסערונג אין דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטער און דער עיקר (איקער) די וואונדערלעכע בויאונג פון אַ נייעם סאָציאַליסטישן לעבן אין שטאָט און אין דאָרף, רופן אַרויס ביטערע קנאה און שנאה (קינע און סינע) פון דער בורזשואַזיע און די באַוואונדערונג פון די אַרבעטער אין אַלע לענדער.

מיט צוויי יאָר צוריק האָט די בורזשואַזע וועלט גערעדט אַנדערע רייד. בורזשואַזע געלערנטע, עקאָנאָמיסטן און שרייבער, האָבן מיט שפּאָט און

חוזק (כויזעק) אויפגענומען די נייעס, אז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די ראַטן־מאַכט גייען אינדוסטריאַליזירן אין פינף יאָר צייט אַזאַ גרויסע און טעכניש־אָפּגעשטאַנען לאַנד.

בורזשואזע פּראָפעסאָרן און עקאָנאָמיסטן, צוזאַמען מיט די „סאָציאַליסטישע" געגנער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן געשריען אין איין קול: ניט מעגלעך. דער פינף־יאָריגער פּלאַן—האָבן זיי גע'טענה'ט, איז דער פּראָדוקט פון הייס־קעפּ. עס איז אַ אוטאָפּיע, וואָס האָט ניט די מינדסטע שאַנסן פאַרווירקלעכט צו ווערן אין לעבן. זיי נאָכגעזונגען האָבן די טראָצקיסטן און די רעכטע קאָמוניסטן. די סאָציאַל־פאַשיסטן זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער—די קאָמוניסטן, — האָבן זיי פאַרזיכערט, ווייסן זייער גוט אַז דער פינף־יאָר פּלאַן איז אַ פּוסטע אויסטראַכטעניש. דער גאַנצער פּלאַן איז געצילט צו שיטען די סאָוועטישע מאַסן זאַמד אין די אויגן און דערמיט אָפּציען דעם אומפּאַרמיידלעכן צוזאַמענברוך פון דער „באָלשעוויסטישער דיקטאַטור".

די אַלע פינצטערע פּראָוויסאָגער האָבן געטראָפן—מיט אַ פינגער אין הימל. דער פינף־יאָר פּלאַן האָט אַריבערגעשטייגט די דערוואַרטונגען פון די גרעסטע אָפּטימיסטן און האָט צעקלאַפּט דעם צווייפל פון די פּעסימיסטן.

די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז שנעל געצוואונגען געווען זיך אָפּצוזאָגן פון איר פריערדיגן חוזק (כויזעק). דער פינף־יאָר פּלאַן ווערט שוין מער ניט אויסגעלאַכט. אַנשטאָט דעם האָט די בורזשואזיע אָנגעהויבן דעם פּאַלשען געשריי: דאָמפּינג! דער פינף־יאָר פּלאַן וועט פאַרפלייצן די וועלט מיט ביליגע סחורות! די זעלבע, וועלכע האָבן פריער געשריען אויף די העכסטע טענער, אַז די אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע זיינען אויסטראַכטענישן, גוואַלדעווען איצט, אַז די סאָוועטישע אַרבעטער וועלן באַלד זיין אימשטאַנד אַריבערצויאָגן די איינגעפונדעוועטע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע. ..

די ווייטזיכטיגערע בורזשואזע עקאָנאָמיסטן האָבן געענדערט זייער פראָנט. איין יאָר פּיאַטילעטקע (פינף־יאָר פּלאַן) האָט געבראַכט איינעם פון די גרעסטע אַמעריקאַנישע עקאָנאָמיסטן, פּראָפעסאָר ריימאָנד ט. באַי, פון פּענסילווייניא אוניווערזיטעט, צום פאָלגנדיגן געדאַנק:

> „דאָס איז אַ ריזיגער פּאַרנעס, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך אַן ערנסטע אַרויספאָדערונג צום קאַפּיטאַליזם. אויב סאָציאַליזם קענען דעמאָנסטרירן די דורכפירבאַרקייט פון צענטראַל־פּלאַנירטן און קאָאָרדינירטן אינדוסטריעלן סיסטעם, וועט קען דערנסטמאָל צווייפלען צי קאַפּיטאַליזם וועט ניט זיין געצוואונגען צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי אַריינצונעמען אָט די סיסטעם, אויב ניט איינגאַנצן אָפּצוטרעטן דעם וועג פאַר'ן סאָציאַליזם".
> (אַמעריקאַן עקאָנאָמיק רעוויו, מערץ, 1929).

דער צווייטער יאָר פּיאַטילעטקע האָט זיך געענדיגט און די בורזשואזע עקאָנאָמיק מוז מאַכן אַ שריט ווייטער. דער יערלעכער איבערזיכט פון

1930 אין דעם „אנאַליסט“—דער סאָלידסטער עקאָנאָמישער זשורנאַל פון אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, גיט די פאָלגנדיגע כאַראַקטעריסטיק פון דעם פינף־יאָר פּלאַן:

„אין גאַנצן גענומען, איז דער יאָר 1930 געווען אַ הערלעכער זיג פאַר דעם סאָוועטישן עקספּערימענט. אפשר איז אמת, ווי פיל מענטשן באַהויפּטן, אַז אין דעם יאָר האָט דער עקספּערימענט דורכגעמאַכט מיט דערפאָלג זיין העכסטע פּראָבע“. („אַנאַליסט, 16טן יאַנואַר, 1931).

נאַטירלעך, פאַר דעם „אַנאַליסט“ איז דאָס נאָך אַלץ אַן „עקספּערימענט“. מיר שטעלן זיך פאַר די געפילן פון דעם עקאָנאָמיסט, וואָס האָט געמוזט אין דער אָפּטיילונג: רוסלאַנד, אריינשרייבן אַ הערלעכן זיג און אין די אָפּטיילונגען וועגן די איבעריגע לענדער, אונטערפירן אַ סך־הכל וועגן איינגעשרומפּענע אינדוסטריעס און שטייגנדיגער אַרבעטסלאָזיגקייט.

וואָס די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן האָבן ניט באַגריפן

דער פינף־יאָר פּלאַן איז ניט קיין צופאַל און ניט קיין קאַפּריז פון וועמען עס איז אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער פינף־יאָר פּלאַן איז דער אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון דער אַרבעט וואָס די פּאַרטיי און דער פּראָלעטאַריאַט האָבן פאַרצייכנט אין די זעקס-זיבן יאָר נאָך דעם בירגער־קריג און מיליטערישן קאָמוניזם. דער פינף־יאָר פּלאַן איז געבויט אויף אַ שטרענגן וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון די נאַטירלעכע אוצרות וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד פאַרמאָגט, זיין מענטשן־מאַטעריאַל און די מעגלעכקייטן פאַנאַנדערצוּאַוויקלען די פּראָדוקציר־כחות, נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט דעם ענטוזיאַזם פון די אַרבעטער־מאַסן.

דער פינף־יאָר פּלאַן צילט אויפצובויען אַ גרויסע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, וועלכע זאָל שאַפן דעם הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד, וואָס אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט דאַרף געניסן.

דער פינף־יאָר פּלאַן שטרעבט צו באַפרייען אינדוסטריעל דעם ראַטן־פאַרבאַנד פון די הויך־אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס מיינט ניט אָפּשליסן זיך ווירטשאַפטלעך פון דער גאַנצער וועלט. פאַרקערט, דער פּלאַן באַוואָרנט אַ פאַרגרעסערונג פון אויסלענדישן האַנדל. אַנטוויקלענדיג אַן אייגענע שווערע אינדוסטריע און אַ באַזע פון רויע מאַטעריאַלן פאַר דער לייכטער אינדוסטריע, ווערט דער ראַטן־פאַרבאַנד אומאָפּהענגיג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט אין אויסלאַנד. סאָציאַליזם איז דענסטמאָל געזיכערט.

עס איז אוממעגלאַך צו אַנטוויקלען אַ סאָציאַליסטישע אינדוסטריע אין שטאָט און איבערלאָזן גלייכצייטיג די אַגריקולטור אין צעפּיצלטע, איינצעלנע, טעכניש־אָפּגעשטאַנענע, פּויערשע ווירטשאַפטן. דאָס איז קלאָר. די

אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער איבערבויאונג פון דאָרף איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך. די אַנטוויקלונג פון דער שווערער אינדוסטרי מאַכט עס, גלייכצייטיג, מעגלעך דערמיט, וואָס זי שאַפט דעם באָדן פאַר אַ העכערער טעכניק אין דער לאַנדווירטשאַפט.

די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען פון קאַפּיטאַליזם און צאַריזם אַ מיזעראַבעלע ירושה. דאָס אַלטע רוסלאַנד איז געווען טעכניש און ווירטשאַפטלעך דאָס אָפּגעשטאַנענסטע לאַנד אין אייראָפּע. די אימפּעריאַליסטישע מלחמה, בירגער-קריג, מלחמה מיט פּוילן און דער הונגער, האָבן נאָך מער אויסגעצערט די אָרימע מיטלען פון לאַנד. די פּראָבלעם איז דענסטמאָל באַשטאַנען אין פאַרלאַטען די אַלטע חורבות, לאָזן אין גאַנג די רעדער פון די פאַבריקן און באַזאָרגן די אַרבעטער-באַפעלקערונג מיט אַ מינימום לעבנס-נויטווענדיגקייטן.

יענע יאָרן הייסן דער רעקאָנסטרוקטיווער פּעריאָד. עס האָט אָנגעהאַלטן פון אָנהויב פון דעם נעפּ (1921) ביז 1926-27. דאָס זיינען געווען יאָרן פון אָניאָגן די פּראָדוקציע פון פאַר דער רעוואָלוציע. די מאָס איז געווען 1913, וואָס איז פאַררעכנט געווען עקאָנאָמיש פאַר דעם בעסטן יאָר אונטער קאַפּיטאַליזם.

ווען דער פינף-יאָר פּלאַן איז רייף געוואָרן

שוין אין 1926 איז קלאָר געוואָרן, אַז אין די וויכטיגסטע צווייגן פון ווירטשאַפט האָט די סאָוועטישע אינדוסטריע דערגרייכט די פּראָדוקציע פון 1913. די צייט איז געקומען, ווען די פּראָדוציר-כחות פון לאַנד דאַרפן איבערשטייגן די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע נאָרמע. אין אַנדערע ווערטער, דאָס איבערבויען האָט זיך פאַרענדיגט. איצט דאַרף מען בויען, מער און ווייטער, לויט אַ נייעם פּלאַן מיט אַ קאָלאָסאַלן פאַרנעם, בויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

די קלוגע לייט פון בורזשואַזן לאַגער, וואָס האָבן פאַרזיכערט מיט צוויי יאָר צוריק, אַז דער פּלאַן איז אַ פּוסטע פאַנטאַזיע, האָבן ניט באַגריפן די גרונט-שטריכן פון אַ סאָוועטישער ווירטשאַפט. דער גרויסער דערפאָלג פון דעם רעקאָנסטרוגטיוון פּעריאָד איז מעגלעך געווען אַ דאַנק דעם וואָס די סאָוועטישע ווירטשאַפט איז אַ פּלאַנירטע און ניט קיין כאַאָטיש-אינדיווידועלע, ווי אונטער קאַפּיטאַליזם, וואו פּריוואַטע פּראָפיטן זיינען דער איינציגער פאַקטאָר, וואָס אַנטשיידט די ווירטשאַפט פון לאַנד.

די באָלשעוויקעס האָבן געקענט גלייך נאָך דעם בירגער-קריג קאָנצענטרירן אַלץ וואָס דאָס לאַנד האָט פאַרמאָגט אינדוסטריעל און נעמען דאָס איבערבויען לויט אַ צענטראַל-קאָאָרדינירטן פּלאַן. אַ קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע קען דאָס ניט באַווייזן. פּריוואַט-אייגנטום און קאָנקורענץ דערלאָזן ניט קיין צענטראַלע פּלאַנירונג פון דער ווירטשאַפט. די אָקטאָבער-רעוואָלו-

ציע האָט אָפּגעשאַפט פּריוואַט־אייגנטום מיט אַלע אירע גליקן. איין צענטער האָט געקענט וויסנשאַפטלעך אויסרעכענען און איינשטעלן וואָו, וועןאון ווי אַזוי די פאַרשיידענע צווייגן פון דער אינדוסטריע זאָלן איבערגעבויט ווערן.

נאָך קרוב דריי יאָר פאַרבאַרייטונגען איז דער פינף־יאָר פּלאַן צונויפגעשטעלט געוואָרן צו דער 16טער פּאַרטיי קאָנפערענץ און צום 5טן סאָוועטן־קאָנגרעס. דערמיט איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דעם גראַנדיעזן פּראָיעקט צו בויען סאָציאַליזם אין אַ לאַנד, וואָס פאַרנעמט אַ זעקסט־חלק פון דעם ערד־קוגל.

פאַרוואָס דווקא אַ פינף־יאָר פּלאַן? פאַרוואָס ניט אַ פּלאַן פאַר איין יאָר, ווי עס האָט געפאָדערט די רעכטע אָפּאָזיציע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער ענטפער איז אַן אײנפאַכער. אַ פּלאַן, וואָס זעט פאָראויס די בויאונג פון צענדליגער און הונדערטער אינדוסטריעלע גיגאַנטן, קאָלאָסאַלע עלעקטרישע סטאַנציעס, נייע באַן־וועגן, קוילן־גרובן און אייזן־פעלדער, א. ד. גל., קען ניט אײנגעצאַמט ווערן אין איין יאָר אָדער צוויי. די פעדים פון דעם פּלאַן ציען זיך איבער אַלע ווינקעלעך פון דעם ברייטן פאַרבאַנד. דער צענטער, וואָס דאַרף דורכפירן אַזאַ בויאונג דאַרף זען פאַר זיך דעם אָנהויב און דעם סוף פון דער פּראָגראַם. דאָס איז מעגלעך ווען די אַרבעט ווערט אַריינגענומען אין אַ גאַנצער גרופּע יאָרן.

אין דער זעלבער צייט איז נויטיג צו אונטערשטרייכן, אַז דער איצטיגער פינף־יאָר פּלאַן איז דער ערשטער, אָבער ניט דער לעצטער. די פּאַרטיי און די ראַטן־מאַכט האָבן פאַר'ן ציל די פולע פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. דאָס וועט ניט פאַרענדיגט ווערן אין דער ערשטער פּיאַטילעטקע. עס וועט זיך פאָדערן נאָך צוויי פּיאַטילעטקעס איינצושטעלן פולשטענדיג אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט.

דער איצטיגער פינף־יאָר פּלאַן דאַרף דורכפירן די אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד און די קאָלעקטיוויזאַציע פון דאָרף. עס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ שווערע און לייכטע אינדוסטריע, וואָס זאָל ניט נאָך אָניאָגן, נאָר טאַקע אַריבעריאָגן די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע אין אייראָפּע. אין דער לאַנדווירטשאַפט וועט דער פינף־יאָר פּלאַן אין גאַנצן איבערבויען דעם אַלטן דאָרף מיט זיינע מעטאָדן פון אַרבעט. אָנשטאָט די 25 מיליאָן צעבראָקלטע פּויערשע הויפן, ווערן געשאַפן אַ נעץ פון גרויסע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, וואָס וועלן באַאַרבעטן די ערד מיט די לעצטע מעטאָדן פון טעכנישער קולטור און אַגראַר־וויסנשאַפט.

דער מלוכה־פּלאַן

די פּלאַנירטע אָנפירונג מיט דער ווירטשאַפט און קולטור־בויאונג איז דאָס וויכטיגסטע געווער אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור

פאַר דער סאָציאַליסטישער אויפבוי פון לאַנד. די פראַגע וועגן אויפשטעלן אן אייהייטלעכן עקאָנאָמישן פּלאַן האָט זיך געשטעלט גלייך, ווי עס האָט זיך באוויזן די ערשטע מעגלעכקייט פון בויען, נאָך דעם סוף פון דעם בירגער־קריג.

פאַר דעם צוועק איז מיט צען יאָר צוריק — 22טן פעברואַר, 1921, — באַשאַפן געוואָרן די מלוכה'שע פּלאַניר־קאָמיסיע (גאָס פּלאַן).

די קאָלאָסאַלע טעריטאָריע און די פאַרשידנאַרטיגקייט אין באַדינגונגען האָט געוויזן, אַז די פּלאַנירטע אַרבעט מוז פּאַרצווייגט ווערן. אין יעדער רעפּובליק, געגנט און טעריטאָריע זיינען באַשאַפן געוואָרן אָרטיגע פּלאַניר־קאָמיסיעס. שפּעטער איז די אַלגעמיינע פּלאַניר־קאָמיסיע צעטיילט געוואָרן לויט די גרונט צווייגן פון ווירטשאַפט, ווי: לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, האַנדל און דאָס גלייכן. די פּאָרזיצער פון די באַזונדערע אָפּטיילונגען גייען אַריין אין פּרעזידיום פון מלוכה־פּלאַן, וואָס פאַראייניגט אַלע צווייגן פון ווירטשאַפט.

די ערשטע פאַר יאָר האָט דער מלוכה־פּלאַן געמוזט אַרבעטן נאָר אויף לויפיגע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען. אַזוי שווער איז געווען דער דרוק פון פּאַרריכטן די לעבער, וואָס קריג און בירגער־קריג האָבן איבערגעלאָזט. אין 1924-25 האָט דער מלוכה־פּלאַן צום ערשטן מאָל אַרויסגעשטעלט אַן אייניהייטלעכן פּלאַן פאַר אַ גאַנצן יאָר.

אַ יאָר שפּעטער הויבן זיך אָן די ערשטע פאָרבאַרייטונגען צו אַ גראַנדיעזן אויפבוי־פּלאַן, וואָס זעט פאָראויס די אַנטוויקלונג פון דער פּאָלקס־ווירטשאַפט אויף צען, פופצן יאָר. די אַרבעט איז רייף געוואָרן אין 1927 און איז באַוואוסט איבער דער וועלט ווי דער ערשטער פּראָגראַם פון דעם פינף־יאָר־פּלאַן. אין 1929 האָט דער פופצנטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אַ רוק געטאָן די ציפערן פון פּלאַן פאָראויס, אָננעמענדיג אַ פאַרגרעסערטן שוואונג פון אינדוסטריאַליזאַציע.

די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט איצט געפייערט דעם צען־יאָריגן יובילייא פון דעם מלוכה־פּלאַן. מיט עטלעכע מאָנאַטן פריער איז געוואָרן צען יאָר פון אַ צווייטער זייער וויכטיגער פּלאַניר־אָרגאַניזאַציע, — מלוכה עלעקטריפיקאַציע, — וואָס האָט זיך דערשלאָגן גרויסע רעזולטאַטן אויף דעם געביט פון עלעקטריפיצירן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. ביידע פּלאַניר־אָרגאַנען זיינען באַשאַפן געוואָרן מיט דער דירעקטער באַטייליגונג פון לענין.

דער מלוכה־פּלאַן ליינט אויס די פּלענער און פאָלגט נאָך זייער פאַרווירקלעכונג דורך זיינע קאָנטראָל ציפערן. די פאַרוואַלטונג פון דער אינדוסטריע ליגט אין די הענט פון דעם העכסטן עקאָנאָמישן ראַט (פאַרקירצט אין רוסיש: וו. ס. נ. כ.).

דער העכסטער עקאָנאָמישער ראַט איז אויך איינגעטיילט לויט די באַ־

זונדערע צווייגן פוןווירטשאפט. זיין פרעזידיום פאראייניגט אלע צווייגן. דער העכסטער עקאנאמישער ראט פירט אן מיט די אינדוסטריעס און באַשטימט גענוי זייער פראָדוקציע און פארטיילונג.

אלע פלענער אויסגעארבעט פון מלוכה־פלאן גייען אריבער צום העכסטן עקאנאמישן ראט פאר באשטעטיגונג און פראקטישער דורכפירונג. דאס לעצטע ווארט געהערט, נאטירלעך, דעם ראט פון די פאלקס־קאמיסארן.

דער מלוכה־פלאן און דער העכסטער עקאנאמישער ראט זיינען די צוויי גרויסע קערפערשאפטן, וואס האלטן אין זייערע הענט די פעדים פון דער ווירטשאפט.

אין ביידע ארגאנען האבן זיך אריינגעכאפט א סך שעדיגער. דער פראצעס פון דער קאנטר־רעוואלוציאנערער ראמזין־גרופע—אינדוסטריעלע פארטיי און שפעטער, דער פראצעס פון די קאנטר־רעוואלוציאנערע מענשעוויסטישע פארשווערער, מיט גראמאן און סוכאנאוו אין דער שפיץ, צוזאמען מיט דער אגראר־גרופע פון קאנדראטיעוו־טשאיאנאוו, וואס האבן פארטראטן די קולאקעס,, האט געוויזן וויפיל שווערינקייטן אט די שעדיגער האבן פאראורזאכט. אלע לויט די אינסטרוקציעס פון די פראנצויזישע אימפעריאליסטן און פירער פון צווייטן אינטערנאציאנאל. דער כח פון ארבעטער־קלאס און די וואכזאמקייט פון דער גע־פע־או האבן בייגעקומען דעם סאבאטאזש פון די פארשווערער.

אינדוסטריאַליזאַציע

דער פינף־יאָריגער פּלאַן איז אריין אין קראַפט דעם 1טן אָקטאָבער, 1928. דעם פאָריגן אָקטאָבער איז געוואָרן צוויי יאָר פּיאַטילעטקע. אזוי ווי דער עקנאָמישער יאָר איז צוריק איינגעשטעלט געוואָרן דעם 1טן יאַנואַר, אָנשטאָט ווי ביז איצט, דעם 1טן אָקטאָבער, איז דער לעצטער קווארטאַל פון 1930 צוגערעכנט געוואָרן ווי אַ שלאָג־קווארטאַל צו די צוויי יאָר פּיאַטי־לעטקע.

די צוויי פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן פולשטענדיג דעמאָנסטרירט די פּראַק־טישע דורכפירבארקייט פון דעם פינף־יאָריגן פּלאַן. דער פּאַרטיי און דער ראַטן־מאַכט איז אויסגעקומען נאָכאַנאַנד צו דוקן פאַראויס די וויזערס פון דער אינדוסטריעלער מאַשין. דער אָריגינעלער פינף־יאָריגער פּלאַן איז דריי מאָל איבערגעאַרבעט געוואָרן—אַלץ גרעסער און מיט מער פּאַרנעם—אין איינקלאַנג מיט דער שטייגנדיגער אַקטיוויטעט און ענטוזיאַזם פון די אַרבעטער-מאַסן.

דער ערשטער יאָר פּיאַטילעטקע האָט געגעבן אַ פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע אויף 25.6 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט 1928־27. דער צוויי־טער יאָר פּיאַטילעטקע האָט שוין געגעבן אַ העכערן, פון איבער 40 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט דעם ערשטן יאָר (1929־28). דאָס איז מער מיט פינף פּראָצענט ווי די אָריגינעלע פּראָגראַם פון דעם פּלאַן האָט פאָראויסגעזען. די פערציג פּראָצענט איז פאַר דער שווערער אינדוסטריע. דער וואוקס פון דער לייכטער אינדוסטריע איז געווען קלענער.

די קאָלאָסאַלע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כחות האָט געגעבן די מעגלעכקייט דער פּאַרטיי צו ווארפן דעם בארימטן לאָזונג: ד י   פ י נ ף   י אָ ר   א י ן   פ י ר ! אָפּשניידן דעם לעצטן יאָר פון דער פּיאַטילעטקע, דורכצופירן די גאַנצע פּראָגראַם אין פיר יאָר אַנשטאַט אין פינף.

דער לאָזונג איז אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט ענטוזיאַזם פון די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן. דער סאָוועטישער אַרבעטער-קלאַס האָט ניט דעם מינדסטן צווייפל אין דעם ענדגילטינן דערפאָלג פון דעם פינף־יאָריגן פּלאַן. פאַר־קערט, זייער אָפּט קומט אויס די אַרבעטער אין פאַבריק ארויסטרעטן געגן

דער אדמיניסטראַציע, וואָס טראָגט זיי אונטער פּלענער, וועלכע אונטער־שאַצן די פּראָדוציר־מעגלעכקייטן.

נאָך די ערשטע צוויי יאָר פּיאַטילעטקע

די ערשטע צוויי יאָר פּיאַטילעטקע גיבן גענוג מאַטעריאַל פאַר דעם גע־נויסטן אַנאַליז פון די רעזולטאַטן פון אינדוסטריאַליזאַציע. ניט אומזיסט האָט אַ בכבוד'יגער עקאָנאָמישער אָרגאַן פון וואָל סטריט, דער „אַנאַליסט", געמוזט אַרויסקומען מיט דער אויבן־געבראַכטער ציטאַטע, וועגן אַ הערלעכן זיג פאַר'ן סאָוועטישן „עקספּערימענט".

סיי אין דער גרויס פון דער פּראָדוקציע און סיי אין איר געלטלעכן באַטרעף, האָט די ווירקלעכקייט אַריבערגעשטיגן די פּלענער. ספּעציעל איז דאָס ריכטיג בנוגע דער שווערער אינדוסטריע, באַזונדערס אין דער מאַשי־נען און געצייג־אינדוסטריע. אַזאַ וויכטיגער אנידוסטריעלער צווייג ווי אויל־פּראָדוקציע וועט אין דעם דריטן יאָר (1931) דערגרייכן די פּראָדוקציע, וואָס איז פּלאַנירט געוואָרן פאַר׳ן לעצטן יאָר (1933). עלעקטריציטעט איז פון 1923 ביז 1930 פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 600 פּראָצענט. די ראַדיאָ־אינדוסטריע איז אינגאַנצן אַ נייע, באַשאַפן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דאָס נעמלעכע, מאָטאָרן פאַר עראָפּלאַנען און עלעקטרישע אַפּאַראַטן.

לויט דעם אָריגינעלן פּלאַן האָט דאָס געלט־ווערט פון דער שווערער אינדוסטריע פאַר די ערשטע צוויי יאָר געזאָלט זיין 12 און אַ האַלב ביליאָן רובל. פאַקטיש האָט עס באַטראָפן 13,764 ביליאָן רובל. דער גאַנצער נאַציאָ־נאַלער איינקונפט אין לעצטן יאָר פון דער פּיאַטילעטקע האָט געדאַרפט באַ־טרעפן די סומע פון 49 ביליאָן מיט 700 מיליאָן רובל. דער בודזשעט פאַר דעם יאָר 1931 דערגרייכט די סומע פון 49 ביליאָן. דאָס מיינט, אַז די נאַ־ציאָנאַלע הכנסה (האַכנאַסע) לויט דעם 4־יאָריגן פּלאַן וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין ווייניגער ווי אין דריי און אַ האַלב יאָר.

אַ קורצע טאַבעלע פון איינצעלנע וויכטיגע צווייגן פון דער אינדוסט־ריע וועט אילוסטרירן דעם קאָלאָסאַלן וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע.

אויל — לויט דעם פּלאַן אין די ערשטע 2 יאָר—28 מיליאָן טאָן, פאַק־טיש איז פּראָדוצירט געוואָרן 30 מיליאָן מיט 600 טויזנט טאָן.

אייזן — לויט'ן פּלאַן פאַר די ערשטע 2 יאָר—9 מיליאָן מיט 900 טויזנט טאָן; פאַקטיש איז פּראָדוצירט געוואָרן 10 מיליאָן מיט 200 טויזנט טאָן.

געפּרעסטער אייזן — לויט'ן פּלאַן פאַר די ערשטע 2 יאָר—7 מיליאָן; פאַקטיש איז פּראָדוצירט געוואָרן 8 מיליאָן מיט 600 טויזנט טאָן.

די עלעקטראָ־טעכנישע פּראָדוקציע האָט באַדאַרפט פּראָדוצירן אין די

צוויי יאָר צייט אויף דער סומע פון 588 מיליאָן רובל; פאַקטיש האָט זי אַרויסגעלאָזט סחורות און פּראָדוקטן אויף דער סומע פון 781 הונדערט מיליאָן רובל.

די פאַרם־מאַשינען אינדוסטריע האָט געדאַרפט פּראָדוצירן אין די ערשטע צוויי יאָר אויפ'ן ווערט פון 472 הונדערט מיליאָן רובל; פאַקטיש האָט זי דערגרייכט 515 הונדערט מיליאָן.

דער פּלאַן אַריבערגעשטיגן

אין פּראָצענטן איז דער צו־וואַקס פון דער פּראָדוקציע איבער דעם אָריגינעלן פּלאַן אַזאַ:

פאַר'ן ערשטן יאָר פּלאַן:
אויל—17.1 פּראָצענט.
שטאָל—6.7.
מעטאַל און מאַשינען—26.3 פּראָצענט.
עלעקטראָ־טעכנישע אינדוסטריע—39 פּראָצעס.

אין דער לייכטער אינדוסטריע איז דער פּראָצעס פון וואַקסן ניט געווען אַזוי ראַשיג, כאָטש איר אַנטוויקלונג איז אויך אַ גרויסע: 17 פּראָצענט מער אין 1930 ווי אין 1929. דאָס שטאַמט דערפון, וואָס די לייכטע אינדוסטריע איז אָנגעוויזן אויף אַגריקולטורעלע רויע מאַטעריאַלן. די איצטיגע פּראָגראַם האָט גענומען אין אַכט די אַנטוויקלונג פון אַ גרויסער באַזע פון רויע מאַטעריאַלן פאַר דער לייכטער אינדוסטריע, ווי קאָטן, פלאַקס, וואָל, בורעקעס פאַר צוקער, שפּייז, א. ד. גל. די אויפשטעלונג פון אַזאַ גרויסער באַזע וועט געבן אַ מעכטיגן שטויס אַלע צווייגן פון דער לייכטער אינדוסטריע און וועט לייזן דעם הונגער אין סחורות, וואָס האָט זיך געפילט פאָריגן יאָר. די פּאַרטיי האָט דערקלערט אַ מאָביליזאַציע פון כחות אויף דעם שפּייז און קליידער פראָנט און שוין דעם ווינטער (1931־30) איז געקומען אַ קענטיגע פאַרבעסערונג אין דער לאַגע. דער פּאַרזיי־שטח פון טעכנישע קולטורן (פלאַנצונגען) איז אומגעהויער פאַרגרעסערט געוואָרן. די פּראָבלעם פון ברויט איז שוין געלייזט געוואָרן פונדאַמענטאַל. דער מאַנגל אין פלייש און פעטס וועט געלייזט ווערן אין פרילינג, פון די פיל הונדערטער פי־צוכט פאַרמס, וואָס ווערן איצט אַנטוויקלט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב אין אַלע טיילן פון פאַרבאַנד.

די קאַפּיטאַליסטישע און „סאָציאַליסטישע" שונאים פאַרמאָגן אַ קורצן זכרון. מיט צען יאָר צוריק האָבן זיי אויסגעלאַכט דעם ערשטן פּלאַן, וואָס די פּאַרטיי און די ראַטן־מאַכט האָבן אויסגעאַרבעט איבערצובויען די ווירטשאַפט. מיר האָבן אין זינען דעם ערשטן פּלאַן פון עלעקטריפיקאַציע, וואָס לענין האָט אַרויסגעשטעלט אָנהויב 1920. בורזשואַזע חכמים האָבן זיך גע־

ווינלט און האָבן עס אָנגערופן עלעקטראָ-פיקציע פּלאַן.. מיט דער חכמה האָבן זיי געוואָלט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט אַ גראַנדיעזן פּלאַן, וויסנ־שאַפטלעך אויסגעאַרבעט, אויפצושטעלן אַ נעץ מיט עלעקטרישע סטאַנציעס אין פאַרשיידענע ווירטשאַפלעך־סטראַטעגישע פּונקטן פון ראַטן־פאַרבאַנד. דער באַוואוסטער ענגלישער שרייבער, וועלס, האָט נאָך זיין אינטערוויו מיט לעניג׳ען—1920—באַדויערט וואָס דער פירער פון די סאָוועטן גיט זיך אָפּ מיט חלומות (כאַלוימעס).

דאָס לאַנד איז הונגעריג, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, טעכניש שרעק־לעך אָפּגעשטאַנען און אין קרעמל זיצט אַ פאַנטאַזיאָר און גיט זיך אָפּ מיט עלעקטריפיקאַציע־פּלענער—אַזוי האָט וועלס געזאָגט.

איצט לאַכן זיי שוין מער ניט. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס גלייך אין 1920 איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט פּוילן און אַ יאָר שפּעטער דער שרעקלעכער הונגער אויף דער וואָלגאַ, און לעניג׳ס עלעקטריפיקאַציע פּלאַן האָט ניט געקענט באַלד פאַרווירקלעכט ווערן, איז פונדעסטוועגן די פּראָגראַם ווייט אַריבערגעשטיגן געוואָרן אין 1930.

גענוג צו דערמאָנען נאָר אַ טייל פון די גרויסע הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציעס, וואָס זיינען שוין פאַרטיג געוואָרן אָדער וואָס זיינען אין מיטן בויען, צו זען די קאָלאָסאַלע דערגרייכונג אין עלעקטריפיצירן אַזאַ ריזיג לאַנד.

אַזעלכע סטאַנציעס ווי וואָלכאָוו, לעבן לענינגראַד, שאַטורא, און קאַשיראַ, לעבן מאָסקווע, זעמאָ־וואַקאַלי, לעבן טיפליס, באַלאַכנאַ, לעבן ניזשני־נאָוו־גאָראָד, סווירסטראָי, לעבן לענינגראַד, באַבריקי, לעבן מאָסקווע און דניעפּ־ראָסטראָי—די גרעסטע סטאַנציע אין דער וועלט, זיינען דערגרייכונגען, וועלכע קיין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, אַמעריקע אַריינגערעכנט, האָט ניט באַ־וויזן אין אַזאַ קורצער צייט. ראַטן־פאַרבאַנד ווערט, צום סוף פון פּיאַטילעטקע, זיין דאָס ערשטע לאַנד אין אייראָפּע אין עלעקטריציטעט.

לענין האָט געטראַכט פון צען גרויסע סטאַנציעס. דער פינף־יאָר פּלאַן באַוואָרנט דרייסיג. איינינע זיינען שוין פאַרטיג. די איבעריגע בויען זיך.

דער „דורכפאַל“ פון דער עלעקטריפיקאַציע האָט שוין געדאַרפט דינען פאַר אַ ביישפּיל, אַז באָלשעוויסטישע פּלענער זיינען ניט קיין פאַנטאַזיעס, נאָר רעאַלע ווירקלעכקייטן, ווען די פּאַרטיי און דער אַרבעטער־קלאַס נעמען זיך פאַר דעם.

דער געמיינשאַפטלעכער פּלענום פון דעם צענטראַל קאָמיטעט און פון דער צענטראַלער קאָנטראָל קאָמיסיע פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, אָפּגעהאַלטן דעם צווייטן העלפט פון דעצעמבער, 1930, האָט אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון די ערשטע צוויי יאָר פּיאַטילעטקע.

די באַריכטן האָבן אַרומגענומען יעדן צווייג פון דער ווירטשאַפט. זיי האָבן געשאַפן דעם באָדן פאַר דעם גרעסטן אָפּטימיזם איבער די פּלענער פאַר 1931. די באַריכטן האָבן קלאָר געמאַכט אַז אַ גרויסע צאָל אינדוסטריעס

װעלן נאָך אין דעם לױפנדיקן יאָר דערגרײכן דעם מאַקסימום פּראָדוקציע, װאָס איז אָנגעצײכנט געװאָרן אין דעם פינף־יאָריקן פּלאַן פאַר 1933.

דער באַשרענקטער פּלאַץ אין דעם ביכל גיט אונז ניט—צום באַדױערן, די מעגלעכקײט צו ברײנגען גענױ די ציפערן און דיאַגראַמען, װאָס פאַר־צײכענען דעם קאָלאָסאַלן װאוקס פון דער סאָציאַליסטישער װירטשאַפט און דעם נאָך גרעסערן װאוקס, װאָס װערט ערװאַרטעט הײ־יאָר. די קלײנע טאַ־בעלע, װאָס מיר ברײנגען דאָ װעט אילוסטרירן אין אַלגעמײנע שטריכן די דורכפירבאַרקײט פון דעם לאָזונג: ד י פ י נ ף י אָ ר א י ן פ י ר!

װאו דער פּלאַן איז איבערגעשטיגן געװאָרן

אױל אינדוסטריע: געפּלאַנעװעט פאַר 1933 יאָר—1,700,000 טאָן. װעט שאַפן אין 1931 יאָר—25,500,000 טאָן.

מאַשין־פּראָדוקציע: געפּלאַנעװעט פאַר 1933—2,000,000,000 דאָלאַר װערט פון מאַשינען. װעט שאַפן אין 1931—2,400,000,000 דאָלאַר װערט פון מאַשינען.

עלעקטראָ-טעכנישע אינדוסטריע: געפּלאַנעװעט פאַר 1933 יאָר — 896,000,000 װערט אין רובל. װעט שאַפן אין 1931 יאָר—1,000,000,000 װערט אין רובל.

פאַרם־מאַשינען: געפּלאַנעװעט פאַר 1933 יאָר—611,000,000 װערט אין רובל. װעט שאַפן אין 1931 יאָר—756,000,000 װערט אין רובל.

אין אַגריקולטור: געפּלאַנעװעט צו פאַרזײען אין 1933 יאָר—344 מיליאָן אַקער. װעט פאַרזײט װערן אין 1931—350 מיליאָן אַקער.

קאָלעקטיװיזירטע פאַרמס און מלוכה־װירטשאַפטן: געפּלאַנעװעט פאַר 1933—46,000,000 אַקער. װעט דערגרײכן אין 1931—186 מיליאָן אַקער.

דאָס איז כמעט פיר מאָל מער װי דער מאַקסימום פון קאָלעקטיװיזאַציע, װאָס איז אױסגערעכנט געװאָרן אין פינף־יאָריקן פּלאַן.

די דערגרײכונגען פון די ערשטע צװײ יאָר האָבן זיך גלײך אָפּגערופן אױף דעם באַשטאַנד און אױף דער לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס. אין די קאַפּי־טאַליסטישע לענדער װערן פאַבריקן צוגעשלאָסן. אין ראַטן־פאַרבאַנד בױט מען נאָכאַנאַנד נײע צענדליגער פאַבריקן. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער װאַקסט די אַרמײ אַרבעטסלאָזע. אין ראַטן־פאַרבאַנד װאַקסט אָן אױפהער די צאָל באַשעפטיגטע אַרבעטער. אין דעם ערשטן יאָר פּיאַטילעטקע זײנען צוגעקומען 250 טױזנט פאַבריק־אַרבעטער. אין דעם צװײטן יאָר פּיאַטילעט־קע זײנען צוגעקומען נײע 350 טױזנט פאַבריק־אַרבעטער. דער צװװאוקס אין די איבעריקע צװײגן איז נאָך גרעסער. אָנשטאָט אַרבעטסלאָזיגקײט, פילט דער ראַטן־פאַרבאַנד אַ שאַרפן מאַנגל אין אַרבעטס־הענט, באַזונדערס אין געניטע אַרבעטער (סקילד לײבאָר).

פאַריקן זומער האָבן שױן אױסגעפעלט אַפילו ניט־קװאַליפיצירטע אַר־

בעטער (אָנסקילד לייבאָר), וועלכע ווערן געוויינטלעך אויסגעפילט פון פויער־רים־סעזאָניקעס, וואָס קומען ארבעטן אין די זומער־חדשים אין שטאָט. דער העכסטער ראט פון פאָלקס־ווירשאפט האט אויסגערעכנט, אז ביז'ן סוף פיאטילעטקע וועט די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע דארפן האָבן נאָך צוויי מיליאָן פאבריק־ארבעטער. היי־יאָר אַליין דארפן אריינגעצויגן ווערן נאָך צוויי מיליאָן מענטשן אין דער ווירטשאפט. דערפון א גאנצער מיליאָן אין דער אינדוסטריע. אזא אומדערהערטער וואוקס איז מעגלעך נאָר אונמעגלעך נאָר אונטער אן ארבעטער און פויערים רעגירונג, וועלכע פירט דורך א גיגאנטישע סאָציאַליסטישע בויאונג אומגעשטערט פון קאפיטאַליסטישער הערשאפט.

דער אויסלענדער, וואָס באזוכט דעם ראטן־פארבאנד קען זיך ניט אָפּוואונדערן פון דער פיבערישער בויאונג, וואָס האט אומגעכאפט דעם גאנצן פארבאנד. דאָס לאַנד פון די סאָוועטן איז איצט א לאַנד פון רעשטאָוואַניעס. נאָכאנאנד גראבט מען פונדאמענטן, מען גיסט ווענט פון בעטאָן (קאָנקריט) און שטאָל. מען שטעלט אויף דאמבעס, וואָס צאמען וואסער און ווינט, מען בויט מאָדערנע הייזער פאר די ארבעטער, וואָס לאָזן אין גאנג די רעדער אין די פאבריקן.

דער וואָס פאָרט פון מאָסקווע קיין קאווקאז, פאָרט דורך די שטאָט ראָסטאָוו אויפ'ן דאָן. איידער דער שנעל־צוג קומט אין ראָסטאָוו, פאָרט מען פארביי א גרופע נייע פרעכטיגע פאבריק־געביידעס פון טאָל, בעטאָן און גלאָז. הינטער די געביידעס ציען זיך הייזער, וועלכע זיינען איצט פארענדיגט. זיי שטעלן צענויף דעם בארימטן סעלמאשסטראָי (פאבריק פון לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען). די פאבריק איז געוואָרן פארטיג מיט חדשים פאר דעם באשטימטן טערמין. זי פראָדוצירט מאָדערנע מאשינען צו אקערן, פארזייען, שניידן און דרעשן די אומענדלעך ברייטע סאָוועטישע פעלדער.

א דרייסיג וויאָרסט הינטער סטאַלינגראד (געוועזענער צאריצין), איז אויפגעשטעלט געוואָרן א מאָדערנער אינדוסטריעלער גיגאנט—דער סטאַלינגראדער טראקטאָר זאוואָד. פונקט ווי דער באָדן פון סעלמאשסטראָי, אזוי אויך דאָ איז דער באָדן געווען פריער פוסט און וויסט. באַלשעוויקעס קלייבן אוים צו בויען די נייע פאבריקן הינטער די שטעט, כדי ניט צו פארגרעסערן די ענגשאפט. יעדע נייע גרויסע פאבריק ווערט דער צענטער פון א נייער שטאָט, גוט פּלאַנירט און אויסגעלייגט אויף פרייע פעלדער צו באַזאָרגן גראמקייט און לופט.

די פראָגראם פון דעם סטאַלינגראדער טראקטאָר זאוואָד איז 50 טויזענט טראקטאָרן א יאָר. דער טראקטאָר פאר דעם דאָרף איז דאָס זעלבע, ווי דער לאָקאָמאָטיוו פאר וואגאָנעס. דער טראקטאָר פירט די אקער־מאשין, די בראָנע־מאשין. שפעטער פירט דער טראקטאָר די שנייד־מאשין, די דרעשמאשין א. ד. גל. די ראטן־מאכט גיט אוים צענדליגער מיליאָנען דאָלארן א

יאָר איינצוקויפן טראַקטאָרן און אַנדערע פאַרם-מאַשינען אין אַמעריקע און דאָס איז אַ טראָפּן אין אַ ים.

דער סטאַלינגראַדער זאַוואָד באַשטייט פון פינף געביידעס, גרויסע, ברייטע, גראַמע און ליכטיגע. דער אַסעמבלי־קאָרפּוס אַליין פאַרנעמט צען אַקער. בכלל, אַלע פאַבריקן און סטאַנציעס, וואָס די באָלשעוויקעס בויען, צייכענען זיך אויס מיט זייער אויסזען איבער די בעסטע פאַבריקן אין אַמע־ריקע. די נייע סאָוועטישע פאַבריקן זיינען מוסטערן פון באַקוועמלעכקייט, לופט, ליכט און זונען־שטראַלן. אַלץ ווערט געטאָן כדי די אַרבעטער זאָלן זיך פילן געזונט.

קאַפּיטאַליסטישע נביאות וועגן סטאַלינגראַדער טראַקטאָר־זאַוואָד

די קאַפּיטאַליסטישע קאָרעספּאָנדענטן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן אַ סך געשריבן וועגן דעם זאַוואָד אין סטאַלינגראַד. אַ מאַנגל אין גענייטע אַרבעטער און צייטווייליגע שוועריגקייטן מיט דער געצייג־אויסשטאַטונג פאַר דעם פרעכטיגן זאַוואָד, איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די קאָרעספּאָנדענטן ווי אַ „באַווייז" פון באָלשעוויסטישער אומפייאיגקייט און פון דער ניט־דורכפיר־באַרקייט פון דעם פינף־יאָריגן פּלאַן.

דער שרייבער פון די שורות האָט באַזוכט דעם זאַוואָד סוף זומער, אין דער צייט פון די גרעסטע שוועריגקייטן. אפילו דענסטמאָל איז פאַר אים קלאָר געווען, אַז די שוועריגקייטן זיינען נאָר ווייטגעבורטן, און ניט פונדאַ־מענטאַלע חסרונות פון דעם זאַוואָד. די „ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן" וואָס האָבן נביאות (נייוויעס) געזאָגט וועגן דעם צוזאַמענברוך פון דעם זאַוואָד האָבן ניט געטראָפן—ווי זיי טרעפן ניט אַלע מאָל—מיט זייערע שוואַרצע נביאות וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיט באָלשעוויסטישער עקשנות און אויסדויער זיינען די שוועריגקייטן באַזייטיגט געוואָרן. אַ קייבל פון וואָלטער דוראַנטי דעם 17טן דעצעמבער, פּאָרורקט ערגעץ ווייט אין דער „טיימס", האָט דערציילט, אַז דער זאַוואָד לאָזט שוין אַרויס 40 טראַקטאָרן אַ טאָג אין איין סמענע (שיפט). דאָס איז שוין צוויי-דריטל פון דער מאַקסימום פּראָגראַם. ערשט מיט פיר וואָכן פריער האָט ניקערבאָקער, אין דער „איוונינג פּאָסט" אָפּגעזאָגט דאָס לעבן דעם זאַוואָד.

די יונגע חברים—מיטגלידער פון קאָמסאָמאָל, האָבן סוף יולי געזאָגט דעם שרייבער פון דעם ביכל:

— גיט אונז, חבר, אַ דריי חדשים צו קריגן גענייטקייט, וועלן מיר אָנ־יאָגן און אפשר אַריבעריאָגן פאָרד'ס טראַקטאָר פאַבריק.

זיי האָבן געהאַלטן וואָרט. ווען עס וועלן איינגעשטעלט ווערן די אַנ־דערע צוויי סמענעס, וועט דער טראַקטאָר גיגאַנט דערפילן זיין אויפגאַבע הונדערט פּראָצענט.

אויסער סטאַלינגראַד בויען זיך נאָך צוויי ריזיגע טראַקטאָר זאַוואָדן. איינער נאָך אַ גרעסערער אין טשעליאַבינסק פאַר סיביר און אוראַל און אַ צווייטער אַרום אַכט וויאָרסט הינטער כאַרקאָוו פאַר אוקראַינע. אויך יענע זאַוואָדן בויען זיך גלייכצייטיג מיט סאָציאַליסטישע שטעט פאַר זייערע אַרבעטער.

עלעקטריפיקאַציע אַנשטאָט עלעקטראָ־פיקציע

אַ מעכטיגער אויסדרוק פון די שעפערישע כחות, וואָס דער פינף־יאָריגער פּלאַן האָט אַרויסגעבראַכט איז דער דניעפּראָבוי. באַלשעוויקעס האָבן זיך פאַרמאָסטן אַריבערצוּוואַרפן דעם אַלטן טייך דניעפּר אויף אַ גאַנצן קילאָמעטער, און גראַדע אין דעם פּלאַץ וואו פעלזן האָבן געמאַכט אוממעגלעך יעדע נאַוויגאַציע.

דאָרטן, וואו טאַראַס בולבא מיט זיינע האַידאַמאַקעס האָבן זיך געשלאָגן פאַר זייער אומאָפּהענגיגקייט געגן פּוילישן קעניג און רוסישן צאַר, ברויזט איצט מיט אַרבעט. הויב־מאַשינען און לאָקאָמאָטיוון הודזשען און קרעכצן. 20 טויזנט אַרבעטער זיינען באַשעפטיגט אויפצושטעלן די גרעסטע עלעקטרישע סטאַנציע אין דער וועלט. ספּעציעלע פאַבריקן צו מאַכן קאָנקריט, פּראָדוצירן טשוועקעס און מאָלן שטיינער, זיינען אויסגעבויט געוואָרן צו פאַרזאָרגן דעם דניעפּראָבוי מיט אַלע מאַטעריאַלן.

די קאָלאָסאַלע סטאַנציע וועט אָנהויבן אַרבעטן צו דער פייערונג פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, היי־יאָר. זי וועט אינגאַנצן פאַרטיג ווערן אין 1932, אומגעפער מיט אַ יאָר פריער פאַר דעם באַשטימטן טערמין. זי וועט געבן אַ מיליאָן קילאָוואַט עלעקטריע אַ שטונדע.

גלייכצייטיג מיט דער סטאַנציע איז מען איצט צוגעטראָטן אויפצובויען אַ גאַנצע קאָמבינאַציע פון כעמישע און שטאָל־פאַבריקן, וואָס וועלן קריגן זייער ענערגיע פון דניעפּראָבוי. אַ נייע שטאָט הויבט זיך אויף איצט אויף דער לענג פון דניעפּר. עס וועט נעמען אַ פּאָר יאָר און אַ ריזיגער אינדוסטריעלער צענטער וועט אויסוואַקסן אויף בערגלעך און טאָלן וואו דורות־לאַנג זיינען אַרומגעלאָפן טאַבונעס ווילדע פערד.

ניט קוקנדיג אויף דעם וואָס מען מוז באַציען פון אויסלאַנד די מערסטע אויסשטאַטונג פאַר די נייע אינדוסטריעלע ריזן, שמידט שוין די סאָוועטישע אינדוסטריע אייגענע פּראָדוציר־מיטלען. סאָוועטישע פאַבריקן פּראָדוצירן שוין מאָדערנע, קאָמפּליצירטע מאַשינען, מאָטאָרן און טורבינען. דער שרייבער האָט באַזוכט אַ נייע, פּרעכטיגע עלעקטרישע סטאַנציע אין קיעוו. אַרבעטן דאָרטן צוויי נאָר־וואָס אַריינגעשטעלטע גענעראַטאָרן פון דער זעלבער קראַפט, איינער פון דייטשלאַנד און דער צווייטער פון אַ מאַשין־פאַבריק אין לענינגראַד. די זעלבע פאַבריק אין לענינגראַד האָט שוין אַרויסגעלאָזט אַ גענעראַטאָר פון 24 טויזנט קילאָוואַט עלעקטריע אַ שטונדע.

די פאַבריק „קאָמונאַר" אין זאַפּאַראָזשיע האָט אַרויסגעלאָזט סוף זומער די ערשטע קאָמבאַין־מאַשינען, וואָס זיינען דאָס לעצטע וואָרט אין אַגראַר־טעכניק.

די פאַבריקן פון פאַרם־מאַשינען אין טשעליאַבינסק, האָט שוין אַרויס־געלאָזט די ערשטע „קאַטערפּילער" טראַקטאָרן, פּראָדוצירט לויט אייגענע פּלענער. יעדער קאַטערפּילער פאַרמאָגט 60 פערד־קראַפט.

אויף סאָוועטישע פעלדער האָבן אין שניט־צייט געאַרבעט גרויסע, מאָ־דערנע „מאָלאָטילקעס" (דרעש־מאַשינען), געטריבן פון גאַזאָלין, די פּראָ־דוקטן פון אַ ריזיגער פאַבריק אין כאַרקאָוו. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מען געמוזט באַציען מאָטאָרן פאַר עראָפּלאַנען אין אויסלאַנד. איצט איז יעדע טייל פון עראָפּלאַן פּראָדוצירט אין סאָוועטישע פאַבריקן. דאָס נעמלעכע ראַדיאָ־סטאַנציעס און ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. די סאָוועטישע אינדוסט־ריע פון עלעקטרישע אַפּאַראַטן האָט געמאַכט ריזיגע פאָרטשריט. סאָוועטישע אַרבעטער האָבן זיך אויסגעלערנט אַרומצוגיין מיט די קאָמפּליצירטסטע אינסטרומענטן. און דאָס איז נאָר דער אָנהויב.

סאָציאַליסטישער איבערבוי פון דאָרף

„מיר גייען פאָראויס מיט פולער פאַרע, דורך אינדוסטריאַליזאַציע צום סאָציאַליזם, איבערלאָזנדיק הינטער אונז די דורות־לאַנגע אָפּגעשטאַנענקייט.

„מיר ווערן אַ לאַנד פון מעטאַלן, אויטאָמאָבילן און טראַקטאָרס. און ווען מיר וועלן אַריינזעצן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַ מאָטאָר־וואָגן און דעם פויער אין אַ טראַקטאָר, זאָלן דענסטמאָל די געאַכטעטע קאַפּיטאַליסטן, וואָס שטאָלצירן מיט זייער „ציוויליזאַציע" פּרובירן אונז אָניאָגן. מיר וועלן נאָך זען, וועלכע לאַנד וועט באַטראַכט ווערן פאַר אָפּגעשטאַנען און וועלכע פאַר פאָרטגעשריטן". (סטאַלין, 1929).

דער וויכטיגסטער און אימפּאָזאַנטסטער טייל פון דעם פינף־יאָר פּלאַן איז אָן צווייפל די קאָלעקטיוויזאַציע פון דאָרף. אויב די פינטלעכע וועלט האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו דער אינדוסטריאַליזאַציע, האָט זי אויסגעלאָזט איר גאַנצע גאַל צו די פּלענער פון קאָלעקטיוויזאַציע. בורזשואַזער פּראָפעסאָר, מענשעוויק, סאָציאַל־דעמאָקראַט, טראָצקיסט און רעכטער קאָמוניסט האָבן אויסגעלאַכט דעם לאָזונג פון דער פּאַרטיי: „פולשטענדיגע קאָלעקטיוויזאַציע אויפ'ן באַזיס פון ליקווידירן דעם קולאַק ווי אַ קלאַס".

קאָלעקטיוויזאַציע איז פאַרשריגן געוואָרן ווי אַ בלאָף. חבר סטאַלין איז אָנגערופן געוואָרן: ווילדער אַוואַנטוריסט. די שונאים האָבן פאַרזיכערט, אַז אויב די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיינט ערנסט מיט איר משוגענעם פּלאַן, וועט דאָס זיין דער סוף פון דער גאַנצער רעוואָלוציע. די בורזשואַזע וועלט איז געווען זיכער, אַז דער פאַרזוך „אַרויפצוצווינגען" אויפ'ן דאָרף קאָלעקטיוויזאַציע, וועט זיין דער פעלז אָן וועלכן די באָלשעוויסטישע שיף וועט צעשמעטערט ווערן. זייער חשבון איז געווען א פשוט'ער: אין ראַטן־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן 25 מיליאָן פויערשע הויפן. לענין אליין האָט געזאָגט, אַז דאָס זיינען 25 מיליאָן נעסטן, וואָס האָדעווען די באַצילן פון קאַפּיטאַליזם. זיך פאַרמעסטן „פּלוצלונג" אָפּצואוווישן אָט־די מיליאָנען נעסטן איז

א זאך פון אוממעגלעכקייט. נאר משוגעים קענען זיך לאזן אויף אזא אויאנ־טיורע.

א סך טינט איז פארגוצט געווארן צו באווייזן באותותו ומופסים, אז די פויערים וועלן ארויסווייזן א גוואלדיגן ווידערשטאנד. מען האט גע'טענה'ט: דער פויער איז בטבע א קליינבירגער. ער איז געלט־גייציג, כיטרע, און אפ־געשטאנען. ער וועט ענטפערן די באלשעוויקעס מיט א סטרייק. פעלדער וועלן ניט פארזייט ווערן, וועט אין הערבסט ניט זיין וואס צו שניידן, וועט ניט זיין וואס צו עסן. וועט די סאוועטן־מאכט צוזאמענברעכן צווישן בערג מיט מענטשן אונגעקומענע פון הונגער. אדער דאס דארף וועט אויפהויבן אן אויפשטאנד און א בירגער־קריג וועט זיך צעפלאקערן צווישן דארף און שטאט. אויסלענדישע אינטערווענציע וועט דערנסטמאל אינגאנצן פארטיליגן די רעוואלוציע.

פאבריצירטע פויערים־אויפשטאנדן

אזוי זיכער זיינען געווען די שונאים מכל המינים, אז דער דארף וועט זיך ניט לאזן קאלעקטיוויזירן, אז זיי האבן באצייטנס פאבריצירט אויפ־שטאנדן. דער וואונש איז דער פאטער פון געדאנק.

ווען דער שרייבער איז געפארן אין מערץ 1930 פון בערלין אין מאסק־ווע, האט ער אויפ'ן וועג, אין ווארשע, געקויפט א נומער פון דעם „ראבאט־ניק“, ארגאן פון דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי (פ. פ. ס.). דער „ראבאטניק“ האט געדרוקט א קייבל פון בערלין, מיט „שרעקלעכע“ נייעס: אין ראטן־פארבאנד האט אויסגעבראכן א בירגער־קריג! דער דארף מאר־שירט געגן שטאט. ארבעטער סטרייקן. סאלדאטן שיסן אויף די גאסן. „נאר —האט די טעלעגראמע חנ'עוודיג צוגעגעבן—די גרוים פון בירגער־קריג קען ניט באשטימט ווערן, ווייל טעלעגראף און טעלעפאן פארבינדונגען צווישן די שטעט זיינען איבערגעריסן“.

אין צען שעה שפעטער זיינען מיר ארונטער אין דער ערשטער גרע־סערער סאוועטישער שטאט, מינסק. פויערים זיינען געלעגן אויסגעלייגט פרידלעך אין אלע צימערן פון וואקזאל. זיי האבן נאר ניט געוואוסט, אז לויט דעם נוסח פון בערלין דארפן זיי גאר מארשירן. ווען מיר האבן גע־פרעגט די חברים אויפ'ן וואקזאל, וואו זיינען די רויטע ארמייער, וואס דאר־פען שיסן אויף די גאסן, האבן זיי אונז געענטפערט, אז ערשט מיט א טאג צוריק זיינען רויט־ארמייער געווען אין די גאסן. צוזאמען מיט די ארבע ־ער פון שטאט האט דער רויטער גארניזאן דעמאנסטרירט געגן פאפסט, רב (ראוו) און קאפיטאליסט, וואס האבן געהעצט צו א היילינן קרייץ־צוג געגן באלשעוויסטישן לאנד פאר די כלומר'שטע רעליגיעזע פארפאלגונגען.

ניט נאר די אבראמאוויטשעס און וואנדערוועלדעס האבן פאראויסגע־זאגט א צוזאמענברוך. אזעלכע טוער ווי די חברים בוכארין, ריקאוו און

טאָמסקי, האָבן אין פעברואַר צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום דעם צענטראַל קאָמיטעט מיט אַ וואָרנונג. אויב מען וועט באַלד ניט אָפּשטעלן די קאָלעק־טיוויזאַציע, וועט ראַטן־פאַרבאַנד צוזאַמענברעכן אין אַ חודש, צוויי.

איצט, נאָך קרוב אַ יאָר און אַ האַלב קאָלעקטיוויזאַציע, איז שוין ניט נויטיג צו ספּעקולירן פּ אַ ר אָדער נ ע ג ן. דער סך־הכל פון דעם ערשטן קאָלעקטיוון פאַרזיי און קאָלעקטיווער גערעטעניש רעדן פאַר זיך. קאָלעקטי־וויזאַציע איז די גרעסטע דערגרייכונג אויפן סאָציאַליסטישן פראָנט אין 1930. דער סאַמע פאַקט, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט זיך צע־שריען, אַז די סאָוועטן־רעפּובליק „דאַמפּט" ווייץ, איז דער בעסטער באַווייז ווי ווייט דערפאָלגרייך די קאָלעקטיוויזאַציע איז געווען שוין אין ערשטן יאָר.

אנשטאָט צו ענטפערן מיט אַ סטרייק, האָבן די פּויערים אין די קאָלעק־טיוון פאַרזייט אַ סך אַ גרעסערן באָדן ווי פריער. דער פאַרזיי־שטח פון די זומער תבואות אין פרילינג 1930 איז געווען 5 מיליאָן מיט 7 הונדערט טוי־זענט העקטאַר לאַנד מער ווי אין 1929. דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די פּויערים האָבן מ ע ר פאַרזייט, ב ע ס ע ר פאַרזייט, סאָרטירט די זוימען, ראַ־דיקאַל געענדערט די סיסטעם פון טיילן פעלדער, פּ אַ ר ז י י ט אַ ז ע ל־כ ע פּ ל אַ נ צ ו נ ג ע ן, וואָס דער סאָוועטישער פּויער האָט אין זיינע אויגן ניט געזען.

די רעזולטאַטן זיינען אויך געווען אַנדערע. אַ בעסער־באַאַרבעטע ערד איז פרוכטבאַרער. איז טאַקע די גערעטעניש סוף זומער געווען אַ הויכע. די פאָלגנדיגע טאַבעלע באַווייזט עס:

דניעפּראָבוי—גרעסטע אין דער וועלט סטאַנציע

אַלגעמיינע גערעטעניש אין 1929—71,700,000 טאָן תבואות.
אַלגעמיינע גערעטעניש אין 1930—87,400,000 טאָן תבואות.

צום ערשטן מאָל זיינען מיליאָנען פּויערים אריינגעצויגן געוואָרן אין אַ פּ ל אַ נ י ר ט ע ר קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, צום ערשטן מאָל האָבן זיי געקראָגן אַ ביסל מאַשינען—ווייט ניט גענוג—און געהאַט פאַר זיך באַ־שטימטע אויפגאַבן, וואָס זיי האָבן פרייוויליג גענומען אויף זיך דורכצו־פירן. זיי האָבן באַנוצט די זעלבע מעטאָדן ווי די אַרבעטער אין דער סאָ־ציאַליסטישער אינדוסטריע: שלאָג־בריגאַדן (אודאַרניקי) און סאָציאַליס־טישע פאַרמעסטונג.

צום ערשטן מאָל זיינען אויף די פעלדער פון צפון קאַווקאַז און אוקראַי־נע פאַרזייט געוואָרן בוים־וואָל (קאָטן), סאָיע־בעבלעך (אַזאַ פלאַנצונג פון דער ווייטער קאָרייע, וואָס וואַקסט זייער גערדיכט און פון וועלכער מען פאַב־ריצירט אויל, פּוטער, און ענלעכע נאַרהאַפטע שפּייז). דער פּויער וואָס האָט קיינמאָל ניט געזען ווי אַזוי קאָטן וואַקסט. האָט זיך געלערנט ווי אַזוי אַרומ־צוגיין אַרום דעם. נאָר אין קאָלעקטיוו איז מעגלעך געווען צו באַוועגן אים

צו פארזייען אזא רויען מאַטעריאַל אַן וועלכן די סאָוועטישע טעקסטיל אינ־דוסטריע קען ניט עקזיסטירן. דער סאָוועטן־פארבאנד גיט אויס שווערע מיליאָנען דאָלארן אַ יאָר איינצוקויפן אין אַמעריקע און עגיפּטן, קאַטן. דער געלונגענער פּארזוך צו קולטיווירן קאַטן אין צפון־קאַווקאַז און אוקראַינע, צוזאַמען מיט די קאַטן־פּלאַנטאַציעס אין טורקעסטאַן, וועלן אין גיכן שאַפן די נויטיגע קאַטן־באַזע, וואָס וועט באַפרייען די סאָוועטישע טעקסטיל־אינ־דוסטריע פון אַמעריקאַנישע און ענגלישע קאַטן־קאַפּיטאַליסטן.

שוין אין 1930 איז צוזאַמען מיט טורקעסטאַן פארזייט געוואָרן איבער 3 מיליאָן העקטאַר מיט קאַטן. די גערעטעניש וועט געבן אַרום 320 טויזנט פּעק אייגענעם קאַטן. עס איז אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג אין דעם פּלאַן פון שאַפן אַן אייגענע באַזע פאַר דער טעקסטיל אינדוסטריע.

די אַלע וואָס האָבן גערעדט וועגן „ארויפצווינגען“ קאָלעקטיוויזאַציע אויף די פּויערים, האָבן בווייזוויליג געפּלאַפּלט. די קאָמוניסטישע פּארטיי איז געקומען אין דאָרף מיט איין איינציג מיטל: איבערצייגונג. דער פּאַר־טיי איז געלונגען צו איבערצייגן צענדליגער מיליאָנען אָרימע און מיטעלע פּויערים, אז דער איינציגער אויסוועג פון אָרימקייט, הונגער און אָפּגע־שטאַנענקייט איז אָנצוווענדן אין דער לאַנדווירטשאַפט מעטאָדן פון הוי־כער טעכניק. ווען די ערד וועט באַארבעט ווערן מיט מאָדערנע מאַשינען און וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, ווען נאָך פּלאַנצונגען וועלן קולטיווירט ווערן, וועט אָפּגעשאַפט ווערן די שטענדיגע מורא פאַר אומגערעטעניש. ערד וועט געבן גענוג תבואה בו באַזאָרגן די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע אין שטאָט מיט דעם נויטיגן שפּייז, און די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, ווידער, וועט באַזאָרגן דעם סאָציאַליסטישן דאָרף מיט אַלע נויטיגע סחורות און פּראָ־דוקטן.

די פּארטיי האָט קלאָר געמאַכט פאַר דעם דאָרף, אז די קליינע, צע־ברעקלטע, פּויערשע הויפן קענען ניט אָנווענדן מאָדערנע מאַשינען און וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן אין זייער ווירטשאַפט. נאָר ווען די איינצעלנע קליינע ווירטשאַפטן וועלן פאַראייניגט ווערן אין גרויסע קאָלעקטיווע ווירט־שאַפטן, וועט ערד־ארבעט קענען דערהויבן ווערן אויף דער נויטיגער טעכ־נישער הויך. אין אנדערע ווערטער, מען מוז אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, מיט וועלכע די ערד ווערט באַארבעט, ווי אויך פּריוואַטע באַלעבאַטישקייט פון דער ערד גופא. אַ ווירטשאַפט וואָס פאַרמאָגט גרויסע פעלדער קען אויסנוצן ביז צום מאַקסימום דעם טראַקטאָר און די איבעריגע ערד־ארבעט מאַשינען. די גרויסע ווירטשאַפט פאַרמאָגט אויך די מיטלען זיך איינצושאַפן די טראַקטאָרן און די מאָדערנע אַקער און שנייד־מאַשינען.

אַפגעשאַפט די „מעזשאַ“

די וועלכע זיינען אמאָל געווען אין א דאָרף וויסן וואָס די „מעזשע“ —דער שמאָלער פּאַס, וואָס טיילט אָפּ איין פעלד פון דער צווייטער—האָט געמיינט. די „מעזשע“ איז געווען דער עמבלעם פון פּריוואַט־אייגנטום אין דאָרף. צוליב קריגערייען איבער דער מעזשע האָבן זיך פּויערים יאָרן־לאַנג געלאָדן אין געריכט. צוליב קריגערייען איבער דער מעזשע זיינען הייזער און דערפער אַוועק מיט׳ן רויך. (

אַפּצעווישן די מעזשע, פּאַרוואַנדלען הונדערטער איינצעלנע פעלדער אין איין גרויסע קאָלעקטיווע פעלד און באַאַרבעטן זי אַלע צוזאַמען, ארויס־פירן דעם פערד פון דעם שטאַלכל הינטער׳ן הויז און צונויפנעמען אַלע פערד אין איין געזעלשאַפטלעכער שטאַל, ארויספירן די קו (אין קאָלעקטיוו ווערט גענומען די צווייטע קו, ווען מען מילך איז צום פאַרקויפן) פון שטאַלכל און אַריינשטעלן זי אין א געזעלשאַפטלעכע שטאַל מיט אַלע אנדערע קי, איז זיכער די גרינדלעכסטע איבערקערעניש אין לעבן פון פּויער.

געמיינשאַפטלעך פעלד, געמיינשאַפטלעכע מאַשינען און געצייג צו באַאַרבעטן דאָס פעלד; געמיינשאַפטלעכער לעבדיגער און טויטער אינ־ווענטאַר—מיינט ניט בלויז פונדאַמענטאַל איבערצובויען די ווירטשאַפט פון מיליאָנען פויערים, נאָר א גוואַלדיגער איבערברוך אין מוחות און באַ־גריפן! אן אמת׳ע ג ײ ס ט י ג ע ר ע װ אָ ל ו צ י ע. ניט אומזיסט האָבן די שונאים אזוי געשטורעמט אז קאָלעקטיוויזאַציע „וועט ניט אויסהאַלטן“. זיי האָבן גוט געוואוסט אז א דערפאָלגרייכער סאָציאַליסטישער איבערבוי פון דאָרף וועט מאַכן א סוף איינמאָל פאַר אַלע מאָל צו זייערע חלומות צוריקצוברייננגען קאַפּיטאַליזם אין לאַנד פון די סאָוועטן.

איז די קאָלעקטיוויזאַציע געווען א גרינגע אויפגאַבע? זיכער ניט. די פּאַרטיי און די ראַטן־מאַכט האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף א רייע שוועריגקייטן. דער ווילדער ווידערשטאַנד פון די קולאַקעס האָט געדאַרפט גע־בראָכן ווערן. אָבער די פּאַרטיי האָט דורכגעפירט פריער א גרויסע צוגרייטונגס־אַרבעט. די ראַשיגע אנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער אינ־דוסטריע האָט געשאַפן די נויטיגע טעכנישע באַזע—פּאַרם־מאַשינען, פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע. דער דערפאָלג פון ערשטן יאָר פּיאַטילעטקאַ אין דער אינדוסטריע האָט שוין געגעבן די מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו דער סאָציאַליסטישער איבערבויאונג פון דאָרף. מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע האָט די פּאַרטיי פאַנאַנדערגעוויקלט די פולע סאָציאַליסטישע אָפענסיווע נעגן די רעשטן פון קאַפּיטאַליזם אויףביידע פראָנטן, אין שטאָט און אין דאָרף. זי איז ביינעקומען דעם ווידערשטאַנד פון די אָפּשטאַרבנדיגע בור־זשואזע קלאַסן און דעם סאַבאָטאַזש פון זייערע אַגענטן.

עס איז נויטיג צו אונטערשטרייכן די אָנפירנדיגע ראָלע פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט אין דער אָרגאַניזירונג פון די קאָלעקטיוון. די פּאַרטיי האָט מאָביליזירט פאַר דער קאַמפּאַניע אין דאָרף די אזוי־גערופענע „25,000“,—

פינף־און־צוואנציג טויזנט פון די בעסטע, מיליטאנטישע ארבעטער זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צו ארבעטן אין דאָרף צוויי יאָר צייט. די „25,000־ניקעס" זיינען עס געווען די יעניגע, וואָס האָבן פאַנאַנדערגעשאָקלט די פויערים־מאסן אין די דערפער, איבערצייגט זיי אין דער אומפאַרמיידלעכקייט און נויטווענדיגקייט פון קאָלעקטיוויזאציע. זיי האָבן אָרגאַניזירט און אָנגעפירט די קאָלעקטיוון און גלייכצייטיג ארויסגערוקט פון די פויערים־רייען אייגענע אָנפירער און טוער. די „25,000'ניקעס" זיינען דערמיט געוואָרן אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער טעטיגקייט און וואוקס פון די קאָלעקטיוון אין דעם סאַמע אָנהויב פון זייער געבורט.

אונטער דער פירערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט

אויסער די „25,000" זיינען נאָך הונדערטער טויזנטער אינדוסטריעלע ארבעטער געקומען צו־הילף די קאָלעקטיוון. אין דעם ערשטן ווינטער פון דער קאָלעקטיוויזאציע (1929—30) האָבן ארום 200,000 ארבעטער און טוער פאַרבראַכט אין דאָרף א קורצע צייט צו העלפן אָרגאַניזירן די קאָלעקטיוון. עס איז שווער געווען צו טרעפן א קאָמוניסט וואָס איז ניט געווען א צייט אין דאָרף. אָט־די ארבעטער זיינען געווען די טרייב־כחות אין דער גיגאַנטישער קאָלעקטיוויזאציע־באַוועגונג. שפּעטער, אין צייט פון שניט, האָבן הונדערטער טויזנטער ארבעטער פרייוויליג אוועקגעגעבן זייער וואַקאַציע און זיינען געגאַנגען אין די דערפער צו העלפן די יונגע קאָלעקטיוון אראָפּנעמען דעם שניט פון די פעלדער. זיי האָבן רעמאָנטירט די מאַשינען, געוויזן די פויערים ווי צו ארבעטן אָרגאַניזירטערהייט, זיי געלערנט סאָציאַליסטישע מעטאָדן פון ארבעט, א. ד. גל.

דער בונד צווישן די ארבעטער און די פויערים איז געקרעפטיגט געוואָרן מיט דער פרייוויליגער ארבעט פון הונדערטער טויזנטער אינדוסטריעלע ארבעטער. לעניג'ס גרונט־פרינציפּ וועגן דער „סמיטשקא" (צוזאַמענשלוס) צווישן דעם שטאָט און דעם דאָרף איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אויף א טיכטיגן אופן. אין דער קאָלעקטיוויזאציע איז קלאָר דעמאָנסטרירט געוואָרן פאַר מיליאָנען פויערים די אָנפירנדיגע ראָל פון דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. אונטער דער אָנפירונג און מיט דער מיטארבעטערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט גייט איצט דער דאָרף צום סאָציאַליזם.

די קולאַקעס, גלחים און זייערע אונטערשטיצער האָבן אויפגענומען די קאָלעקטיוויזאציע מיט א ביטערער, ניפטיגער געגנערשאַפט. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין מיטל אויפצוהעצן די פויערים קעגן די קאָלעקטיוון. און ניט נאָר מיט די צינגער. די קולאַקעס האָבן מיט די הענט זיך געשטעלט קעגן. די סאָוועטישע צייטונגען האָבן באריכטעט א סך פאַלן פון מאָרד, סם, און אונטערצינדעריי. עס זיינען געווען פאַלן ווען קולאַקעס האָבן אין דער פינצטערער נאַכט געשאָסן אויף איינצעלנע קאָמוניסטן און

קאָמיוניסטן, וועלכע זיינען געקומען אגיטירן פאַר קאָלעקטיוון. עס זיינען געוועז פאַלן ווען קולאַקעס האָבן אונטערגעצונדן הייזער פון פויערים, וועלכע זיינען אקטיוו געוועז אין דער קאָלעקטיוויזאַציע. טעראָר, ווילדע רכילות מיט אָפענעם און באַהאַלטענעם סאַבאָטאַזש האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט דעם גרויסן שטראָם פון אָרעמע און מיטעלע פויערים אין די קאָלעקטיוון.

קולאַקעס העצן די פויערים

די הויפּט־אַגענטור פאַר דער קולאַקישער העצע זיינען געוועז די פּויערטעס. די קולאַקעס האָבן שפּעקולירט אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער פּויערטע, אויף איר מורא פאַר ענדערונגען, אויף די רעשטן פון אָבער־גלויבן, וואָס איז נאָך איינגעוואָרצלט ביי איר.

אזוי צום ביישפּיל האָבן די קולאַקעס און גלחים אָפּגעפּרישט די גע־שיכטע מיט נאַציאָנאַליזאַציע פון פרויען. זיי האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז אין די קאָלעקטיוון וועלן אַלע פרויען נאַציאָנאַליזירט ווערן. אַז אין די קאָלעקטיוון וועלן די יונגע פויערטעס זיין געצוואונגען אָפּצעשערן זייערע צעפּ. אַז מען וועט אויפנייען קאָלדרעס פון 12 מעטער און אַלע וועלן מוזן שלאָפן אונטער איין קאָלדרע. און נאָך פון דעם סאָרט.

גלייכצייטיג האָבן די קולאַקעס געזוכט אָנצעשרעקן די פויערטעס. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז די מאַשינען אין קאָלעקטיוו וועלן מאַכן איבעריג די אַרבעט פון דער פרוי. מען וועט איר עקאָנאָמיש ניט דאַרפן האָבן. אין דער איינצלנער פויערשערווירטשאַפט איז די פויערטע עקאָנאָמיש איינע פון די הויז־חיות. זי טראָגט אַ גרויסן טייל פון דער באַלעבאַטיש־קייט אויף אירע פּלייצעס. ווירטשאַפטלעך איז זי פאַר דעם פויער אַזאַ נויטווענדיגקייט ווי אַן אַקער און אַ פערד. די קולאַקעס האָבן דעריבער געפּרובירט שפּילן אויף אָט־דער סטרונע און שרעקן דער פויערטע מיט עקאָנאָמישער נוצלאָזיגקייט.

אַ טייל קאָמוניסטן וואָס זיינען געשיקט געוואָרן אין דאָרף, זיינען אַ סך אויסגעשטאַנען פון דער העצע וואָס די קולאַקעס האָבן געפירט. אַ ביישפּיל קען דינען דער פאַל וואָס איז דערציילט געוואָרן אין דער „פּראַוודאַ״.

אין איינעם פון די גרויסע קאָזאַקישע סטאַניצעס אין אַרמאַווירער ראַיאָן, צפון־קאַווקאַז האָבן די קולאַקעס אַזוי אויפגעהעצט די קאָזאַטשקעס, אַז זיי האָבן געכאַפּט אויפ׳ן גאַס דעם חבר וואָס איז געקומען אַרבעטן פאַר קאָלעק־טיוויזאַציע, אים גוט צעשלאָגן און געשלעפּט אים דערטרינקען אין דער־בייאיגן טייך.

די צעיושעטע קאָזאַטשקעס האָבן דעם חבר — אַ געוועזענער מעטאַל־אַרבעטער פון טולאַ — אריינגעוואָרפן אין וואַסער און מיט שטיינער אים געטריבן טיפער אין טייך. דער חבר האָט זיך געטרונקען, אָט־אָט און ער האָט אַ פולן מויל מיט וואַסער. ער איז אָבער ניט געוועז קיין שרעקעוו־

דיגער אינגל. אַ באָלשעוויק וואָס האָט דורכגעמאַכט די רעוואָלוציע און דעם בירגער־קריג און געזען ניט איין מאָל דעם טויט פאַר די אויגן, האָט ער זיך אויך דאָס מאָל ניט פאַרלאָרן.

ווי אַלע טוער, וואָס ווערן געשיקט אויף אַרבעט, האָט ער געהאַט מיט זיך זיין פּאָרטפעל מיט די נויטיגע פּאַפּירן. ווען די פויערטעס האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין טייך, איז דער פּאָרטפעל געווען מיט אים אין וואַסער. איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ער האָט צונויפגענומען זיינע לעצטע כחות און אויסגעשריען:

— בירגערינס, קאָזאַטשקעס. מילא, מיר מעגט איר דערטרינקען. אָבער דער פּאָרטפעל איז דער אייגנטום פון קאַזנאַ (מלוכה) און קאַזנאַ וועט אייך האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אומברענגען איר אייגנטום.

די קאָזאַטשקעס האָבן זיך צעטומלט. „קאַזנאַ” איז ביי זיי אין געדאַנק פאַרבונדן נאָך פון די אַלטע צאַרישע צייטן מיט אַ וועזן וואָס באַשטראָפט שטרענג. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט דעם אַרבעטער פון וואַסער מיט דעם געדאַנק צונעמען ביי אים דעם פּאָרטפעל און צוריק אים אַריינשליידערן. אָבער ווען אים איז געלונגען צו שטעלן זיינע פיס אויפ׳ן האַרטן באָדן, האָט ער ווייטער גענומען טענה׳ען צו די קאָזאַטשקעס, זיי נאָך מער צעטומלט און פאַרוואונדעטערהייט זיך דערשלעפּט צוו דאָרפישן סאָוועט און אַזוי געראַטעוועט זיך דעם לעבן.

דאָס האָט פּאַסירט אינמיטן ווינטער. זעקס מאָנאַטן שפּעטער איז דער שרייבער פון דעם ביכל דורכגעפאָרן צפון קאַווקאַז און באַזוכט אויך דער אַרמאַווירער ראַיאָן. וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע ענדערונג! די ראַיאָנען פון צפון קאַווקאַז, באַפעלקערט פון קובאַנער און דאָנער קאָזאַקן, מיט אַ געמיש פון ניט־קאָזאַקן, גיבן דעם העכסטן פּראָצענט קאָלעקטיוויזאַציע אין גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד. סוף זומער זיינען איבער 60 פּראָצענט פון אַלע קאָזאַקישע און ניט־קאָזאַקישע הויפן געווען קאָלעקטיוויזירט. אָרטיגע חברים האָבן פאַרזיכערט אַז צו דעם פאַרזיי פון די ווינטער־תבואות וועט די קאָלעקטיוויזאַציע אַרומנעמען אַרום 75 פּראָצענט פון אַלע ווירטשאַפטן און קומענדיגן פרילינג (1931) וועט עס דערגרייכן צו פולשטענדיגרע קאָלעקטיוויזאַציע.

דער לאָזונג פון דער פּאַרטיי: „פולשטענדיגע קאָלעקטיוויזאַציע אויפ׳ן באַזיס פון ליקווידירן דעם קולאַק ווי אַ קלאַס” וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין צפון־קאַווקאַז אין צוויי יאָר צייט.

מיר שטעלן זיך אָפּ אויף צפון־קאַווקאַז ניט בלויז ווייל אין די פלענער פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע אין אויסלאַנד איז דער געגנט אַ מין „וואַנדייאַ” *) נאָר הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל צפון קאַווקאַז און אוקראַינע זיינען די טיכטיגסטע תבואה־טעריטאָריעס אין גאַנצן פאַרבאַנד. צפון־

*) די וואַנדייאַ איז געווען אַן אָפּגעשטאַנענע פּראָווינץ, וואָס האָט געליפערט כחות פאַר דער קאָנטער־רעוואָלוציע אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

קאווקאז־קאווקאז און אוקראינע זיינען די תבואה־שפייכלערס און גראדע דארטן וואו די ערד איז פרוכטבארער און וואו דער פויער איז מער איינ־געפונדעוועט, איז קאָלעקטיוויזאציע דער גרעסטער דערפאָלג. צו דעם פאר־זיי פון די ווינטער־תבואות איז אוקראינע געווען אויף א גאנצע העלפט קאָלעקטיוויזירט און צפון־קאווקאז אויף צען פּראָצענט מער. אין צפון־קאווקאז האָבן מיר געזען קאָלעקטיוון וואָס האָבן ארומגענומען 1800 ווירטשאפטן.

די באַדייטונג פון פּלאַנירטער לאַנדווירטשאַפט

די רעזולטאטן פון איין יאָר קאָלעקטיוויזאציע זיינען גוואלדיג. דער פויער האָט דערזען וואָס עס מיינט פאר אים אָרגאניזירטע און פּלאַנירטע ווירטשאפט. אין א סך קאָלעקטיוון האָט זיך די איינקונפט פון דעם פויער פארדאָפּלט נאָך דער ערשטער גערעטעניש. די מאשינען וואָס דער קאָ־לעקטיוו האָט געקראָגן אין קרעדיט פון דער מלוכה—כאָטש ווייט נים גענוג,—די בעסערע מעטאָדן פון ארבעט און זייען, די פּלאַנמעסיגע סיסטעם און א ריכטיגע איינטיילונג פון דער ארבעט צווישן די מיטגלידער פון קאָלעק־טיוו האָבן געבראכט באַלדיגע פרוכטן. גענוג צו זאָגן, אז דורכשניטלעך האָט יעדער אקער באָדן אין א קאָלעקטיוו געגעבן מיט 15 פּראָצענט מער תבואה ווי אן אקער ביי דעם איינצעלנעם פויער. ווען די קאָלעקטיוון וועלן קריגן נאָך מער מאשינען וועט די פרוכטבארקייט פון זייערע פעלדער שטייגן נאָך פיל מער.

די פויערטע, וואָס איז געווען די הויפּט־אגענטור פאר דעם קולאַקישן ווידערשטאנד, האָט אויך דערפילט די גרויסע ענדערונג וואָס קאָלעקטיווי־זאציע האָט געבראכט אין איר לעבן. די גרויסע קאָלעקטיוון האָבן שוין ביי דעם ערשטן פארזיי זיך דערטראכט צו אזעלכע קאָמונאלע איינריכטונ־גען, וואָס באפרייט דער פויערטע פון א היבשן טייל פון איר לאסט. ווען הונדערטער פויערים זיינען ארויס אָרגאניזירטערהייד צו פארזייען איין גרויס מאסיוו פעלד, איז נים נויטיג אז יעדע פויערטע זאָל קאָכן און צוטראָגן באזונדער עסן איר מאן. די גרויסע קאָלעקטיוון האָבן דעריבער איינגע־פירט געזעלשאפטלעכע נארונג אין צייט פון פעלד־ארבעט. אזוי ווי אן ארמיי־קיך גייט נאָך די סאָלדאטן אויף זייער מארש, אזוי האָט א קאָלעק־טיווע קיך געשפייזט די פויערים אין פעלד. אין א סך קאָלעקטיוון איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן קינדער־יאסלעס. די פויערטעס האָבן געקענט איבערלאָזן זייערע קינדער און קענען רואיג זיך אָפּגעבן מיט זייער ארבעט.

צום ערשטן מאָל איז די פרוי באפרייט געוואָרן פון ספּעציעלער זאָרג פאר איר ווירטשאפט. נים געווען מער איר פעלד און אירע קי. די פויער־טעס האָבן געארבעט פונקט ווי זייערע מענער, איינגעטיילט אין גרופּן אויף אן אָרגאניזירטן און פּלאַנמעסיגן אופן, ווימנדיג געגוי זייערע אויפ־גאבן יעדן טאָג.

נאָך דער ערשטער גערעטעניש האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער שטראָם אין די קאָלעקטיוון. פּויערים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן יאָר, געוואָלט זיין קלוגע און אָפּוואַרטן די רעזולטאַטן פון ערשטן קאָלעקטיוון שניט, האָבן דערזען וואָס קאָלעקטיוויזאַציע מיינט פאַר זיי. נאַטירלעך, דאָס מיינט ניט צו זאָגן אַז קלאַסן־קאַמף אין דאָרף איז שוין אַ פאַרגאַנגענע זאַך, אַז דער ווידערשטאַנד פון די קולאַקעס איז שוין אינגאַנצן געבראָכן. עס מיינט אָבער יאָ, אַז דער סאָציאַליסטישער איבערבוי פון דאָרף וועט פאַרענדיגט ווערן פיל, פיל פריער ווי דער פינף־יאָריגער פּלאַן האָט פאָראויסגעזעזן. די דעקלאַראַציע פון דער פּאַרטיי און פון דער ראַטן־מאַכט אונטערגעשריבן פון די חברים סטאַלין פאַר דער פּאַרטיי און מאָלאָטאָוו פאַר דער רעגירונג איז אַ פעסטער אָנצייגער פון דעם ראַשיגן טעמפּאָ פון קאָלעקטיוויזאַציע. די דעקלאַראַציע אַרויסגעגעבן דעם 20טן יאַנואַר (1931) איז אַ רוף צום אַרבעטער־קלאַס און צו דער גאַנצער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט צו פאַרענדיגן קאָלעקטיוויזאַציע נאָך אין סוף פון 1931. קיין צווייפל אַז דער רוף וועט פאַרווירקלעכט ווערן. גענוג צו זאָגן, אַז אין פאַרלויף פון די ערשטע 20 טעג נאָך דעם רוף האָבן 726 טויזנט פּויערים זיך אָנגעשלאָסן אין די קאָלעקטיוון. דער אַלגעמיינער פּראָצענט קאָלעקטיוויזירטע פּויערשע הויפן האָט זיך געהייבן אויף 7 פּראָצענט.

אין זיין באַריכט אויפ'ן זעקסטן אַלפאַרבאַנדישן סאָוועטן־קאָנגרעס— מערץ, 1931—האָט חבר יאַקאָוולעוו, קאָמיסאַר פון ערד־אַרבעט אָנגעגעבן, אַז דעם 20טן פעברואַר זיינען 9,000,000 פּויערים - פאַמיליעס אָנגעשלאָסן געווען אין די קאָלעקטיוון. פאַר'ן גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד מיינט עס, איבער אַ דריטל פון דער גאַנצער פּויערישער באַפעלקערונג. אין מיטן זומער איז דער פּראָצענט געווען עטוואָס ווייניגער פון אַ פערטל.

דער נייער שטראָם פון פּויערים אין די קאָלעקטיוון איז דער שטאַרקסטער באַווייז פאַר דער ריכטיגער לענינשער ליניע פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. די מיליאָנען אָרעמע און מיטעלע פּויערים, וואָס האָבן פרייוויליג אויפגעגעבן פּריוואַט־אייגנטום און זיינען אריינגעטראָטן אין די קאָלעקטיוון, זיינען איצט שותפים מיט דעם פּראָלעטאַריאַט אין שטאָט אין בויען סאָציאַליזם. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז די באַרימטע „שער", וואָס איז דער סימבאָל פון דעם ריס, וואָס עקזיסטירט צווישן שטאָט און דאָרף אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אָפּגעווישט געוואָרן. סאָציאַליסטישע אינדוסטריע און סאָציאַליסטישע אַגריקולטור שפּאַנען צוזאַמען צו איין געמיינשאַפטלעכן ציל. ניטאָ מער צווישן זיי קיין אינערלעכע געגנזאַצן. ווי די לאַגע איז אין די פאַראייניגטע שטאַטן, וואו די אינדוסטריע איז הויך אַנטוויקלט און קאָנצענטרירט און לאַנדווירשאַפט איז צעפּיצלט און אָפּגעשטאַנען. אפילו אין די גוטע יאָרן פון דער אינדוסטריע האָבן די פאַרמער זיך געפונען אין אַ כראָנישן קריזיס.

קלמן מרמר, ניו יאָרק

די פרוכט פון איין יאָר קאָלעקטיוויזאַציע

שוין איינמיטן זומער, נאָך דער פּאַרזיי־קאַמפּאַניע, איז קלאָר געווען די וואונדערבאַרע דערגרייכונגען וואָס די פּאַרטיי האָט זיך דערשלאָגן אין דאָרף. דער פּאַרזייטער באָדן האָט אומ׳ברחמנות׳דיג צעשלאָגן די פּאַניק־אַרגומענטן פון די רעכטע און דעם שפּאָט פון די „לינקע“. אדאנק די זיגן וואָס די פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטן אויפ׳ן געביט פון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע איז אויף דעם 16טן פּאַרטיי צוזאַמענפאָר (יוני, 1930) ניט געווען קיין שפּור פון אַן אָרגאַניזירטער רעכטער אָפּאָזיציע. צום ערשטן מאָל האָט אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געהאַט צוויי טויזנט דעלעגאַטן, געהאַנדלט ווי איין מענטש.

די געוועזענע פירער פון דער רעכטער אָפּאָזיציע האָבן זיך געקלאַפּט אין הארצן. זיי זיינען געצוואונגען געווען עפנטלעך צוצוגעבן זייערע אָפּ־נויגונגען פון דער ריכטיגער ליניע, וואָס די פּאַרטיי האָט אויפגעהאַלטן.

דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט, נאָך אַ גענויער דיסקוסיע, איינשטימיג דערקלערט:

> „די געוועזענע רעכט־אָפּאָרטוניסטישע גרופּע איז, אָביעקטיוו גענו־מען, די אַגענטור פון די קולאַקעס אין דער פּאַרטיי“.

אַזאַ קאַטעגאָרישע אָפּשאַצונג האָט געבראַכט צו זיך די מערסטע קאָ־מוניסטן וואָס האָבן זיך פריער געוואַקלט.

דער לאָזונג: דורכאויסיגע קאָלעקטיוויזאַציע אויף דעם באָדן פון ליקווידירן דעם קולאַק ווי אַ קלאַס, איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר נאָך מיט מער קראַפט ווי פריער. דאָס איז געווען דער רע־זולטאַט פון דעם גרויסן זיג אין דער פּאַרזיי־קאַמפּאַניע. דער שניט איז געווען דער צווייטער זיג וואָס די פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטן. מיט ווייניג מאַשינען איז אַראָפּגענומען געוואָרן אַ גערעטעניש, וואָס האָט ניט זיין פאַרגלייך אין די 13 יאָר פּראָלעטאַרישער הערשאַפט.

וואָס פאַר אַ גרויסע ענדערונג דאָס ערשטע יאָר קאָלעקטיוויזאַציע האָט געבראַכט אין די כחות־פאַרהעלטנישן אין דאָרף ווייזט די פאָלגנדיגע טאַבעלע:

אין 1929, איידער די כוואַליע פון קאָלעקטיוויזאַציע האָט זיך אָנגע־הויבן, האָט די מלוכה באַקומען תבואה:

פון די מלוכה־פאַרמס — — — — — — —	3.5 פּראָצענט
פון קאָלעקטיוון— — — — — — — —	8.5 פּראָצענט
אָרעמע און מיטעלע פּויערים — — — —	65 פּראָצענט
פון קולאַקן — — — — — — — — —	23 פּראָצענט

אין 1930, נאָך דעם ערשטן שניט פון דער קאָלעקטיוויזאַציע קאַמ־פאַניע, האָט די מלוכה געקראָגן תבואה :

מלוכה־פאַרמס — — — — — — — — — —	8 פּראָצענט
קאָלעקטיוון — — — — — — — — — — —	44 פּראָצענט
איינצלנע אָרעמע און מיטעלע פּויערים— —	45 פּראָצענט
קולאַק — — — — — — — — — — — — —	3 פּראָצענט

אין אַנדערע ווערטער, נאָך דעם ערשטן שניט האָט דער סאָציאַליס־טישער סעקטאָר פון דאָרף צוזאַמען מיט די מלוכה־פאַרמס פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין צושטעלן תבואה דער מלוכה. 52 פּראָצענט פון דעם גאַנצן ברויט קומט שוין פון די קאָלעקטיוון און די מלוכה־פאַרמס. דער קולאַק, וואָס האָט פריער געהאַלטן אין זיינע הענט 23 פּראָצענט פון דעם גאַנצן ברויט, איז איצט אַראָפּגעשטויסן געוואָרן נאָר צו 3 פּראָצענט. זיין עקאָ־נאָמישע קראַפט אין דאָרף ווערט דערפירט באַלד צום נול.

ווען מען רעכנט צו אַז די קאָלעקטיוון און די מלוכה־פאַרמס האָבן פאַרזייט פּאָריגן יאָר 36 פּראָצענט מער באָדן און אַז היי־יאָר איז זייער פאַרזיי־שטח נאָך פיל גרעסער, ווערט קלאָר די מעכטיגע באַדייטונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע פאַר דעם סאָציאַליסטישן איבערבוי פון שטאָט און דאָרף.

א פאַרגלייך מיט דער לאַנדווירטשאַפט אין אַמעריקע

דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן מיט א מינימום טעכנישע מיטלען. אין 1930 האָבן אין גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד געאַרבעט ניט מער ווי 76 טויזנט טראַקטאָרן אין דער צייט ווען אין אַמעריקע איז אין זעלבן יאָר געווען איבער דריי־פערטל מיליאָן טראַקטאָרן. פונדעסטוועגן איז דער פאַרזייטער באָדן אין אַמעריקע פאַרגרעסערט געוואָרן נאָר אויף 4 פּראָצענט און אין ראַטן־פאַרבאַנד אויף 21 פּראָצענט (אַריינרעכענענדיג די איינצעלנע פּויערים). אין אַמעריקע וואָגן נאָר ניט די אָרעמע און מיטעלע פּויערים חלומ'ען וועגן א טראַקטאָר. זייער ווירטשאַפט גייט באַרג־אַראָפּ נאָכאַנאַנד. באַנק־מאָרטגעדזשעס, הויכע פּראָצענטן, אַלערליי טראַסטן און קאָרפּאָריישאָנס, תבואה־סוחרים און ספּעקולאַנטן זויגן אויס דעם פּויער ביז'ן ביין.

אין ראַטן־פאַרבאַנד קריגט דער אָרעמער און מיטעלער פּויער, אָרגאַ־ניזירט אין די קאָלעקטיוון, טראַקטאָרן און אַנדערע פאַרם־מאַשינען. די גאַנצע טעכניק וואָס די מלוכה קען קריגן איז געשטעלט געוואָרן אין דינסט פון די קאָלעקטיוון. דעריבער זעען מיר די פאַרוועלקונג פון דער אַגריקול־טור אין דער רייכער אַמעריקע און די אויפבלי פון אַגריקולטור אין דעם „אָרעמען" סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין אַמעריקע לעבן מיליאָנען פאַרמער אין א ביטערן עקאָנאָמישן קריזיס. אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן איז פאַר'משכנ'ט. הונגער שפּאַצירט אַרום פריי איבער גאַנצע 21 שטאַטן. דער לעבעדיגער

אינווענטאר שטארבט אוים און די פארמער אליין האלט קוים אויף די נשמה מיט די ברעקלאך צדקה, וואס דער רויטער קרייץ ווארפט זיי צו.

וואשינגטאן האט איין „ראדיקאלן" מיטל פאר די פארמער—ווייניגער פארזיי. הויכע באאמטע פון דער רעגירונגס פארם באארד (קאמיסיע) מיט'ן אגריקולטור מיניסטער, האיד, אין דער שפיץ, פארן ארום אויסצואווירקן ביי די פארמער, זיי זאלן פארקלענערן זייער פארזיי־שטח (שעטאך) אויף א פערטל, אדער א גאנצן דריטן. קיין אנדער לייזונג האט ניט א קאפי־טאליסטישע רעגירונג. אין סאוועטן־פארבאנד, ווידער, פארקערט, העלפט מען די פויערים צו פארזייען וואס מער.

אין ראטן־פארבאנד מאכט דורך דער דארף א קאלאסאלן אויפשוואונג. טראקטאר און מאשין ווערן אריינגעפירט. יונגע פויערים, וואס האבן קיינ־מאל א טראקטאר אין זייערע אויגן ניט געזען, טרייבן זיי איצט איבער פעלדער אדער לערנען זיך צו פאריכטן טראקטארן אין די גרויסע מאשין־שעפער, וואס זיינען ספעציעל פאר דעם צוועק געעפנט געווארן. די סא־ציאליסטישע אינדוסטריע ליפערט דעם דארף מאשינען צו הויבן די פרוכט־בארקייט פון דעם באדן און דעם לעבנס־סטאנדארד פון דעם פויער. דער דארף, ווידער, האט א באשטימטע אויפגאבע וויפיל ברויט, אנדערע תבואות און טעכנישע קולטורן ער דארף צושטעלן דעם סאציאליסטישן פראלעטא־ריאט אין שטאט.

די גרויסע מאשין־שעפער—מען רופט זיי מאשין־טראקטאר סטאנציעס—שפילן א גוואלדיגע ראלע אין דער מעכאניזירונג פון דער ערד־ארבעט. די מאשין־טראקטאר סטאנציע איז די באזע פאר דער הויכער טעכניק אין דארף. דארטן ווערן פאריכט טראקטארן און אנדערע פארם־משינען. דארטן לערנען זיך צענדליגער טויזנטער יונגע פויערים און פויערטעס צו ווערן מעכאניקער. די מאשין־טראקטאר סטאנציעס זיינען גלייכצייטיג ארבעטס־פלעצער און שולן פאר דעם יונגן דור אין דעם דארף.

אין פארלויף פון 1931 וועלן געעפנט ווערן נייע טויזנט מאשין־טראק־טאר סטאנציעס אין פארשיידענע ווינקלען פון ריזיגן פארבאנד. צוזאמען וועלן ארבעטן איבער 1,700 אזעלכע סטאנציעס. יעדע סטאנציע איז א גאראנטיע פאר דער דערפאלגרייכער ארבעט פון די קא־לעקטיוון. יעדע סטאנציע איז א וויגעלע פון טעכנישער קולטור פאר'ן פארוואָרפענעם, ביז־ניט־לאנג שרעקלעך־אפגעשטאנענעם דארף. אנשטאט די 76 טויזנט טראקטארן וועלן דעם פרילינג 120 טראקטארן ארבעטן אויף די סאוועטישע פעלדער. דאס שטייגט אריבער לענינ'ס פראגראם אויף 20 טויזנט.

מיר האבן פריער דערמאנט, אז אין דעם קאלעקטיוו — אויף רוסיש הייסט עס קאלכאז, קאלעקטיווונאיע כאזיאיסטווא—גיבן אויף די מיטגלידער זייער פריוואטע באלעבאטישקייט אויף ערד און אויף די פראדוקציע־מיט־לען מיט וועלכע דאס ערד ווערט באארבעט. זאכן פון פערזענלעכן נוץ זיינען

ניט קאָלעקטיוויזירט. דער איינקונפט פון קאָלעקטיוו ווערט איינגעטיילט אויפ'ן פאָלגענדיגן באַזיס:

צווישן 25 און 33 פּראָצענט געגרעטעניש קריגט די מלוכה, לויט פעסט־באשטימטע פרייזן. צען פּראָצענט גייט פאר אלגעמיינע אויסבעסערונגען פון דער ווירטשאַפט. פינף פּראָצענט ווערט באנוצט פאר א רעזערוו־פאָנד. דאָס איבעריגע ווערט צעטיילט צווישן די מיטגלידער לויט דער צאָל ארבעטס־טעג וואָס יעדער מיטגליד האָט געגעבן. אויב צום ביישפּיל, א פּויער האָט אין זיין פאמיליע פינף מענטשן, וועלכע ארבעטן, און יעדער איינער פון זיי האָט אריינגעלייגט 40 ארבעטס־טעג, קריגט ער פאר 200 טעג. אויב א פּויער האָט נאָר דריי ארבעטס־פייאיגע אין זיין משפּחה, קומט אויס אויף זיין חלק ווייניגער.

כדי צו סטימולירן טיכטיגקייט אין דער ארבעט און הויפּטזעכלעך, כדי צו דערמוטיגן די פּויערים צו לערנען זיך ארבעטן מיט מאַשינען, איז די ארבעט איינגעטיילט אין פינף קאַטעגאָריעס. אַן ארבעטס־טאָג פון א טראַקטאָריסט איז העכער פון דעם ארבעטס־טאָג פון איינעם וואָס גיט אכטונג אויף די פערד פון קאָלעקטיוו. די פּויערטע, וואָס טוט א שווערערע, פאַראַנטוואָרטלעכע ארבעט, באַלאַנגט צו א העכערער קאַטעגאָריע ווי די פּויערטע, וואָס טוט א גרינגערע אָדער א ווייניגער פאַראַנטוואָרטלעכע ארבעט. און אַזוי כסדר.

ווען די קאָלעקטיוון וועלן אינגאַנצן מעכאַניזירט ווערן, ווען ארבעט וועט אינגאַנצן געטאָן ווערן נאָר מיט מאַשינען, וועלן נאַטירלעך די פאַר־שיידענע קאַטעגאָריעס פאַרשווינדן. דער דאָרף וועט דענסטמאָל זיך גע־פינען אין א הויכער טעכנישער קולטור און די קאָלעקטיוון וועלן אריבער־גיין אין קאָמונעס—די העכסטע פאָרמע פון סאָציאַליזם אין אגריקולטור.

די שטאָלענע אייניגקייט אויף דעם 16טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

שוין איצט זיינען פאַראַן א היבשע צאָל קאָמונעס אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. צו דער קאָמונע באַלאַנגען געוויינטלעך די מער־באַוואוסט־זיניגע פּויערים — די דעמאָביליזירטע רויט־ארמייער, רויטע פּאַרטיזאַנעס, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אין בירגער־קריג. אין דער קאָמונע איז שוין אלצ־דינג פאַרגעזעלשאַפטלאַכט. דאָרטן הערשט דער קאָמוניסטישער פּרינציפּ, וואָס מארקס און ענגעלס האָבן אַוועקגעלייגט:

„פון יעדן לויט זיין פייאיגקייט און יעדן לויט זיינע באדערפעגנישן".

אויך די קאָמונעס האָבן געהאַט אויסצושטיין א גרויסן קאַמף ביז זיי האָבן זיך באַפעסטיגט. איצט זיינען פאַראַן גוט־איינגעאָרדנטע קאָמונעס, וואָס פירן א הויכע ווירטשאַפט. אָפט איז די קאָמונאַרן אויסגעקומען צו בויען אלץ פון דאָס ניי.

די קאָמונע איז דער צווייטער שטאַפּל, אין וועלכן די קאָלעקטיוויזאַציע

וועט ארויפשטייגן אין דער גאַר נאָענטער צוקונפט ווען די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע וועט קענען באַזאָרגן דעם דאָרף מיט אַלע נויטיגע געצייג און מאַשינען. דענסטמאָל וועט דער דאָרף גאָר אַנדערש אויסזען. אַזוי ווי איצט ווערן געבויט סאָציאַליסטישע שטעט פאַר די אַרבעטער, וועלן דענסט־מאָל—אין עטלעכע יאָר שפּעטער—אויפשטיין סאָציאַליסטישע דערפער מיט וואוינונגען און איינריכטונגען פאַר אַ סאָציאַליסטישן לעבן.

אַזאַ פּלאַן פאַר אַ סאָציאַליסטישן דאָרף איז שוין אויסגעאַרבעט גע־וואָרן. דאָס איז די גרעסטע איבערקערעניש אין לעבן פון פּויער און גלייכ־צייטיג ניט קיין פאַנטאַזיע. אַן אָנגעזעענער אייראָפּייאישער אַגראַר־טוער, ניט קיין קאָמוניסט, וואָס האָט זיך באַקאַנט מיט דעם פּלאַן, האָט פּאַרזי־כערט דעם שרייבער, אַז דאָס איז פולשטענדיג פּראַקטיש. עס פאָדערט זיך אַ ביסל אָנזאַמלונג פון מאַטעריעלע און קולטורעלע כחות, צו קענען צוטרע־טען צו דער פאַרווירקלעכונג פון אַ נייעם, סאָציאַליסטישן טיפּ דאָרף, וואָס וועט אינגאַנצן ניט האָבן דעם אויסזען פון דעם אַלטן דאָרף.

אַן אָרגאַנישער טייל פון דער רעקאָנסטרוקציע־פּראָגראַם איז די בויאונג פון ריזיגע מלוכה־פאַרמס אויף לאַנד, וואָס איז קיינמאָל ניט קולטיווירט געוואָרן. אויך דער טייל פון דער פּראָגראַם איז פאַרשריגן געוואָרן די ערשטע צייטן פון מענשעוויקעס, עס־ערן, טראָצקיסטן און רעכטע קאָמו־ניסטן, ווי אַ פּוסטע פאַנטאַזיע. אויסגעלאָזט האָט זיך קאַפּויער. די מלוכה־פאַרמס זיינען אַ ריזיגע דערגרייכונג. די פאָלגנדיגע ציפערן אילוס־טרירן:

די מלוכה־פאַרמס האָבן פאַרזייט אין 1929—אַ מיליאָן העקטאַר באָדן
די מלוכה־פאַרמס האָבן פאַרזייט אין 1930—4½ מיליאָן העקטאַר באָרן.
די מלוכה־פאַרמס וועלן פאַרזייען אין 1931—9 מיליאָן העקטאַר באָדן

אין 1930, דער צווייטער יאָר פון דער פּיאַטילעטקאַ, האָבן די מלוכה־פאַרמס געגעבן איבער 100 מיליאָן פּוד תבואה, אַרונטגערעכענענדיג זייער אייגענע זריעה.

די מלוכה־פאַרמס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אויף סטעפּעס (פּרעי־רים) וואוהין דער איינצעלנער פּויער, מיט זיין פערד און סאָכע, קען ניט צוקומען, שוין ניט רעדנדיג פון באַאַרבעטן דעם באָדן. די מלוכה האָט געבראַכט אין די סטעפּעס טראַקטאָרן און מאָדערנע פאַרזייי־ און שנייד־מאַשינען, האָט אָנגעווענדעט דאָרטן מאָדערנע מעטאָדן פון אַרבעט און אוועקגעשטעלט די פאַרמס אויף'ן זעלבן שטייגער ווי גרויסע פאַבריקן.

די רעזולטאַטן זיינען געווען קאָלאָסאַל. די ערד, באַאַרבעט און קולטיווירט ווי געהעריג, האָט געגעבן אַ סך אַ העכערע גערעטעניש. די ריזיגקייט פון די פאַרמס און די פּלאַנמעסיגקייט פון דער אַרבעט האָט גוואַלדיג געשניטן די קאָסטן פער העקטאַר און פער טאָן תבואה. גענוג צו זאָגן, אַז אַ פּוד תבואה קאָסט דעם „גיגאַנט"—די גרעסטע מלוכה־פאַרם אין צפון־קאַווקאַז—אַרום 60 קאָפּיקעס. אין דער צייט ווען די פעסטע

מלוכה־פרייזן וואָס די מלוכה צאָלט דעם קאָלעקטיוו אָדער דעם איינצעלנעם פויער איז צווישן 1.30 רובל און 1.60 פאר א פוד. אפילו קלענערע און יונגערע מלוכה־פארמס ווי דער „גיגאנט" האָבן באוויזן דעם ערשטן יאָר צו רעדוצירן אויף העלפט די קאָסטן פון לאנד־ווירטשאפט.

זייער כאראקטעריסטיש. דער געדאנק פון ריזיגע פארמס, אוועקגע־שטעלט אויפ'ן שטייגער פון א פאבריק, שטאמט פון אמעריקע. טהאָמאס קעמפבעל, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אין דעם שטאָט מאָנטאנא אנטוויקלט א ריזיגע פארם, וואָס ארבעט מיט די מאָדערנסטע מאשינען און וואו די ארבעט איז צעטיילט אויף אן אינדוסטריעלן סיסטעם. אָבער אין דער „רייכער" אמעריקע האָבן זיך די ריזיגע פארמס נישט געקענט אנטוויקלען. קעמפבעל איז דער איינציגער פון דעם סאָרט. די אורזאכן זיינען גאנץ איינפאך. לאנד איז ניט פריי און יעדער איינער וואָס וואָלט וועלן פאראייניגן שטיקער באָדן אין איין ריזיגער פארם דארף ארייגלייגן אזוי פיל געלדער אין אָפקויפן דעם באָדן, אויפשטעלן אלע געביידעס און איינקויפן די נויטיגע מאשינען, אז נאָר מיליאָנערסקע פירמעס וואָלטן עס געקענט באוויזן. אָבער מיליאָנערסקע פירמעס לוינט זיך ניט אריינגיין אין די ביזנעס פון לאנדווירטשאפט, ווייל עס טראָגט ניט די פראָפיטן, וואָס זיי זיינען געוויינט צו קריגן פאר זייער אריינגעלייגטן קאפיטאל.

טאָמאס קעמפבעל, דער פאָטער פון דעם נייען טיפ פארם, איז דער־ריבער געפענטעט העגט און פיס. ער האָט געמוזט ארויסלאָזן אקציעס, אָנקומען צו וואָל סטריט, צאָלן הויכע פראָצענטן, א. ד. גל. נאָך עטוואָס. קעמפבעל שטויסט זיך אָן אויף נאָך א וויכטיגער שוועריגקייט. ער האָט ניט וואו אויסצונוצן זיינע מאשינען. ווען זיינע מאשינען און ארבעטער פארענדיגן אין פרילינג דעם פארזיי, שטייען זיי ליידיג. דאָס נעמלעכע אין שניט, הערבסט. אים קומט אויס צו צאָלן א סך געלט פאר וויכטיגע מאשינען, וועלכע ער קען אויסנוצן נאָר עטלעכע חדשים אין יאָר.

ווען די סאָוועטן־רעגירונג האָט איינגעלאדן קעמפבעל'ן מיט צוויי און א האלב יאָר צוריק אויסצוהערן זיין מיינונג וועגן דער ראטזאמקייט פון גרינדן די גרויסע פארמס, האָט קעמפבעל גלייך דערפילט די קאָלאָסאלע מעגלעכקייטן וואָס זיין אידייע האָט אין לאנד פון די סאָוועטן. ער האָט פארשטאַנען אז דאָרטן, וואו דער באָדן באלאנגט ניט צו קיין באנקירן־קאפיטאליסטן, וואו מען ווייסט ניט פון קיין מאָרטגעדזשעס און פראָצענטן, וואו אלץ באלאנגט צום פאָלק און פרייען באָדן איז אויך דאָ, איז פאראן א ברייטער פארנעם צו פארווירקלעכן זיין געדאנק.

אָבער קעמפבעל אליין האָט זיך ניט גערעכט, אז די באָלשעוויקעס וועלן אנטוויקלען די זאך מיט א סך א גרעסערן שוואונג ווי ער האָט פאָראויס־געזאָגט. ווייל נאָך אלעמען האָט אין ראטן־פארבאנד געפעלט דער גראד טעכנישע קולטור וואָס פאָדערט זיך פאר דער אָרגאניזירונג פון קאָלאָסאלע אגריקולטורעלע ווירטשאפטן.

דער וואוקס פון די מלוכה־פארמס

פאריגן זומער האט קעמפבעל נאכאמאל באזוכט ראטן־פארבאנד. ער איז ארומגעפארן איבער די רעגירונגס־פארמס. זייער דערפאלג האט אים איבערראשט. אין אן אינטערוויו אין דער „איזוועסטיא" וועגן זיינע איינדרוקן פון „גיגאנט" און אנדערע רעגירונגס־פארמס, האט קעמפבעל, צווישן אנדערעס, געזאגט:

„מיט א יאר און א האלב צוריק בין איך געווען אין ראטן־פארבאנד ווען עס האט זיך אנגעהויבן בויען די מעכאניזירטע, ריזיגע, מלוכה־פארמס. דאס וואס איך האב געזען איצט, שטייגט אריבער מיינע דערווארטונגען. די גרעסטע פארמס אין די פאראייניגטע שטאטן, זיינען קארליקעס אין פארגלייך מיט די קלענסטע מלוכה־פארמס אין ראטן־פארבאנד.

„א געוואלדיגן איינדרוק האט אויף מיר געמאכט דער פארנעם פון דער בויאונג, דער ענטוזיאזם פון די ארבעטער און די מעכאניזאציע פון די פארמס".

„פון מיין אייגענער דערפארונג ווייס איך וויפיל שוועריגקייטן מען דארף בייקומען ביים בויען די פארמס. אונזער פארם האבן מיר געבויט אין פארלויף פון 25 יאר. דעריבער באוואונדער איך די רעזולטאטן, וואס זיינען דערגרייכט געווארן דא ביי אייך. די טיכטיגע פלאנירונג פון געביידעס און ארבעט, און די וואוינונגען פאר די ארבעטער, זאגן עדות וועגן דער הויכער קענטשאפט און פיאיגקייט פון די אינזשענערן און אדמיניסטראציע".

קעמפבעל האט גלייכצייטיג אנגעוויזן אויף אן אנגעווייטאגטן ארט אין די מלוכה־פארמס: די נאכלעסיגע באציאונג צו מאשינען. פון דעם ליידן אויך די קאלעקטיוון. זארגפעלטיגקייט איבער מאשינען און געצייג איז אן אייגנשאפט וואס ניט אלע ארבעטער וואס שטאמען פון דארף האבן איינגעזאפט אין זיך. דער יונגער פויער וואס ווערט שנעל, אין א פאר חדשים, צוגעגרייט צו טרייבן א טראקטאר, פארמאגט נאך ניט אפט די נויטיגע באציאונג צום טראקטאר. די פרעסע און די סאוועטישע געזעלשאפטלעכקייט פירט א שטארקע קאמפאניע אויסצעווארצלען נאכלעסיגקייט צו מאשינען.

דער צווייטער שטאפל איז די קאמונע

דער „גיגאנט" איז דער גרעסטער סאווכאז (סאוועטסקאיע כאזיאסטווא, סאוועטישעווירטשאפט, אזוי הייסט א מלוכה־פארם). „גיגאנט" פארמאגט א שטח פון 200,000 העקטאר באדן. אין 1930, אין צווייטן יאר פון זיין עקזיסטענץ, האט ער שוין באוויזן צו פארזייען 153,000 העקטאר. „גיגאנט" האט געארבעט מיט 230 טראקטארן, 230 קאמביין־מאשינען (א מאשין וואס שניידט, בינדט און דרעשט די תבואה גלייכצייטיג) און א סך אנדערע

מאשינען. זיין פארזייטער שטח האָט זיך געצויגן אומגעפער 70 קילאָ־מעטער אין דער לענג און 60 קילאָמעטער אין דער ברייט. שטעלט זיך פאָר: איין ריזיג פעלד מיט ווייץ אויף 60־70 קילאָמעטער לאַנג. היי־יאָר פארזייט „גיגאַנט" זיין גאַנצן באָדן. פריער איז דאָרט געווען א סטעפּ מיט ווילד גראָז.

„גיגאַנט" און די איבעריגע מלוכה־פארמס זיינען פאבריקן וואָס פּראָ־דוצירן תבואה. די ארבעטער זיינען אוועקגעשטעלט אין דער זעלבער לאגע ווי אינדוסטריעלע ארבעטער. די ריזיגע פארם איז איינגעטיילט אין ראַ־יאָנען, די ארבעטער זיינען איינגעטיילט אין בריגאַדעס, אזוי ווי צעכן אין א פאבריק. א ריזיגע מאשין־סטאַנציע פארריכט אלע מאשינען און געציַיג.

ווען „גיגאַנט" איז פארטיג געוואָרן מיט'ן פארזייען האָט ער אריבער־געוואָרפן זיינע טראַקטאָרן און מאשינען אויף די פעלדער פון די דערביי־איגע קאָלעקטיוון. „גיגאַנט" האָט אַפילו באוויזן צו שיקן א טראַקטאָר־אָפּטיילונג אין א צווייטער מלוכה־פארם אין ווייטן אוראַל. דאָ ליגט דער אונטערשייד צווישן א סאָוועטישער פארם און אן אמעריקאַנישער פארם. „גיגאַנט" נוצט אויס זיינע מאשינען אויף א מאַקסימום אופן. ניטאָ קיין גרענעץ וואָס טיילט אָפּ זיינע פעלדער פון די פעלדער פון קאָלעקטיוון אָדער אפילו פון איינצעלנע פויערים. „גיגאַנט" דינט מיט זיינע מאשינען דעם גאַנצן געגנט ארום. דאָס זעלבע טוען די איבעריגע מלוכה־פארמס.

א קאַפּיטאַליסטישע פאַרם, ווי קעמפּבעל'ס, איז געצאַמט פון גרענעצן. צו וואָס זאָל א קאַפּיטאַליסט באַארבעטן פרעמדע פעלדער?

סוף 1930 זיינען געווען 12 מלוכה־פארמס. איצט זיינען פאראַן 32. די מלוכה טריקנט גרויסע שטיקער באָדן לעבן קראַסנאָדאַר, צפון־קאַווקאַז, באַוואַסערט סטעפּעס אין אוראַל און וועט דאָרטן גרינדן גרויסע תבואה־פאבריקן. הונדערטער מיילן מיט באָדן, צו וועלכע א מענטשלעכע האַנט האָט זיך קיינמאָל ניט צוגערירט, זיינען איצט פארוואַנדלט געוואָרן אין פרוכטבארע פעלדער. דאָס האָט באוויזן דער כח פון סאָוועטישע האַרע־פּאַשניקעס, געפירט פון זייער קאָמוניסטישער פארטיי, אין דעם מעכטיגן דראַנג צו בויען סאָציאַליזם.

די קאָלעקטיוון און די סאָווכאָזן זיינען די צוויי אינסטרומענטן, וואָס בויען איבער אומענדלעכע פעלדער אין דער ריזיגער לאַנד. ניט נאָר תבואה, נאָר אויך וויכטיגע טעכנישע קולטור, ווי קאַטאָן, פלאַקס, טיי, גומע־פלאַנצונגען, סאָיע, צוקער, בורעקעס, גרינס און פרוכט ווערן איצט קולטי־ווירט אויף א גרויסן מאַסשטאַב. ספּעציעלע פארמס פאר טעכנישע פלאַנ־צונגען און גערטנער פאר גרינס ווערן געגרינדעט אין אלע ווינקעלאַך אין ראַטן־פארבאַנד, לויט זייערע קלימאַטישע באַדינגונגען.

גלייכצייטיג גייט אָן א פיבערישע בויאונג פון מלוכה־פארמס פאר לע־בעדיגן אינווענטאַר, הויפּטזעכלעך פי־צוכט און עופות. פונקט ווי א ספּע־ציעלער טראַסט פירט אָן מיט די קאָלעקטיוון (קאָלכאָז צענטער) און א

צווייטער פירט אָן מיט די מלוכה־פאַרמס (זיאָרנא טרעסט), אזוי זיינען געגרינדעט געוואָרן ספּעציעלע צענטרען (טרעסטן) צו אנטוויקלען די פאַר־שיידענע מינים פון פי, עופות און פּרוכט.

דער „סווינאָוואָד (צענטער צו אנטוויקלען חזירים און דער מיאַסאָ־וואָד (אנטוויקלונג פון פלייש) האָבן איצט געגרינדעט גרויסע פאַרמס, אין וועלכע פיל מיליאָנען קי און חזירים ווערן געהאָדעוועט. דער „פּלאָד־אָוואָשטש" (גרינס־צוכט) טוט דאָס זעלבע. נאָענט צו דריי הונדערט טויזנט העקטאַר איז פאַרזייט געוואָרן אין גערטנעריי. די ברייטע פּראָגראַם וואָס אָט־די טרעסטן פירן דורך, וועט שוין דעם זומער לייזן דעם מאַנגל אין פלייש און פעטס, גרינס און פּרוכט. לויט דער פּראָגראַם, וואָס איז באַ־שטעטיגט געוואָרן פון זעקסטן־סאָוועטן־קאָנגרעס, דאַרף איבעראַ־יאָר—1932—די פלייש־פּראָדוקציע דערגרייכן 333 טויזנט טאָן און אין 1933—750 טויזנט טאָן. דער מאַנגל וועט געלייזט ווערן אויף אַ סאָציאַליסטישן אופן. דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט וועט די אַלע זאַכן קריגן ניט פון דעם איינצעלנעם פּריוואַטן פאַרמער, נאָר פון דער סאָציאַליסטישער אַגריקולטור, פון קאָלעקטיוו און פון דעם מלוכה־פאַרם.

דער אַרבעטער-קלאַס

אין אַ לאַנד וואָס בויט סאָציאַליזם איז ניטאָ קיין ארבעטער־פּראַגע, ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אין די הענט פון דעם ארבעטער־קלאַס ליגט די פּאָליטישע אָנפירונג פון לאַנד. דער ארבעטער־קלאַס אָרגאַניזירט די דורכפירונג פון דעם פינף־יאָר פּלאַן. ער פירט מיט זיך די איבעריגע האָרעפּאַשנע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אין דער גיגאַנטישער סאָציאַליסטישער אָפענסיווע.

ראַטן־פאַרבאַנד געפינט זיך איצט אין אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד. נאָר דער פונדאַמענט פון סאָציאַליזם איז געלייגט געוואָרן. די ארבעטער־פּראָבלעם איז דעריבער זייער אַ וויכטיגע. זי דאַרף אונטערזוכט ווערן אין איר גאַנצן ברייט, ווייל דאָ ווערט אַרויסגעבראַכט דער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע און סאָציאַליסטישער.

די עקאָנאָמישע סטאַביליזאַציע וואָס די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט דורכגעמאַכט מיט עטלעכע יאָר צוריק איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ ראַציאָנאַליזאַציע, וואָס האָט זיך זייער שווער אָפּגערופן אויפ׳ן ארבעטער־קלאַס. קאַפּיטאַליסטישע ראַציאָנאַליזאַציע איז געווען אַ ביטערע אָפענסיווע אויפ׳ן לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אַרבעטער־מאַסן. די אָפענסיווע האָט קאַפּיטאַליזם געפירט מיט זיינע צוויי הענט: פאַשיזם און סאָציאַל־פאַשיזם. אַלע דעראָבערונגען וואָס ארבעטער האָבן זיך דערשלאָגן גלייך נאָך דער וועלט־מלחמה זיינען אָפּגעווישט געוואָרן. ראַציאָנאַליזאַציע האָט פאַרשטאַרקט דעם קאַפּיטאַליסטישן דרוק אויף די אַרבעטער, אוממענטשלעך פאַרשנעלערט די יאָגעניש און אָפּגעשאַפט דעם אַכט־שטונדיגן ארבעטס־טאָג.

אויך דאָס האָט דעם קאַפּיטאַליזם ניט געהאָלפן. דער קורצער פּעריאָד פון צייטווייליגער סטאַביליזאַציע איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַ טיף־גייענדיגן קריזיס, וואָס האָט אַרויסגעוואָרפן צענדליגער מיליאָנען ארבעטער אין גאַס און זיי דערפירט צו הונגער־טויט. די וואָס זיינען נאָך באַשעפטיגט האָבן געליטן שווערע לוין־רעדוצירונגען און פאַרערגערטע ארבעטס־באַדינגונגען.

די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער ביוראָ פאַר דער פעלקער־ליגע, וואָס איז פאַראינטערעסירט צו באַהאַלטן דעם אמת׳ן צושטאַנד פון אַרבעטסלאָ־

זיגיים, מוז אָנגעבן איבער 20 מיליאָן ארבעטסלאָזע אין די קאפּיטאַליסטי־שע לענדער.דאָס איז פיל וויניגער ווי אין דער ווירקלעכקייט. אין אַמע־ריקע אַליין געפינען זיך העכער צען מיליאָן ארבעטסלאָזע, אויסער די וועל־כע אַרבעטן נאָר א פּאָר טעג אין וואָך.

די איינפירונג פון הויכער טעכניק, וואָס איז דער פונדאַמענט פון ראַציאָנאַליזאַציע, האָט געבראַכט דעם ארבעטער־קלאַס אומצייליגע ליידן. אנשטאט א ברכה איז די מאשין געוואָרן א קללה פאר מיליאָנען לוין־שקלאַפן. וואָס מער מאַשינען זיינען איינגעפירט געוואָרן, אַלץ מער ארבעטער זיינען ארויסגעוואָרפן געוואָרן.

דער צוואוואוקס פון דער באפעלקערונג

פונדאַמענטאַל אנדערש איז די לאַגע אין ראטן־פאַרבאנד. דער פינף־יאָריגער פּלאַן האָט געבראַכט מיט זיך א שטארקע סאָציאַליסטישע ראַציאָ־נאַליזאַציע אין דער אינדוסטריע. אָבער אנשטאט א פארערגערונג איז גע־קומען א גרויסע פארבעסערונג, וואָס האַלט אין איין שטייגן ווי אַן אָרגאַ־נישער רעזולטאַט פון דער אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד. איינע פון די וויכטיגסטע רעזולטאַטן פון דער סאָוועטישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק איז דער צוואוואוקס פון ארבעטס־קראַפט.

קיין קאפּיטאַליסטיש לאַנד קען זיך ניט בארימען מיט אַזאַ הויכן נאַטירלעכן צו־וואוקס פון דער באפעלקערונג ווי דער ראטן־פאַרבאנד. די איצטיגע באפעלקערונג פון הונדערט און פופציג מיליאָן נפשות ווערט גרעסער יעדן יאָר מיט דריי און א האַלב מיליאָן, אין דער צייט ווען די גאַנצע באפעלקערונג אין אייראָפּע, וואָס באשטייט פון 370 מיליאָן נפשות, ווערט פארגרעסערט נאָר 2.8 מיליאָן א יאָר:

דער יערלעכער צו־וואוקס פער טויזנט נפשות אין פראנקרייך איז 1.3
דער יערלעכער צו־וואוקס פער טויזנט נפשות אין דייטשלאַנד איז 7.9
דער יערלעכער צו־וואוקס פער טויזנט נפשות אין ענגלאַנד איז 5.4
דער יערלעכער צו־וואוקס פער טויזנט נפשות אין איטאַליע איז 10.3
דער יערלעכער צווואוקס פער טויזנט נפשות אין סאָוו־פאַרב. איז 23

אין פארלויף פון פינף־יאָר פּלאַן וועט די באפעלקערונג פארגרעסערט ווערן אויף 18 מיליאָן נפשות, דערפון 10 מיליאָן פון ארבעטס-עלטער. די פראַגע איז, צי וועט אָט־דער גרויסער צו־וואוקס פון דער באפעלקערונג אריינגעצויגן ווערן אין דער אינדוסטריע.

גלייכצייטיג מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע, וואַקסן די שטעט אומגע־הויער. זינט 1920 איז די באפעלקערונג אין די שטעט געוואַקסן אויף איבער 10 פּראָצענט. זי מאַכט איצט אויס קרוב פון 20 פּראָצענט פון דער גאַנצער באפעלקערונג אין לאַנד.

די ראשיגע אנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כחות לייזט קאַטעגאָריש

די פראַגע פון אַריינציִען דעם גרויסן נאַטירלעכן צו־וואוקס פון דער באַפעלקערונג אין דער אינדוסטריע. די ערשטע צוויי יאָר פון דער פּיאַטי־לעטקאַ האָבן ניט נאָר אָפּגעווישט אַרבעטסלאָזיגקייט, נאָר האָבן שוין פאַר־אורזאַכט אַ מאַנגל אין אַרבעטס־הענט, ספּעציעל אין קוואַליפיצירטע. די פאַרקירצונג פון דעם אַרבעטס־טאָג און די איינפירונג פון אַ פינף־טאָגיגער אַרבעטס־וואָך האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם צופלוס פון אַרבעטער אין דער אינדוסטריע. די צאָל אינדוסטריעלע אַרבעטער וואַקסט נאָכאַנאַנד, דאָס זעלבע די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע בכלל. אַ קורצע טאַבעלע וועט אילוסטרירן דעם שנעלן וואוקס פון דעם אַרבעטער־קלאַס:

אַלגעמיינע צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע

1929	1930	1931 וועט דערגרייכן אין
12,500,000	14,000,000	16,000,000

אין די פינף יאָר וואָס האָבן זיך געענדיגט מיט'ן אָנהויב פון דער פּיאַטילעטקאַ איז דער דורכשניטלעכער יערלעכער צו־וואוקס פון אַלע לוין־אַרבעטער באַטראָפן צווישן 10 און 12 פּראָצענט. די מעכאַניזאַציע פון די אינדוסטריעס האָט דעם צו־וואוקס ניט פאַרקלענערט. פאַרקערט, וואָס מער טעכניק ווערט אַריינגעבראַכט אין אַ לאַנד, אַלץ העכער די פאָדערונג אין אַרבעטער בכלל און אין געלערנטע אַרבעטער בפרט. פּונקט דער געגנ־זאַץ ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אַ העכערער לעבנס־סטאַנדאַרד

דער פינף־יאָר פּלאַן האָט ניט בלויז פאַרגרעסערט די צאָל אַרבעטער, נאָר אויך אויפגעהויבן זייער לעבנס־סטאַנדאַרד. פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט איז געוואַקסן גלייכצייטיג מיט אַ פאַרבעסערונג פון זייער עקאָנאָמישן און קולטורעלן צושטאַנד. דער אַרבעטס־טאָג איז פאַרקירצט געוואָרן, דער לוין געהעכערט. די פּראָבלעם פון וואוינונגען ווערט געלייזט דורך אַ קאָלאָסאַלער בוי־פּראָגראַם. דער פינף־יאָריגער פּלאַן איז געבויט אויף דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין און ענטוזיאַזם פון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. אַ הויכע אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט איז אַ נויטווענדיגער טייל פון דעם פינף־יאָר פּלאַן. לענין האָט געזאָגט:

> „די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט באַשטייט ניט נאָר אין גוואַלד־טאַט קעגן די עקספּלואַטאַטאָרן און בכלל, ניט הויפּטזעכלעך אין גוואַלדטאַטן. דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון דעם רעוואָלוציאָנערן גוואַלדטאַט, די גאַראַנטיע פון זיין לעבנס־פעאיגקייט און דערפאָלג, ליגט אין דעם פאַקט וואָס דער פּראָלעטאַריאַט שטרעבט און פירט דורך העכערע טעמפּאָס אין דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט, ווי קאַפּיטאַליזם קען באַווייזן, דאָס איז אַ גרונט־פּונקט. אין דעם באַשטייט דער כח און די גאַראַנטיע פון דעם אַבסאָלוטן זיג פון קאָמוניזם".

די שורות האָט לענין געשריבן אין די שווערע טעג פון בירגער־קריג, ווען די אַרבעטער האָבן געמוזט אָנשטרענגען זייערע כּחות צו פאַרלאַטען די חורבות פון מלחמה און רעוואָלוציע. און גלייכצייטיג אָפּשלאָגן די אַטאַקעס פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן.

זינט די שורות זיינען געשריבן געוואָרן איז די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט פון איינצעלנעם אַרבעטער געשטיגן אויף נאָענט צו אכציג פּראָצענט. דער פינף־יאָריגער פּלאַן זעט פאָראויס א פאַרגרעסערונג פון פּראָדוקטיוויטעט פון דעם אינדוסטריעלן אַרבעטער אויף 110 פּראָצענט, פון די טראַנספּאָרט־אַרבעטער אויף 75 פּראָצענט. די שטייגנדיגע אַרבעטס־טיכטיגקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס איז אַן אַנטשיידענער פאַקטאָר אין דעם זיג אויף דעם אינדוסטריעלן פראָנט.

אין דער צייט ווען אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז לוין באַדייטנד געפאַלן, איז לוין אין ראַטן־פאַרבאַנד שטאַרק געוואַקסן. צווישן 1922 און 1928 איז די רעאַלע פאַרדינסטן פון די סאָוועטישע אַרבעטער געשטיגן אויף 126 פּראָצענט. אין פאַרגלייך מיט די פאַרדינסטן פון פאַר דער מלכמה מיינט דאָס א העכערונג פון 30 פּראָצענט. אין 1930 איז די העכערונג געשטיגן ביז 67 פּראָצענט. ווען מען רעכנט צו די אַנדערע מאַטער׳עלע געווינסן פון די אַרבעטער, ווי ביליגערע רענט, און ווייניגער אַרבעטס־שטונדן,—באַקומט זיך א העכערונג פון אַרום 100 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט די צייטן פון קאַפּיטאַליזם און צאַריזם.

דער געווינס אין אַרבעטס־שטונדן

זייער כאַראַקטעריסטיש איז די ענדערונג אין די אַרבעטס־שטונדן. אין 1913 איז דער דורכשניטלעכער אַרבעטס־טאָג אין אַלטן רוסלאַנד באַשטאַנען פון 9 שטונדן און 42 מינוט. אין 1917, גלייך נאָך דער רעוואָלוציע, איז דער דורכשניטלעכער אַרבעטס־טאָג באַשטאַנען פון 8 שטונדן און 45 מינוט. אין דעם צווייטן יאָר פון פּיאַטילעטקאַ האָבן שוין איבער 47 פּראָצענט פון אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט שוין געאַרבעט 7 שטונדן א טאָג. דער דורכשניטלעכער אַרבעטס־טאָג אין 1930 איז געווען 7 שטונדן מיט 8 מינוט (קוילן און אייזן־גרעבער אַרבעטן צווישן זעקס און זיבן שטונדן).

ווען דער 7־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג איז דערקלערט געוואָרן, האָבן אַלע געגנער, די טראָצקיסטן אַריינגערעכנט, געשריען, אז דאָס איז ניט מער ווי א בלאָף. עס וועט בלייבן אויף פּאַפּיר. איצט, ביים אָנהויב פון דריטן יאָר פּיאַטילעטקאַ, זיינען 49 פּראָצענט פון דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט שוין אַריבער אויף דעם 7־שטונדיגן אַרבעטס־טאָג. אין פאַרלויף פון דעם יאָר וועלן 92 פּראָצענט פון אַרבעטער־קלאַס אַריבערגעפירט ווערן אויף דעם 7־שטונדיגן אַרבעטס־טאָג. צום סוף פון דער פּיאַטילעטקאַ וועלן א טייל אינדוסטריעס אַריבערגיין אויף א 6־שטונדיגן אַרבעטס־טאָג.

א צווייטע גרויסע דערגרייכונג איז די 5-טאָגיגע ארבעטס־וואָך. די ביבל דערציילט, אז גאָט האָט געזאָגט אָדמ'ען: „זעקס טעג א וואָך וועסטו ארבעטן מיט'ן שוויים פון דיין פּנים, און דעם זיבעטן וועסטו רוען". זיינען געקומען די באָלשעוויקעס און האָבן עס איבערגעמאַכט: פיר טעג ארבעט אין וואָך און דעם פינפטן טאָג רוען. וואָס דאָס באַדייט, איז קלאָר פאַר יעדן איינעם. א פיר־טאָגיגע ארבעטס־וואָך און א זיבן־שטונדיגער אַר־בעטס־טאָג מיינט מער רו פאַר'ן ארבעטער, מער געלעגנהייט זיך צו לער־נען, לייענען, פאַרברענגען, א. ד. גל.

די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעשאַפט דעם איבער־יאָר. דער יאָר האָט איצט 360 טעג איינגעטיילט אויף צוועלף חדשים. יעדער חודש האָט זעקס וואָכן. יעדע וואָך—פינף טעג. יעדער פינפטער טאָג איז א רו־טאָג. בלייבן דאָך איבער פינף טעג אין יאָר, זיינען זיי דערקלערט געוואָרן פאַר אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע יום־טובים: ערשטער מאי—2 טעג יום־טוב. די פייערונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע—2 טעג יום־טוב, און לענינ'ס יאָר־טאָג. די דאָפּלטע יום־טובים פון ערשטן מאי און אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע זיינען גוט אויסגערעכנט. דעם ערשטן מאי מאַרשירט מען, זיינען די ארבעטער מיד, רוען זיי דעם צווייטן טאָג. דאָס זעלבע מיט דעם אָקטאָ־בער יום־טוב. דעם ערשטן טאָג איז די גרויסע דעמאָנסטראַציע, דעם צווייטן—רו און פאַרוויילונג.

קלמן מרמר, ניו יארק

סאָציאַליסטישע מעטאָדן פון ארבעט

מיר האָבן פריער דערמאָנט דעם ענטוזיאַזם פון די ברייטע ארבעטער־מאַסן. די סאָציאַליסטישע אינדוסטריאַליזאַציע האָט ארויסגערוקט נייע ארבעטס־מעטאָדן: שלאָגלעריי (אודאַרניקי) און סאָציאַליסטישע פאַר־מעסטונג.

גאַנצע צעכן און גאַנצע פאַבריקן דערקלערן זיך פאַר שלאָגלער. זיי פאַרפליכטן זיך דורכצופירן 100 פּראָצענט די אינדוסטריעלע פּראָגראַם, וואָס זייער פאַבריק האָט זיך געשטעלט. א שלאָגלער איז דער, וואָס וועט ניט אָפּטרעטן פון זיין פּלאַץ ביז וואַנען די פּראָגראַם וועט אויסגעפילט ווערן. געוויינלעך ארבעטן די שלאָגלער אין בריגאַדעס. דאָ קומט אריין די סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג.

צעכן אין דער זעלבער פאַבריק שליסן צווישן זיך אַן אָפּמאַך וועגן סאָ־ציאַליסטישער פאַרמעסטונג, ווער פון זיי וועט פריער אויספילן די פּראָ־גראַם. גאַנצע פאַבריקן, קוילן־גרובן, קאָלעקטיוון, מלוכה־פאַרמס, א. א. וו. שליסן אַזעלכע סאָציאַליסטישע געוועטן. זיי קלייבן אויס ספּעציעלע קאָמי־טעס, וועלכע זאָלן קאָנטראָלירן ווי אַזוי יעדער צד האַלט אויס דעם געוועט. זייער אָפט רופן ארויס די ארבעטער פון א מאַשינען־פאַבריק אויף א גע־וועט די ארבעטער פון א מעטאַלורגישער פאַבריק. די ערשטע פאַרפליכטן

זיך אַרויסצולאָזן אַזוי פיל און אַזוי פיל מאַשינען און פאָדערן אויף די צווייטע, צו פּראָדוצירן אַזוי פיל און אַזוי פיל טאָן שטאָל. די סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג כאַפּט אַרום ניט נאָר די אַרבעטער פון דער זעלבער אינדוסטריע, נאָר אַרבעטער פון אינדוסטריעס, וועלכע פּראָדוצירן פאַרטיגע זאַכן, מיט אַרבעטער פון אינדוסטריעס, וועלכע פּראָדוצירן רויע, האַלב־רויע, אָדער דריי־פערטל רויען מאַטעריאַל.

די שלאָגלעריי און די סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג האָבן געבראַכט דעם פינף־יאָריגן פּלאַן צו יעדן וואַרשטאַט. יעדער אַרבעטער ווייס גענוי ווי גרויס זיין אויפגאַבע איז און אויף וויפיל ער פירט זי דורך יעדן טאָג.

אין יעדער פאַבריק־אָפּטיילונג איז אַרויסגעהאַנגען אַ טאַבעלע ווי עס האַלט ביי זיי אין צעך און אין פאַבריק מיט דעם אינדוסטריעלן פּלאַן.

איידער דער פּלאַן פאַר׳ן קומענדיגן יאָר איז פאַרטיג געוואָרן אין די פאַרשיידענע מלוכה־אָרגאַנען, אין דעם גאָספּלאַן (מלוכה־פּלאַן), אין דעם וו. ס. נ. כ. (העכסטער ראַט פון פאָלקס־ווירטשאַפט), ווערט עס געבראַכט צו די אַרבעטער אין פאַבריק. דער פּלאַן ווערט צעגלידערט אויף שטיקלעך. אַרבעטער זאָגן אַרויס זייערע מיינונגען וועגן יעדן טייל פון דעם פּלאַן. נאָך אַ גרינדלעכער דעבאַטע ווערט דער פּלאַן גענומען אויף אָפּשטימונג. זייער אָפט פּאַסירט, אַז אַ פּלאַן פאַר אַ יאָר פּראָדוקציע, אויסגעאַרבעט פון דער פאַבריק־אַדמיניסטראַציע, ווערט שאַרף קריטיקירט פון די אַרבעטער, ווייל ער אונטערשאַצט די פּראָדוציר־מעגלעכקייטן פון דער פאַבריק ווי די אַרבעטער זעען עס. די אַדמיניסטראַציע מוז אין אַזאַ פאַל אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט פון די אַרבעטער און פאַרגרעסערן די ציפערן פון דער פּראָדוקציע. דעמאָלט גייט עס צו די העכערע מלוכה־אָרגאַנען פאַר באַשטעטיגונג.

די אַרבעטער זיינען דעריבער אָרגאַניש פאַרבונדן מיט יעדן מאָמענט פון דער אינדוסטריאַליזאַציע. זייערע שעפערישע כחות זיינען די פאַקטאָרן, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט דעם לאָזונג: די פינף יאָר אין פיר.

שוועריגקייטן ווערן באַזיגט

1930 איז געווען אַ יאָר פון קאָלאָסאַלער סאָציאַליסטישער בויאונג. גלייכצייטיג אַ יאָר פון אַ סך שוועריגקייטן. די פּאַרטיי און דער אַרבעטער־קלאַס האָבן געדאַרפט בייקומען דעם ווידערשטאַנד פון די אָפּשטאַרבנדיגע בורזשואַזע קלאַסן, דעם סאַבאָטאַזש פון זייערע פאַרשטייער אין די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס. עס זיינען אויך געווען שוועריגקייטן, אַרויסגערופן פון ראַשיגן וואוקס, וויי־געבורטן פון דעם נייעם סאָציאַליסטישן לעבן, וואָס ווערט געשאַפן.

דער פּראָצעס פון די אַכט פאַרוושוועדער אין מאָסקווע (נאָוועמבער און דעצעמבער, 1930), האָט אויפגעדעקט אַ קראַנקן אָרט אין דעם סאָוועטישן מלוכה־אַפּאַראַט. באַזונדערס זיינען געווען פאַרמיסטיגט די אינסטיטוציעס,

אויף וועמען עס ליגט די אויפגאַבע צו באַזאָרגן די אַרבעטער באַפּעלקערונג מיט שפּייז, קליידער, א. ד. גל. אין די קאָאָפּעראַטיוון זיינען ניט איין מאָל אַנטדעקט געוואָרן נעסטן פון בייזוויליגע שונאים, וועלכע האָבן פון אינע־ווייניג אַרונטערגעריסן די באַזאָרגונג פון לעבנס־נויטוועדיגקייטן פאַר די אַרבעטער־מאַסן. ענלאַך איז געווען דער צושטאַנד אין די פאַרוואַלטונגען פון די באַנען.

די פּאַרטיי און די פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפטלעכקייט האָבן זיך איצט גענומען ענערגיש איבערצובויען די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, אַרויס־טרייבן די שעדיגער און שטעלן זיי אַלע אונטער׳ן קאָנטראָל פון די אַר־בעטער. א גרינדלעכע רייניגונג איז דורכגעפירט געוואָרן אין די קאָאָפּעראַ־ראַטיוון, פון דעם אויבערשטן צענטער, ביז די אונטערשטע אָרגאַניזאַציעס. כדי אַריינצוציען די אַרבעטער אין אָט דער רייניגונג, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אומצייליגע אַרבעטער־בריגאַדעס, וועלכע האָבן דורכגעפירט די ריי־ניגונג. אויסער דער סיסטעמאַטישער אינספּעקציע, זיינען פאַראַן „פליענדי־גע אַרבעטער בריגאַדעס“, וועלכע לאָזן זיך אַראָפּ פּלוצלונג אויף א קאָאָפּע־ראַטיוון געשעפט, וואַרע-הויז, און רעסטאָראַן און קאָנטראָלירן דורך אויפ׳ן אָרט צי די אַרבעט ווערט אָנגעפירט ריכטיג.

די רעוואָלוציאָנערע יוסטיץ איז ווייט פון נקמה־געפילן. אָבער זי איז שטרענג צו די פאַרשווערער, וועלכע פאַרראַטן דעם צוטרוי, וואָס מען האָט זיי געשאָנקען און רייסן אַרונטער וויכטיגע קאַמפּאַניעס.

דער מאַנגל אין סחורות לעצטן יאָר האַלט איצט אין ליקווידירט ווערן. די שפּייז־אינדוסטריע ווערט פאַרגרעסערט אויף 74 פּראָצענט. הונדערטער מיליאָנען רובל ווערן אַריינגעלייגט אין בויען נייע וואוינונגען פאַר אַרבע־טער. היי־יאָר ווערט אויסגעגעבן א ביליאָן איין הונדערט מיליאָן רובל אין בויען הייזער פאַר אַרבעטער. דאָס איז פאַקטיש צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אין 1930. צום סוף פון דער פּיאַטילעטקע וועלן איבער א העלפט פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט שוין זיך געפינען אין נייע מאָדערנע וואוינונגען.

אפילו זומער 1930, וואָס איז געווען דער ברען פון די גרעסטע שווע־ריגקייטן, איז די ווירקלעכע לאַגע קיינמאָל ניט געגאַנגען צו א צענט־חלק פון די שרעקלעכע „בילדער“ געמאָלן פון די קאַפּיטאַליסטישע קאָרעספּאָנ־דענטן. בכלל איז א ביטערער חוזק, ווען די קאָרעספּאָנדענטן פון אַמעריקאַ־נישע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען דערציילן וועגן „ליינס“ (רייען) פאַר גע־שעפטן און וועגן ענגשאַפט אין טראַמווייען און וואָקזאַל. אַזעלכע גרויזאַמע בילדער ווי ברויט־ליינס (רייען) אין די גרעסטע און רייכסטע שטעט פון אַמעריקע זיינען א זאַך פון אוממעגלעכקייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין די שווערסטע מאָמענטן פאַריגן יאָר איז מען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ערגעץ ניט געשטאַנען אין ליין פאַר ברויט. שוין ניט רעדנדיג וואָס אין די סאָוועטישע שטעט ווייסט מען ניט און מען זעט ניט לאַנגע רייען פון אַרבעטס־

לאַזע, וועלכע שטייען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און וואַרטן אויף אַ מאַגערע ביסל זופּ, צעפּוילטן סענדוויטש, אָדער אַ ביסל קאַווע.

עס זיינען געווען רייען פאַר סאָוועטישע קאָאָפּעראַטיווע געשעפטן, אָבער ניט נאָך ברויט. די וואָס זיינען געשטאַנען און געוואַרט אויף זייער רייע זיינען ניט אָנגעקומען צו קיין פילאַנטראָפּיע און צדקה. די אַרבעטער באַפעלקערונג איז געשפּייזט לויט אַ קאַרטן-סיסטעם. דער פּרינציפּ איז: ווער עס אַרבעט שווערער, דער איז באַרעכטיגט צו קריגן מער. אַלץ וואָס דאָס לאַנד פּאַרמאָגט אין עסנוואַרג און קליידער ווערט פריער פאַרטיילט אין די אַרבעטער-געגענטן. די בעסטע שפּייז, קליידער, שיך, א. א. וו. קריגן די אינ־דוסטריעלע אַרבעטער. די מערסטע נייע וואוינונגען ווערן געבויט פאַר׳ן אינדוסטריעלן אַרבעטער. אַלע קולטורעלע מיטלען זיינען געשטעלט אין דינסט פון אַרבעטער-קלאַס.

ווער עס רעדט וועגן ברויט-ליינס...

עס איז לחלוטין ניט ריכטיג, אַז די אַרבעטער באַפעלקערונג גייט אָפּ־געריסן און אָפּגעשליסן. אמת, אַ קאַפּיטאַליסטישער קאָרעספּאָנדענט, וואָס איז געוואוינט צו זען פּוץ און שיק אין הויפּט-גאַסן פון קאַפּיטאַליסטישע שטעט, זעט דאָס ניט אין ראַטן-פאַרבאַנד. ווער עס שפּאַצירט איבער די גאַסן אין מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו און אָדעס, דער שטויסט זיך ניט אָן אויף אויסגעפּוצטע דאַמען און הערן. פאַרשוואונדן איז די בורזשואַזיע און פאַרשוואונדן איז בורזשואַזע אָפּגעפרעסנקייט און בורזשואַזער לוקסוס. אין דער זעלבער צייט איז ניטאָ די גוואַלדיגע אָרימקייט וואָס טוליעט זיך אין קאַפּיטאַליסטישע שטעט הינטער די הויפּט-גאַסן. ניטאָ קיין „סלאַמס”, וואו עס שטיקט זיך די אַרבעטער באַפעלקערונג אין די קאַפּיטאַליסטישע שטעט.

מאָסקווע אין אַ יום-טוב איז אַ זעלטן בילד. די גאַסן זיינען פול מיט שפּאַצירער. צירונג הענגט ניט אַרונטער פון אויערן און העלזער. גאָל־דענע רינגען באַפּוצן ניט אויסגעבאַליעטע פינגער. די שפּאַצירער זיינען אָנגעטאָן כמעט אַלע אויף׳ן זעלבן גראַד. איינפאַך, ניט שרייענדיג, אָבער אויך ניט אָפּגעריסן. עס פעלט אין גאַנצן דער אויפפאַלנדיגער אונטערשייד צווישן אָרים און רייך, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאַפּי־טאַליסטישער ציוויליזאַציע.

דער שרייבער פון דעם ביכל וועט לאַנג ניט פאַרגעסן דעם וואַרימען, גוטן איינדרוק, וואָס אַ יום-טוב׳דיגע האַרעפּאַשנע מאָסקווע האָט געמאַכט אויף אים אַ טאָג נאָך דעם ערשטן מאַי. די לייכטע אינדוסטריע האָט נאָך ניט אָנגעיאָגט די אַלץ-וואַקסנדיגע באַדערפעונישן פון דער אַרבעטער־באַ־פעלקערונג. אַ יאָר, צוויי שפּעטער, און אויך די זייט פון לעבן וועט זיך גוואַלדיג הויבן. אָבער אפילו איצט וועט יעדער פּראָלעטאַריער אַוועקשיינקען

הונדערטער בראָדווייען מיט זייען שרייענדיגן לוקסוס אין וועלכן ער האָט ניט דעם מינדסטן חלק, פאַר איין יום־טוב אין מאָסקווע.

די קולטורעלע רעוואָלוציע וואָס האָט ארומגעכאפט די ברייטע האַרע־פּאַשנע שיכטן, האָט גוואַלדיג געהויבן זייערע באַדערפנישן. דער פויער וויל ניט מער טראָגן לאַפטשעס. ווינטער וויל ער א פּאַר שטיוול און זומער שיך. דער ארבעטער אין שטאָט וויל עטלעכע אָנצוגן, אויבער־העמ־דער,שניפּסן, א. א. וו. ארבעטער־פרויען ווילן זיך אָנטאָן שענער און באַ־קוועמער. דער ארבעטער איז קולטורעל אויסגעוואַקסן. ער וויל—און עס קומט אים—א הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד. ער קריגט עס טאַקע ביסלעכווייז און סיסטעמאַטיש. עטלעכע יאָר שפּעטער—אויב ראַטן־פאַרבאַנד וועט האָבן די מעגלעכקייט פון פרידלעכער בויאונג—וועט דער סאָוועטישער ארבעטער דערגרייכן אזא לעבנס־סטאַנדאַרד, וואָס וועט ווייט אריבערשטייגן די פאַר־שטעלונגען פון די ארבעטער אין אייראָפּע און אמעריקע.

פאַבריק—צענטער פון לעבן

דער צענטער פון דעם ארבעטער לעבן איז די פאַבריק. יעדע פאַבריק פאַרמאָגט א קלוב. אין קלוב איז פאַראַן א גרויסע, גוט־איינגעאָרדנטע בינע. יעדע פאַבריק פאַרמאָגט אַן אָרקעסטער„ דראַמאַטישן קרייז, ספּאָרט סעקציע און ענלעכע אָפּטיילונגען. די בעסטע טעאַטערן און גרעסטע ארטיסטן קו־מען אין קלובן שפּילן און זינגען פאַר די ארבעטער.

די גרויסע פאַבריקן פאַרמאָגן נייע קלובן, געבויט אויף א ברייטן פאַר־נעם. די קלובן ציילן מיליאָנען מיטגלידער. מען געפינט זיי אין די גרעסטע שטעט און אין פּאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד. וואו נאָר א פאַבריק, א קוילן־גרוב, אָדער אַן אייזנבאַן־דעפּאָ, דאָרטן זיינט איר זיכער צו טרעפן אַ ארבעטער קלוב. פאַראַן קלובן, וואָס האָבן געקאָסט צו 4 און 5 מיליאָן רובל. דער „פּאַלאַץ פון ארבעט", וואָס די מעטאַליסטן האָבן אויסגעבויט אין דניעפּראָפּעטראָווסק (געוועזענע יעקאַטערינאָסלאַוו). דער פּאַלאַץ פון אר־בעט אין סאָרמאָוואָ, לעבן ניזשני נאָווגאָראָד, א דריטער פּאַלאַץ אין סטאַ־לינאָ, אין הארץ פון קוילן־צענטער און נאָך צענדליגער פון דעם סאָרט זיי־נען מאָנומענטאַלע געביידעס, געבויט אין א נייעם סטיל, גראַם און ליכ־טיג איינגעריכטעט מיט אלע באקוועמלעכקייטן פאַר אָפּרו, לערנען און ספּאָרט. אלצדינג איז איינגעאָרדנט אז גאַנצע ארבעטער פאַמיליעס זאָלן דאָרטן קענען פאַרברענגען. א ספּעציעלע נוירסערי־אָפּטיילונג גיט אכטונג אויף די זויג־קינדער כדי די ארבעטער־פרוי זאָל קענען רואיג, אָן זאָרג, זיצן אין קלוב. די קלובן זיינען אמת'ע מאַסן־אינסטיטוציעס. זיי ציילן זיך אין די טויזנטער און נאָכאַנאַנד קומען צו נייע.

פאַרלויפיג איז נאָך ניטאָ קיין איינהייטלעכער סאָוועטיש־פּראָלעטאַרי־שער סטיל אין ארכיטעקטור. ניטאָ צוויי קלובן, וואָס זאָלן זיין ענלעך איינער

צו די אנדערע. יעדע שטאָט און יעדער דאָרף ברענגט ארויס נייע פאָרמען פון אַרכיטעקטור. יונגע סאָוועטישע ארכיטעקטאָרן זוכן צו געפינען די פאָרמען, וואָס זאָלן אויסדריקן דעם מאָטיוו און כאַראַקטער פון די פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס. דאָס איינציגע וואָס פאראייניגט די אַלע סטילן, איז דער מאָטאָר-מאָטיוו און דאָס זוכן וואָס מער יוטיליזאַציע—מאַקסימום באַקוועמלעכקייט און מאַקסימום לופט און ליכט. איינפאַך און אָפּטמאָל שטרענג אין אויסזען זיינען די קלובן וואָרעם און מילד אין זייער אינעווייניגסטער אויסשטאַטונג.

עס מוז אויך באַטאָנט ווערן די ראָל וואָס די ארבעטער יוגנט פאַרנעמט אין דער בויאונג פון סאָציאַליזם. די ארבעטער יוגנט איז דער הייוון פון דער פופצן-מיליאָניגער ארמיי האַרעפּאַשניקעס. עס אין גאַנצן אַ נייע יוגנט. ענערגיש און רירעוודיג, פול מיט אימפּעט און כח, ווייט פון סענטימענטאַלער צעקראָכנקייט, וואָס האָט אויסגעצייכנט אַמאָל די רוסישע יוגנט.

אַן אַנדער יוגנט

די יוגנט האָט זיך אויסגעלערנט צו רעדן ווייניגער, רעדן זאַכלעכער, און טאָן מערער. די ארבעטער יוגנט איז אויפ'ן העכסטן גראַד פאַרכאַפּט פון די סאָציאַליסטישע מעטאָדן: שלאָגלעריי און סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג. די ארבעטער יוגנט מיט'ן קאָמסאָמאָל (ליגע פון יונגנטלעכע קאָמוניסטן) אין דער שפּיץ, זיינען צווישן די שטורעם-טרופּן פון סאָציאַליסטישער אָפענסיווע. די יוגנט אָטעמט מיט מונטערקייט. זי זאַפּט איין אין זיך העכערע ארבעטס-פאָרמען, ליבע צום מאָטאָר און מאַשין.

די יוגנט איז אויך פאַרכאַפּט פון פיזקולטור און ספּאָרט. פוטבאָל איז שוין געוואָרן אַ מין נאַציאָנאַלע שפּיל. די ספּאָרט סטאַדיומס זיינען שטענדיג איבערפּאַקט ווען אַ פוטבאָל מעטש ווערט געשפּילט. ניטאָ קיין איין באַדייטנדיגע פאַבריק, וואָס זאָל ניט פאַרמאָגן איר אייגענעם פוטבאָל טים. זומער און הערבסט פוטבאָל, שווימען, שיפלען, און ווינטער גליטשן, לויפן אויף ליזשעס, ספּאָרט דרינגט אריין אַלץ ברייטער צווישן דער סאָוועטישער יוגנט. דער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד פון ספּאָרט אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז די אַבסאָלוטע אָפּוועזנהייט פון קאָמערציעלע מאָמענטן. ספּאָרט אונטער קאַפּיטאַליזם איז דורכגעדרונגען מיט קאָמערציאַליזם. ספּאָרט איז געוואָרן אַ גרויסער געשעפט ווי אַלע געשעפטן מיט געיעג נאָך פּראָפיטן אַלס דער הויפּט-פאַקטאָר. אין סאָוועטן-פאַרבאַנד איז ספּאָרט דורכאויס אַ פּראָלעטאַרישע פאָלקס-פאַרוויילונג. ניטאָ קיין געדונגענע פוטבאָל-שפּילער, שוין ניט רעדנדיג פון הויך-באַצאָלטע „סטאַרס" (שטערן).

דער סטאַדיאָן אין מאָסקווע נעמט אריין כמעט 60 טויזנט מענטשן. צו יעדער ספּאָרט-אונטערנעמונג איז דער סטאַדיום איבערפולט. ענלעכע

געביידעס און שפּיל־פּלעצער ווערן איצט געבויט אין אַלע גרעסערע שטעט און אינדוסטריעלע צענטערן.

אין היימען פאַר פאַרוואָרלאָזטע קינדער

דער בירגער קריג, און שפּעטער דער הונגער אויף דער וואָלגאַ—1921—האָבן געבראַכט אַ גרויסע צאָל היימלאָזע קינדער. זיי האָבן אָנגעפילט אַלע שטעט. אָפּגעריסן, שמוציג און הונגעריג, האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט אויף די גאַסן און געריסן די דורכגייער פאַר דער פּאָלע. די בורזשואַזע באַזוכער האָבן געשטאַכן די אויגן מיט די פאַרוואָרלאָזטע קינדער.

די עטלעכע מיליאָן היימלאָזע קינדער זיינען געווען אַן ערנסטע פּראָבלעם. אין די שווערסטע צייטן, ווען אַלץ האָט געפעלט, האָט מען געמוזט אויף דער שנעל שאַפן פאַר זיי היימען. ניט נאָר הייזער און אַנדערע מיטלען האָבן זיך געפאָדערט, נאָר אויך מענטשן—דערציער, מיט געדולד און פאַרשטענדיגונג פאַר די היימלאָזע, מיט זייערע זיטן און געוואוינהייטן.

די פּראָבלעם איז איצט געלייזט. די גאַסן און די וואָקזאַלן זיינען מער ניט פול מיט פאַרוואָרלאָזטע קינדער. מען טרעפט נאָך זיי, דאָרטן און דאָרטן, באַזונדערס זומער. דאָס איז אָבער ניט ווייל עס פעלן אוים היימען, נאָר ווייל אַ קליינע מינדערהייט פון די היימלאָזע זיינען געוואָרן טרעמפּס (וואַגאַבאנדן, באָסיאַקעס), זיך אַרומשלעפּן, איז ביי זיי געוואָרן די צווייטע נאַטור. ווינטער זיצן זיי אין די היימען און ווי נאָר דער פרילינג קומט און עס ווערט וואַרימער, אַנטלויפן זיי און וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט.

עטלעכע פון דעם טיפּ האָט דער שרייבער געטראָפן אין סאַמאַרע, ביי דער וואָלגאַ. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם טיש, אין רעסטאָראַן, וואו מיר האָבן געגעסן פרישטיק. ווען זיי האָבן געקראָגן צום עסן, זיינען זיי געוואָרן דרייסטער. איין אינגל פון אַ יאָר 13, האָט געבעטן די „פּראַוודא“, וואָס ער האָט געזען ביי אונז.

— צו וואָס דאַרפסטו די צייטונג?—האָבן מיר אים געפרעגט—רויכערן מאַכאָרקע?

— לייענען—האָט דער אָפּגעריסענער בחור׳ל געענטפערט.

— קענסט לייענען? נו, באַווייז.

דער אינגל האָט גענומען די „פּראַוודאַ“ און פלייסיג געלייענט דעם לייט־אַרטיקל.

דער חברה׳מאַן האָט שוין געמוזט אויסזיין אין אַ סך היימען, ווען ער לייענט אַזוי פריי די „פּראַוודאַ“. נאָר זומער דערעסט אים דער עסק (אייסעק), לאָזט ער זיך איבער דער וועלט.

די זיינען נאָר אַ קליינע, אומבאַדייטנדיגע מינדערהייט פון דער געוועזענער אַרמיי היימלאָזע. די גרויסע מערהייט איז איינגעאָרדנט אין היימען, וואָס זיינען אין דער זעלבער צייט אַרבעטס־שולן.

די היימען זיינען גוט אוועקגעשטעלט. הינטער אָדעס, צום ביישפּיל, איז פאַראַן אַ „קינדער־שטעטל" מיט איבער צוויי טויזנט קינדער. דאָס „שטעטל" פאַרמאָגט אייגענע לאַנד, פעלדער, גערטנער און װאַרקשטאַטן. די גרעסטע גרופּע קינדער קומען פון דאָנבאַס, קינדער פון קוילן־גרעבער, וועמעס עלטערן זיינען געפאַלן אין שלאַכט אָדער דערמאָרדעט געוואָרן פון די ווייסע. פאַראַן אויך אַ אידישע אָפּטיילונג מיט איבער הונדערט קינ־דער. אידישע קינדער געפינען זיך אויך אין די אַנדערע אָפּטיילונגען.

די אָדעסער „קינדער־שטעטל" איז אַ מוסטער, וואָס פאַרשטענדיגונג און ליבע צו קינדער קען אויפטאָן. דאָרטן זיינען איינגעפירט געוואָרן איי־גענאַרטיגע מעטאָדן פון פּעדאַגאָגיק. אַ ספּעציעלער פּעדאַגאָגישער קאָבי־נעט אַרבעט צו קאָנטראָלירן די רעזולטאַטן. געוויינטלעך ווענדעט זיך אין דער אָנפירונג, צו מאַכן פון דער היים אַ מוסטערהאַפטע אינסטיטוציע פאַר קינדער. דאָס איז די זאַך פון די דערציער און פאַרוואַלטער. די אַרבעטער־געזעלשאַפטלעכקייט גיט אַכטונג אויף די היימען.

פון די היימען, וועלכע דער שרייבער האָט באַזוכט, איז די אידישע היים אין דניעפּראָפּעטראָווסק (געוועזענע יעקאַטערינאָסלאַוו) איינע פון די בעסטע. יעדער באַזוכער פילט די וואַרעמע און ליבע אַטמאָספערע, וואָס הערשט דאָרטן. אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכט די קינדערשע קאָמונע פאַר מינדעריאָריגע פאַרברעכער און היימלאָזע, וואָס די גע־פּע־או האָט באַ־שאַפן אין באָלשעוואָ, לעבן מאָסקווע. דאָרטן איז אַ וועלט פאַר זיך, מיט נאָענט צו צוויי טויזנט קינדער.

די קינדער היימען האָבן שוין אַרויסגעלאָזט אַ סך שילער. פאַראַן פון זיי שרייבער—ביי אידן איז פ. סיטאַ, אַ דערציילער, פון אַ קינדער־היים —לופטפליער, פּאַרטיי־טוער, אינזשענערן און דאָס גלייכן. אין דער אָדע־סער טעכנישער שולע אויף'ן נאָמען פון זיידן ווינטשעווסקי,, האָט מען דעם שרייבער געזאָגט, אַז איינער פון זייערע שילער—אַ היימלאָזער— איז איצט אַ מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל (פאַרבאַנד פון יונגנט־לעכע קאָמוניסטן).

די גרויסע קינדער היימען האַלטן אָן זייערע באַציאונגען מיט די דער־וואַקסענע שילער דורך בריוו און באַזוכן.

די באַפעלקערונג אין די קינדער־היימען ווערט איצט שיטערער. נייע היימלאָזע קומען ניט צו, ווייל זיי זיינען ניטאָ און די אינגערע וואַקסן און פאַרלאָזן די היימען.

די געוועזענע היימלאָזע זיינען אויסגעצייכנטע בויער און קעמפער אויף דעם סאָציאַליסטישן פראָנט. די צוגעבונדנקייט און וואַרימקייט צו עלטערן, גיבן זיי אָפּ דעם גאַנצן אַרבעטער קלאַס, וואָס האָט זיי דערצויגן.

דער צוגאַנג צו פאַרברעכער

די סאָוועטישע יוסטיץ האָט אַ גאַנץ אַנדער צוגאַנג צו פאַרברעכער ווי די קאַפּיטאַליסטישע יוסטיץ. מיר מיינען קרימינעלע און ציווילע פאַרברע-כער.

דער פּראָלעטאַרישער געזעץ האַלט ניט פון פּרינציפּ, אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ לעבן פאַר אַ לעבן. דאָרטן וואו די זיכערקייט פון פּראָלעטאַרישן שטאַאַט איז ניט געדראָט, צילט די יוסטיץ ניט קיין שטראָף, נאָר אַן אויס-בעסערונג פון פאַרברעכער.

די פּראָלעטאַרישע יוסטיץ פאַרמאָגט אויך אַ קלאַסן-צוגאַנג צו די, וועלכע פאַרלעצן די געזעצן. דעם פאַרברעכער'ס אָפּשטאַמונג, זיין סביבה און דערציאונג שפּילן אַ באַדייטנדיגע ראָל ביים באַשטימען דעם אורטייל.

אַ סאָוועטישע טורמע איז אַן אַרבעטס-הויז. זי הייסט: דאָפּר (פאַר-קירצט פון: הויז פון געצוואונגענער אַרבעט). טויט-שטראָף איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, סיידן פאַר שווערע פאַרברעכנס געגן שטאַט, ווי קאָנטר-רעוואָלו-ציע און פאַרשווערונג. דער העכסטער טערמין פאַר אַ קרימינעלן פאַרברע-כער איז צען יאָר דאָפּר. דערביי ווערן די טערמינען שטאַרק פאַרקירצט ווען דער „איינוואוינער" פון דאָפּר בעסערט זיך.

געבויט אויף דעם כּלל, אַז דער פאַרברעכער איז אַ פּראָדוקט פון באַ-דינגונגען, זוכט די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקייט צו העלפן דעם פאַר-ברעכער ווערן אַ נוצלעכער האָרעפּאַשניק.

אין דאָפּר הערשט דער אַכט-שטונדיגער אַרבעטס-טאָג. די „איינוואוי-נער" קריגן זייער פולן געהאַלט פאַר זייער אַרבעט. אינסטרוקטאָרן לערנען זיי אויס אַ פאַך. הויבן אַ האַנט אויף אַ פאַרברעכער איז שטרייגג פאַר-באָטן.

אין מאָסקווע געפינען זיך דריי מוסטער דאָפּרס. זיי הייסן: איזאָלאַ-ציע-הייזער. מיט'ן אויסנאַם פון דעם, וואָס די איינוואוינער אין די הייזער זיינען איזאָלירט פון טעגלעכער באַרירונג מיט דער דרויסנדיגער וועלט, איז די איזאָליאַציע-הויז אַ צוזאַמענוואוינונג פון מענטשן, וואָס אַרבעטן און לעבן געמיינשאַפטלעך. אפילו וואַקאַציע קריגן זיי. די, וועלכע קומען פון דאָרף ווערן אָפּגעלאָזט אַהיים צו טאָן די פעלד-אַרבעט, זומער.

דער שרייבער האָט באַזוכט איינע פון די איזאָליאַציע-הייזער, הינטער מאָסקווע. עס האָט ניט דעם מינדסטן אָנבליק צו אַן אַמעריקאַנישער אָדער איוראָפּייאישער טורמע. ניטאָ קיין הויכע ווענט אַרום דעם הויף און ניטאָ קיין גראַטעס. די „הויז" באַשטייט פון דריי געביידעס: אַ שאַפּ צו אַרבעטן, אַ הויז צום וואוינען און אַ הויז פאַר דער אַדמיניסטראַציע. די „איינוואוי-נער" פון הויז גייען אַרום איבער'ן הויף פראַנק און פריי. נאָר ביי דער אוי-סערער טיר שטייט אַ מיליציאָנער.

די „איינוואוינע" טראָגן זייערע אייגענע קליידער. ניטאָ קיין אַרעס-טאַנטסקע קליידער, וואָס דעגראַדירן דעם פאַר'משפּט'ן. זיי האָבן זייערע

אָרגאַניזאַציעס, שלאַג־בריגאַדעס און גיבן אַרויס אַ געדרוקטע צייטונג יעדע פינף טעג. די צייטונג ווערט פון זיי אַליין אָנגעפילט און געדרוקט. דורך דער צייטונג רופן זיי אַרויס די איינוואוינער פון אַנדערע איזאָליאַציע-הייזער אויף אַ סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג, ווער וועט פריער דורכפירן דעם אינדוסטריעל־פינאַנציעלן פּלאַן. אַלע אַרבעטן לויט אַ פּלאַן, די דאָפּרס און איזאָליאַציע־הייזער אַריינגערעכנט.

יעדער „איינוואוינער" שלאָפט אין אַ באַזונדער קאַמער. אין דער פרייער צייט קען ער פאַרברייגגען אין גרויסן קלוב, וואו עס איז דאָ אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־צימער. פאַראַן אַ דראַמאַטישער קרייז, אָרקעסטער, ספּאָרט סעקציע, א. ד. גל.

לעפערטאָווסקי איזאָליאַציע-הויז איז אויסגערעכנט אויף 600 מענטשען. פאַראַן אַ צווייטער, פאַר טויזנט, און אַ דריטער—פאַר פרויען.

אין איזאָליאַציע־הויז זיינען מיר געווען צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַמעריקאַנער פּראָפעסאָרן. זיי זיינען גוואַלדיג איבערראַשט. אַרויסגייענדיג האָט איינער גע'טענה'עט ווי ער פאַרענטפערט זיך:

— דאָס איז מעגלעך נאָר אין רוסלאַנד. ניט אין אַמעריקע. מיר זיינען אַ פאָלק פון אינדיווידואַליסטן.

ווען דער שרייבער האָט זיי דערמאָנט דעם צושטאַנד אין די אַמעריקאַנישע טורמעס, האָבן זיך די פּראָפעסאָרן פאַרשעמט

צוגרייטן קאַדרען

יעדע וואָך קומען אריין אין סאָוועטישע האפנס שיפן מיט די מאָדערנ־סטע מאַשינען און געצייג פון אויסלאַנד. יעדן טאָג קומען אָן באַנען מיט די מאָדערנסטע געצייג פון אויסלאַנד. דאָס פירט מען אויסשטאַטונג פאַר די הונדערטער פאַבריקן, מילן, באַנען, עלעקטרישע סטאַנציעס. קוילן און אייזן גרובן, תבואה־עלעוויִיטאָרס, האפנס, א. א. וו.

אָט די אַלע מאַשינען פאָדערן געניטע מענטשן, וואָס זאָלן קענען ארבעטן מיט זיי. די נייע אינדוסטריעלע גיגאַנטן פאָדערן א ריזיגע ארמיי פון טעכ־ניש־געלערנטע ארבעטער. זיי פאָדערן הונדערטער טויזנטער אינזשינערן, טעכניקער, דירעקטאָרן, פאָרלייט, א. א. וו.

די פּראָבלעם אויסצובילדן א טעכניש־אנטוויקלטן פּראָלעטאַריאַט איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם פינף־יאָריגן פּלאַן. דאָס זעלבע די אויפגאַבע צו שאַפן נייע קאַדרען פון אינזשינערן און מעכאַניקער.

דער שנעלער טעמפּאָ פון סאָציאַליסטישער בויאונג האָט ארויסגערוקט מיט איר גאַנצער שאַרפקייט די פּראָבלעם פון צוגרייטן קאַדרען, ווי דאָס ווערט באַצייכנט אין ראַטן־פאַרבאַנד. צווישן די צוויי מיליאָן נייע ארבעטער, וואָס קומען־צו היי־יאָר, מוז א גרויסער טייל זיין טעכניש אנט־וויקלט. טעכנישע געשולטקייט גייט האַנט אין האַנט מיט אַלגעמיינער קול־טורעלער אנטוויקלונג.

א ברייטע און פאַרצווייגטע נעץ פון בילדונג ביי די פאַבריקן דאַרף אויספילן דעם מאַנגל אין געניטע ארבעטער. הונדערטער פּאָליטעכניקומס און טעכניקומס, צעוואָרפן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, דאַרפן שאַפן די נויטיגע צאָל אינזשינערן און טעכניקער.

אַלץ ווערט געטאָן צו דערמוטיגן און סטימולירן דעם ארבעטער— ספּעציעל דעם יונגן, צו הויבן זיין קוואַליפיקאַציע (קוואַליפיקאַציע הייסט טעכנישע געניטקייט ביי דער ארבעט). אזוי שנעל ווי א יונגער ארבעטער קומט אָן אין פאַבריק, האָט ער ביים האַנט דעם „פאַבזאַוטש" (פאַבריטש־נאַיאַ שקאָלאַ, פאַבריק שול). אויב ער קומט פון דאָרף און קען ניט לייענען און שרייבן, לערנט ער זיך אויס. אויב ער וויל זיך אויסלערנען א פאַך, זיך

פאַרשטיין אויף „בליופרינט“ (פּלענער פון מאַשינען און געצייג), קריגט ער דאָרטן דעם גויטיגן וויסן. זייער אָפט באַפרייט אים די פאַבריק אויף א שטונדע און א האלב יעדן טאָג—מיט באַצאָלט—ער זאָל זיך קענען סיסטע־מאַטיש לערנען.

געענדיגט דעם „פּאַבזאַוואַטש“, האָט דער ארבעטער דעם „ראַבפאַק“, (ראַבאָטשי פאַקולטעט, ארבעטער פאַקולטעט). דאָס איז אַ צוגרייטונגס־שולע צום פּאָליטעכניקום אָדער אוניווערזיטעט. די פאַבריק באַפרייט דעם ארבעטער־סטודענט אַ פּאָר שטונדן יעדן טאָג—מיט באַצאָלט—ער זאָל קע־נען דורכגיין דעם ראַבפאַק. געענדיגט דעם ראַבפאַק—געוויינטלעך נעמט עס פון דריי ביז פיר יאָר—אויב דער ארבעטער האָט אמביציעס און וויל זיך לערנען אין אַ הויך-שול, זיינען אַלע טירן און טויערן אָפן פאַר אים. אוועק די צייטן ווען די אָרימע סטודענטן האָבן געהונגערט און זיך געמאַטערט, גע־מוזט געבן לעקציעס כדי דורכטראָגן די שווערע יאָרן פון אוניווערזיטעט. הייגט טראָגט מען דעם ארבעטער בוכשטעבלעך אויף די הענט, אויב ער וויל זיך נאָר לערנען. די מלוכה אָדער זיין אייגענע אינדוסטריע גיט אים אַ סטיפּענדיע, וואָס איז כמעט אַזוי פיל ווי זיין געהאַלט אַלס קוואַליפיציר־טער ארבעטער אין פאַבריק. אויסער דעם קריגט ער אַ סך פּריווילעגיעס פאַר דער צייט וואָס ער לערנט זיך. די מלוכה באַזאָרגט אים אויך מיט אַ וואוינונג.

אַ נייע אַרמיי אינזשענערן

עס אַזוי אויסגערעכנט געוואָרן, אַז צום סוף פון דער פיאַטילעטקע וועט זיך פאָדערן 460 טויזנט אינזשינערן און טעכניקער. צו שאַפן אַזאַ אַרמיי דאַרף מען אַריינציען אַ גרויסן טייל פון דער ארבעטער יוגנט אין פּאָלי־טעכניקומס און טעכניקומס. דאָס ווערט איצט געטאָן. וואו נאָר מען באַ־מערקט אַ יונגן ארבעטער, וואָס ווייזט אַרויס אַ נייגונג צו שטודירן שיקט מען אים גלייך אין דעם געהעריגן לערן־אַנשטאַלט.

די פּאַרטיי און די ראַטן־מאַכט ארבעטן אויסצובילדן פון די רייען פון דעם ארבעטער־קלאַס די טעכנישע אָנפירונג פון דער אינדוסטריע. צווישן 60 און 70 פּראָצענט פּלעצער אין אַלע הויכע לערן-אַנשטאַלטן זיינען פאַר־בראָנירט — אָפּגעשלאָסן — פאַר קינדער פון ארבעטער און אָרימע פּויע־רים. קיין אַנדערער קען ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ. נאָך די ארבעטער און פּויערים קומען די קוסטאַרן, נאָך די קוסטאַרן, די ארבעטס-אינטעליגענץ. דאָס איז געטאָן געוואָרן, ווייל אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע האָבן „טאַטעס קינדער“ פאַרנומען די מערסטע פּלעצער אין אַלע אוניווער־זיטעטן און פּאָליטעכניקומס. ביז וואַנען אַ יונגער ארבעטער, אַ פּויער אָדער אַ קוסטאַר, האָט באַוויזן זיך צוגרייטן צו הויכער בילדונג, איז שוין דער פּלאַץ געווען פאַרנומען.

די אַנגענומענע מיטלען צו האַלטן געניג פלעצער אין די הויך־שולן פאַר ארבעטער, פויערים און קוסטאַרן, צוזאַמען מיט דער דערמוטיגונג אז זיי זאָלן שטודירן, האָבן געגעבן אַ מעכטיגן שטויס דער יוגנט צו לערנען זיך. אין קיין לאַנד אין דער וועלט באַגעגנט מען ניט אַזאַ מאַסן־דערשיינונג ווי דאָס שטודירן פון דער ארבעטער־יוגנט. ניט נאָר די יונגע ארבעטער, אַ סך פון די עלטערע, לערנען זיך אין ספּעציעלע קורסן צו העכערן זייער קוואַליפיקאַציע.

עס זיינען פאַראַן פאַבריקן, וואו גאַנצע 30 פּראָצענט פון זייערע ארבעטער לערנען זיך. אינם' עלעקטרישן זאַוואָד אין כאַרקאָוו, גייען 900 ארבעטער אין די שולן און פאַקולטעטן. דער לאָזונג פון דער פאַרטיי: מיט'ן פּנים צו דער אינדוסטריע! האָט ארומגעכאַפּט מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס. כמעט יעדער יונגער ארבעטער און ארבעטערין שטרעבט צו ווערן אן אינזשינער אָדער אַ טעכניקער, און צולייגן אַ האַנט צו דער גיגאַנטישער בויאונג.

די ארבעטער יוגנט לערנט זיך זייער געשמאַק. זייענדיג אין כאַרקאָוו אין פרילינג, איז דער שרייבער אריין אין שטאָטישן גאָרטן. אויף די בענק זיינען געזעסן יונגע מענטשן פון ביידע געשלעכטער, מיט ביכער און פּאַפּיר. זיי האָבן אויסגענוצט זייער פרייע צייט אויף צוגרייטן די ארבעט פאַר'ן ארבעטער פאַקולטעט, טעכניקום, אָדער אוניווערזיטעט. אַזאַ בילד זעט מען זעלטן אין קאַפּיטאַליסטישע שטעט.

קלמן מרמר, ניו יארק

אַלגעמיינע פאָלקס־בילדונג איינגעפירט

דער 16טער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן, אז אין 1933 זאָל איינגעפירט ווערן איבער'ן גאַנצן לאַנד אַלגעמיינע פאָלקס־בילדונג. דער ווייטסטער און פאַרוואָרפנסטער דאָרף מוז האָבן גענוג פּלאַץ ארייננצונעמען אַלע קינדער אין אַ שולע. גלייכצייטיג מיט די עלעמענטאַרע פיר־יאָר שולן, ווערן געעפנט אַ מאַסע זיבן־יאָריגע שולן, וואָס פאַרגלייכן זיך מיט די אַמעריקאַנישע היי־סקולס.

די סאָוועטישע שולן האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שווערן כלאָם פון פאַרשימלטער אַלטער געשיכטע, וואָס פאַרנעמט אַזאַ גרויסן פּלאַץ אין דער קאַפּיטאַליסטישער שולע. די לימודים ווערן געפירט גרעסטענטיילס לויט אַ פּראָיעקטן־סיסטעם. דאָס לערנען גייט האַנט אין האַנט מיט אנטוויקלען און צופּאַסן דאָס קינד צום לעבן. סאָוועטישע קינדער זיינען דעריבער זייער אנטוויקלט. זיי וועלן אייך ניט זאָגן אין וועלכן טאָג אַ באַרימטער קעניג איז אריבערגעגאַנגען אין שלאַכט אַ באַרימטע טייך, דערפאַר זיינען זיי אויסגעצייכנט באַקאַנט מיט דער ווירטשאַפט פון זייער לאַנד און וועלן אייך אויסרעכענען די נאַטירלעכע אוצרות, וואָס דער פאַרבאַנד פאַרמאָגט און דעם צושטאַנד פון דער אינדוסטריע. אָפטע עקסקורסיעס אין די פאַבריקן לערנט

די קינדער באַקאַנטשאַפט מיט די פאַבריקן און אַרבעט. די קינדער זיינען אויך באַהאַוונט אין אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן.

די קינדער ווייזן אַרויס אַ פיינע פאַרשטענדעניש פאַר דער לאַגע פון די אַרבעטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

דער אימפּעט פון סאָציאַליסטישער בויאונג און די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע האָבן אַרויסגערופן די נויטווענדיגקייט צו באַשאַפן אייגענע קאַדרען פון אָנפירער מיט דער אינדוסטריע. ניט בלויז דאַרף דער אינ־זשינער און מעכאַניקער שטאַמען פון די אַרבעטער און פּויערים רייען, נאָר —נאָך וויכטיגער—דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק מוז זיין פלייש און בלוט פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

דער אַלטער ספּעץ-דירעקטאָר טויג ניט. אין ערגסטן פאַל איז ער אַ מיאוס'ער סאַבאָטאַזשניק און פאַרשווערער, אין בעסטן פאַל דערפילט ער „קאָרעקט" זיינע פליכטן. אָבער אין דער שטורמישער סאָציאַליסטישער רע־קאָנסטרוקציע פאָדערט זיך פון אַ פאַבריק־דירעקטאָר פיל מער ווי „קאָ־רעקט" דערפילן זיין פליכט. מען מוז אַריינלייגן אַ סך אַרבעט. מען מוז שענקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט. מען דאַרף נאָכאַנאַנד פּלאַנעווען און יאָגן די פּראָגראַם פאָראויס. דער אַלטער דירעקטאָר, אַ ירושה פון דער בורזשואַ־זיע, איז ניט פייאיג פאַר דעם. זייער אָפט האָט ער אַליין ניט קיין גלויבן אין דער דורכפירבאַרקייט פון די פּראָדוקציע־פּלענער. זייער אָפט איז זיין האַרץ ניט דערביי. ער איז ניט קיין קאָמוניסט און איז ניט פאַראינטערע־סירט צו בויען סאָציאַליזם.

נאָך דעם פּראָצעס פון די שאַכטאַ-פאַרשווערער אין 1928 (דער באַ־וואוסטער פּראָצעס פון די שעדיגער און סאַבאָטאַזשניקעס אין דער קוילן־אינדוסטריע אין דאָנבאַס) האָט די פּאַרטיי און די רעגירונג זיך גענומען ענערגיש אַרויסצוזוכן רויטע דירעקטאָרן פאַר רויטע פאַבריקן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פון די „ווידוויזשענצעס" (אַרויסגערוקטע אַרבע־טער). די באַוועגונג גייט אָן ביז איצט מיט זייער גרויסע דערגרייכונגען.

די באַדייטונג פון אַרויסרוקן אַרבעטער

אַ ווידוויזשענעץ מיינט אַן אַרבעטער, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָ־רען צו אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין פאַבריק, אין קוילן־גרוב א. א. וו. די ווידוויזשענצעס האָבן געבראַכט מיט זיך אַ נייעם גייסט אין דער אַד־מיניסטראַציע פון די פאַבריקן. אַליין פּראָלעטאַריער, האָבן זיי דעם פולן צוטרויען צו די שעפערישע כחות פון אַרבעטער קלאַס. פאַר זיי איז בויען סאָציאַליזם ניט קיין אַרויפגעצוואונגענע אויפגאַבע. דאָס זיינען מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די רעוואָלוציע און בירגער־קריג, זיינען פאַרהאַר־טעוועט געוואָרן אין קאַמף, זיי וועלן זיך ניט דערשרעקן פאַר צייטווייליגע

שוועריגקייטן און וועלן ניט אנטמוטיגט ווערן פון צייטווייליגע דורכפאלן און טעות'ן.

דער גרויסער פראָצעס אין מאָסקווע געגן די אכט פארשווערער האָט דעמאָנסטרירט פאר יעדן איינעם די אבסאָלוטע נויטווענדיגקייט ארויסצו־רוקן ארבעטער אויף אלע וויכטיגע עמטער אין דער אָנפירונג פון דער אינ־דוסטריע. די ראַמזינס, לאַריטשעווס און פעדאָטאָווס, האָבן געמיין פאר־ראַטן דעם צוטרויען, וואָס איז זיי געשאָנקען געוואָרן. נאָר א דאַנק דער וואכזאמער אויג פון דער גע־פע־או איז געלונגען באצייטנס צו געבן די חברה איבער די הענט און מאכן אומשעדלעך זייער עקלהאַפטן סאַבאָטאַזש. דער בעסטער ענטפער צו די ראַמזינס איז אייגענע ספּעציאַליסטן, דירעקטאָרן און אָנפירער פון דער אינדוסטריע.

דאָס זעלבע איז ריכטיג וועגן דער גרופּע מענשעוויסטישע עקאָנאָמיסטן, די גראָמאַנס און סוכאַנאָווס, וואָס האָבן געטריבן דעמזעלבן סאַבאָטאַזש און געאַרבעט האַנט־אין־האַנט מיט די ראַמזינס, אגענטן פון פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם.

פאר די צוויי און א האַלב יאָר, וואָס זיינען אריבער זינט דעם שאַכ־טע־פּראָצעס, זיינען צענדליגער טויזנטער ארבעטער ארויסגערוקט געוואָרן אויף וויכטיגע עמטער. גענוג צו זאָגן, אז אין מיטן זומער זיינען 80 פּראָ־צענט פון אלע רויטע דירעקטאָרן פון פאבריקן געווען ארויסגערוקטע ארבע־טער. דער דראַנג גייט איצט א סך העכער. ארבעטער ווערן געגרייט צו די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטע פּאָסטנס. זיי ווערן אריינגעפירט אין די פאר־וואַלטונגען פון די טרעסטן, אין דעם גאָספּלאַן (מלוכה פּלאַן), וועלכע ארבע־טען אויס די ציפערן פון דעם אינדוסטריעלן אויפבוי, איז די פאָלקס־קאָ־מיסאַריאַטן, אין העכסטן ראַט פון פאָלקס־ווירטשאַפט, א. ד. גל. ארבעטער ווערן געשיקט אין אויסלאַנד צו שטודירן די טעכניק דאָרטן. ארבעטער ווערן געגרייט צו די וויסנשאַפטלעכע אקאַדעמיעס און נאָך און נאָך.

דער גרויסער עלעקטרישער זאַוואָד אין כאַרקאָוו, וועלכן מיר האָבן פריער דערמאָנט, בויט איצט א נייעם קאָרפּוס, א סך א גרעסערן פון דעם איצטיגן. די אויסשטאַטונג האָט מען באַשטעלט אין ענגלאַנד. האָט דער זאַוואָד אויסגעקליבן פינף פייאיגע ארבעטער, זיי געשיקט קיין ענגלאַנד, דאָרטן וועלן זיי אויפ'ן פּלאַץ שטודירן ווי אזוי ארומצוגיין מיט די מאַשי־נען. זיי וועלן פארבלייבן אין ענגלאַנד די צוויי יאָר צייט וואָס עס דאַרף דויערן אויסצובויען די מאַשינען. קומענדיג צוריק וועלן אָט די פינף ארבע־טער צענויפשטעלן די קונפטיגע פארוואַלטונג פון דעם נייעם זאַוואָד. דאָס איז איינער פון די מיטלען מיט וועלכע יונגע ארבעטער ווערן געלערנט און צוגעגרייט צו ווערן די קאָמאַנדירן פון דער רויטער אינדוסטריע, ווי מען רופט זיי אין סאָוועטן־פארבאַנד.

דער ווידוויזשענעץ וויים און קען די ארבעטער־מאַסן. ער שטאַמט פון זיי. ער לעבט ניט בעסער פון זיי, ער איז ניט אָנגעטאָן אנדערש פון זיי,

נאָר דער פּאָרטפעל, וואָס איינער טראָגט, זאָגט עדות, אז ער איז אַ פּאַראַנט־וואָרטלעכער טוער אָדער אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק. די ווידוויזשענצעס טויגן זיך אויס פאַר זייער אַרבעט. עס נעמט אָפּט אַ ביסל צייט זיך אויסצולערנען, דערפאַר זיינען זיי פעסטע, אַנטשלאָסענע, קעמפער. אין זייערע הענט איז די אָנפירונג פון די אינדוסטריע־צווייגן זיכער.

געגן די רכילות־בלבולים פון צוואַנגס־אַרבעט

דער געשריי: צוואַנגס־אַרבעט! וואָס די ליגן־פאַבריק אין העל־סינגפאָרס האָט אויסגעטראַכט און די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע אין אַמע־ריקע האָט אונטערגעכאַפּט, האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם מיט פּראָטעסטן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אין אַלע טיילן פון פאַרבאַנד וואו געהילץ ווערט אויסגעאַרבעט זיינען די קאַפּיטאַליסטישע רכילות (רעכילעס) געוועזן דער געשפּרעך פון טאָג. די סאָוועטישע פּרעסע איז פול מיט באַריכטן פון מיטינגען אין וועלכע עס האָבען אנטייל גענומען די אַרבעטער פון די האָלץ־זאַוואָדן און זעג־מילן אין לענינגראַד, מורמאַנסק און אַרכאַנגעלסק אין ווייטן צפון. אין וואָלאָגדאַ און קאַרעליאַ און אין די אַנדערע האָלץ־געגנטן.

די וואַלד־אַרבעטער אין וואָלאָגדע האָבן אין זייער רעזאָלוציע זיך פאַר־פליכטעט צו פאַרשטאַרקן די שוץ־פייאיגקייט פון דעם ראַטן־לאַנד.

„לאָמיר פאַרצענפאַכן — זאָגט זיך אין דער רעזאָלוציע — אונזער קלאַסנוואַכזאַמקייט אויף אַלע געביטן פון אונזער בויאונג. לאָמיר ברייט פאַנאַנדערוויקלען די סאָציאַליסטישע מעטאָדן פון אַרבעט. לאָמיר נאָך ענגער באַהעפטן אונזערע רייען אַרום דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.“

די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין דער רעפּובליק פון קאַרעליאַ, וואָס איז דער צענטער פון דער וואַלד־אינדוסטריע אין צפון האָבן אַריינגעשיקט שאַרפע פּראָטעסטן געגן די בייזוויליגע אויסטראַכטענישן פון די קאַפּיטאַ־ליסטישע האָלץ־מאַגנאַטן אין פינלאַנד, שוועדן און פאַראייניגטע שטאַטן.

זייער רעזאָלוציע זאָגט זיך:

„איך משך פון די לעצטע דריי יאָר איז די קאַרעלישע רעפּובליק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַנט, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער בויאונג פון גאַנצן לאַנד. פאַראַיאָרן איז פון קאַרעליע עקספּאָרטירט געוואָרן רוישטאָף אויף 25 מיליאָן רובל.

„איר ווייסט פון די ציַיטונגען. אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט זיך באַוואָפנט געגן אונזער עקספּאָרט, כדי צו שטערן אונזער בויאונג־אַרבעט. די קאַפּיטאַליסטן פון פינלאַנד, שוועדן און צפון־אַמעריקע פאַר־זיכערן, אַז מיר פאַרגרייטן וואַלד מיט „צוואַנג־אַרבעט“. דאָס איז רכילות. מיר, קאַרעלישע פויערים און אַרבעטער, האַלטן די וואַלד־פאַרגרייטונג און די אַנטוויקלונג פון דער האָלץ־אינדוסטריע פאַר דער סאַמע וויכטיגסטער אויפגאַבע, וועלכע מיר מוזן אויספילן אין דער ערשטער ריי. מיר ווייסן, אַז דער אויפשטייג פון אונזערווירטשאַפטלעכן וואוילשטאַנד איז פאַר־

בונדן מיט דער וואַלד־פאַרגרייטונג. דערפאַר גיבן מיר אָפּ די מאַקסימאַלע אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכקייט דער וואַלד־ווירטשאַפט.

„דאָס יאָר האָבן מיר דערגרייכט קאָלאָסאַלע דערפאָלגן. עס זיינען אַ סך פאַרבעסערט געוואָרן די אַרבעט־באַדינגונגען פון אונזערע וואַלד־העקער. ווען מען זאָל פאַרגלייכן זייער לאַגע מיט דער לאַגע פון די וואַלד־העקער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלן מיר דערזען אַ קאָלאָסאַלן אונטערשייד. אונזערע וואַלד־העקער לעבן אין גוטע באַדינגונגען. זיי באַטייליגן זיך כמעט אַלע אין סאָציאַליסטישן געוועט און די פּראָדוקטיווקיי פון זייער אַרבעט שטייגט. אין פאַרגלייך מיט'ן פאָריגן יאָר איז די פּראָדוקטיוויטעט פון זייער אַרבעט געשטיגן אויף 40—50 פּראָצ.

אַזעלכע רעזולטאַטן קען מען מיט צוואַנג־אַרבעט ניט דערגרייכן.

„אָבער אַחוץ די רכילות פון די אימפּעריאַליסטן ווערט ניט אָפּגעשוואַכט די ג עפאַר פאַר צפון־קאַרעליע מצד די אימפּעריאַליסטן פון פינלאַנד. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין פינלאַנד, דער ווירטשאַפטלעכער צוריקשטאַנד, וואָס דויערן שוין אין משך פון דריי יאָר, האָבן געשאַפן ביי די קאַפּיטאַליסטישע קרייזן פאַשיסטישע טענדענצן. זיי רעדן אָפן וועגן זייערע מיליטער־פּלענער געגן קאַרעליע. אויף די דאָזיגע פאַקטן מוז מען ווענדן די אויפמערקזאַמקייט.

„מיר, טוער פון דער קאַרעלישער רעפּובליק זיינען זיכער, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון פאַרבאַנד וועט אין פאַל פון אַן אָנפאַל, קעמפן צוזאַמען מיט אונז, פונקט ווי ער האָט געקעמפט מיט צען יאָר צוריק".

סאָציאַלע פאַרזיכערונג

דאָרטן וואו דער ארבעטער קלאַס הערשט, איז זעלבסטפארשטענדלעך, אַז די מלוכה זאָל זאָרגן פאַר זיין געזונט צושטאַנד. די סיסטעם פון סאָציאַלער פארזיכערונג איז דערפירט געוואָרן צו פולשטענדיגקייט. יעדער איינער, וואָס ארבעט, איז פארזיכערט, סיי אין פאַל פון קראַנקהייט, אומגליקספאַל, אָדער טויט. עלטערע ארבעטער קריגן אַ פענסיע וואָס באַשטייט פון כמעט זייער פולע פאַרדינסטן. דערביי ווערן די פאָנדן גענומען אויסשליסלעך פון דער אינדוסטריע און פון דער מלוכה. פון די ארבעטער־פאַרדינסטן ווערט גאָרניט אראָפּגענומען צו דעקן די קאָסטן פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

די סומע געלט וואָס די מלוכה אַסיגנירט פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואַקסט פון יאָר צו יאָר. אַזוי איז אין 1929 אַסיגנירט געוואָרן אַ ביליאָן מיט הונדערט מיליאָן רובל. אין 1930—אַ ביליאָן מיט זעקס הונדערט רובל און אין 1931—צוויי ביליאָן מיט 138 מיליאָן רובל. דאָס שטייגט אריבער די סומע, וואָס איז געפּלאַנט געוואָרן לויט דער אָריגינעלער פּראָגראַם פון דעם פינף־יאָריגן פּלאַן פאַר 1933. די פּראָלעטארישע מלוכה רוקט פאָראויס ניט נאָר די ווייזערס פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, נאָר אויך די מיטלען צו פאַרבעסערן די לאַגע פון ארבעטער קלאַס.

לויט דעם אָריגינעלן פּלאַן האָט די מלוכה געזאָלט אויסגעבן אין לעצטן יאָר פון דער פּיאַטילעטקע איין ביליאָן 950 מיליאָן רובל פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג. איצט ווערט שוין היי־יאָר אויסגעגעבן ווערן פיל מער ווי עס האָט געזאָלט אַסיגנירט ווערן צוויי יאָר שפּעטער.

ארבעטער, וועלכע ווערן קראַנק, קריגן פול באַצאָלט אומאָפּהענגיג פון דער צייט פון זייער קראַנקהייט. אַ בולעטין—אַ צעטל—פון אַ דאָקטאָר, אַז איינער פילט זיך ניט געזונט, איז אַ גענוגנדיגע אורזאַך צו בלייבן אין הויז. אַ ארבעטער, וואָס דאַרף בלייבן אין הויז אכטונג צו געבן אויף אַ קראַנקן מיטגליד פון זיין פאַמיליע, קריגט פול באַצאָלט פאַר דער גאַנצער וואָך.

ווען עס שטאַרבט אַ מיטגליד פון דער פאַמיליע קריגט דער אַרבעטער אַ מאָנאַט געהאַלט פאַר די אויסגאַבן פון דער לויה. ווען אַ קינד ווערט געבוירן, קריגט די פאַמיליע אַ באַנוס פון אַ מאָנאַט געהאַלט איינמאָל, און נאָכדעם 25 פּראָצענט פאַר דער צייט פון זויגן דאָס קינד.

די גרעסטע שפּיטאָלן און גרעסטע דאָקטוירים זיינען געשטעלט אין דינסט פון דעם אַרבעטער אין פאַל פון אַ קראַנקהייט. מעדיצינישע הילף, אַריינרעכענענדיג מעדיקאַמענטן, ווערט געגעבן פולשטענדיג פריי. דאָס זעלבע סאַניטאַריומס פאַר אַרבעטער, וואָס נויטיגן זיך אין ספּעציעלער אויפזיכט, לופט און ד. גל.

די סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז ענג פאַרבונדן מיט די יוניאָנס, וועלכע האָבן זייערע פאַרשטייער אין די קערפּערשאַפטן וואָס פאַרוואַלטן מיט דער פאַרזיכערונג.

יעדער אַרבעטער און אָנגעשטעלטער קריגט וואַקאַציע מיט פולער באַצאָלט. די וואַקאַציעס זיינען פאַרשיידנצייטיג. אַרבעטער וועלכע זיינען באַשעפטיגט ביי לייכטער אַרבעט, קריגן צוויי וואָכן וואַקאַציע. ביי שווערער אַרבעט—פיר וואָכן. פאַראַן אויך אַזוינע, וועלכע קריגן זעקס און אַכט וואָכן וואַקאַציע.

אָפּרו-הייזער און סאַניטאַריומס פאַר אַרבעטער

די פּראָפּאַראייגען (יוניאָנס) האַלטן אויף אַ רייע סאַניטאַריומס און אָפּרו-הייזער פאַר זייערע מיטגלידער. אַזעלכע פּראָפּאַראייגען ווי: די באַןאַרבעטער, מעטאַליסטן, קוילן-גרעבער, טעקסטיל-אַרבעטער א. ד. גל. האָבן אייגענע סאַניטאַירומס און אָפּרו-הייזער אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. די גרעסטע צאָל סאַניטאַריומס ווערן אָנגעפירט פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג. אַ באַדייטנדיגער טייל באַלאַנגט צום געזונדהייט-קאָמיסאַריאַט אין יעדער סאָוועטישער רעפּובליק.

אַלע פּאַלאַצן, ווילאַס און זומער-הייזער פון דער געוועזענער רוסישער אַריסטאָקראַטיע און בורזשואַזיע, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סאַניטאַריומס און אָפּרו-הייזער פאַר אַרבעטער. דער גאַנצער דרום קרים און דרום קאַווקאַז, מיט זיין סאַב-טראָפּישן קלימאַט, פּרעכטיגע לאַנדשאַפטן און יםברעג, איז איצט דער אָפּרו-פּלאַץ פון דעם זיגרייכן פּראָלעטאַריאַט.

דער ריזיגער פּאַלאַץ און פּאַרק פון ניקאָלאַי דעם צווייטן אין ליוואַדיא, די פּאַלאַצן פון די גרויס-פירשטן, אַריסטאָקראַטן און קאַפּיטאַליסטן, מיט זייער וואונדערבאַרן אויסקוק אויף בערג און שוואַרצן ים, מיט אַלע זייערע איינריכטונגען און באַקוועמלעכקייטן, זיינען איצט ערהאָלונגס-פּלעצער פאַר אַרבעטער און פּויערים. דער קרימער ים-ברעג, וואָס איז פריער געוועזן דער זומער-פּלאַץ פון אַריסטאָקראַטישע פּוסטעפּאַסניקעס, וואו אָרגיעס און געמבלינג האָט געהערשט טאָג און נאַכט, איז פול מיט אַרבעטער, מענער און

פרויען, וועלכע קומען אהין אָנווארימען זייערעביינער, אריינקריגן זונען־ליכט און פרישע לופט און אָנשעפּן כחות פאַר דער ווייטערדיגער ארבעט. מען קען זאָגן, אָן איבערטרייב, אז דאָס איינציגע באדייטנדיגע ירושה (יערושע) וואָס די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען פונ'ם צאַריזם און קאפּיטאַליזם, איז דרום־קרים און דרום־קאווקאז, מיט זייערע פּאַלאצן, ווי־לאָס, פּארקן און בעדער.

די רייכע מינעראַל־קוואַלן אין קאווקאז, וואָס פארמעגן א סך היילונג, די בלוי־דורכזיכטיגע וואסערן פון שווארצן ים, די וויינטרויבן, די פּאַלמען און קיפּארים־בוימער און די טראָפּישע פלאַנצונגען, היילן און קרעפטיגן הונדערטער טויזנטער פּראָלעטאַריער יעדן יאָר. איצט טרעט מען צו צו בויען נייע סאַניטאַריומס און אָפּרו־הייזער, וועלכע וועלן פארמאָגן אַלע מאָדערנע הייל־מיטלען.

אויסער קרים און קאווקאז זיינען פאראַן סאַניטאריומס און אָפּרו־היי־זער אין א סך אַנדערע ערטער, וואו עס געפינט א סאָסנאָווער וואַלד, א גרין־באַדעקטער באַרג, א שיינע אָזערע, א. ד. גל. איז פאראַן אַן אָפּרו־פּלאַץ פאַר ארבעט. זייער צאָל ווערט איצט פארגרעסערט די אינדוסט־ריאַליזאַציע פון לאַנד וועט געבן די מעגלעכקייט צו פארצענפאַכן די צאָל אינסטיטוציעס וואו ארבעטער וועלן רוען און פארברייגנען.

אין דער אָפּרו־הויז ווערט געשיקט דער ארבעטער, וואָס נויטיגט זיך בכלל אין רו. אין סאַניטאַריומס פּאָרט שוין דער ארבעטער, וואָס נויטיגט זיך אין א ספּעציעלן רעזשים אָדער אין א ספּעציעלער היילונג. אין קיסלאָ־וואָדסק, קאווקאז, ווערן געשיקט ארבעטער מיט שוואַכע הערצער, רעוומאַ־טיזם, א. א. וו. דאָרט באָדן זיי זיך אין די קוואַלן. אין קרים ווערן געשיקט ארבעטער מיט שוואכע לונגען, וואָס נויטיגן זיך אין א שטאַרקער דורכזיכ־טיכער לופט און זונלעכקייט.

אין סאַניטאַרוים ווערן די ארבעטער גרינדלעך אונטערזוכט און גע־שטעלט אויף א ספּעציעלער דיעטע אויב נויטיג. יעדע גרופּע סאַניטאַריומס פארמאָגט א פּאָליקליניק וואו גרויסע ספּעציאַליסטן פארשרייבן היילונג פאַר ספּעציעלע קראַנקהייטן. די פּאָליקליניקס זיינען באַזאָרגט מיט אַלע נויטיגע הייל־מיטלען.

אין ראַטן־פארבאַנד זיינען זייער שטאַרק פארשפּרייט אַלערליי וואַ־סער־הייל מעטאָדן. פאראַן ספּעציעלע גרויסע אינסטיטוציעס, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער סאָרט היילונג. די גרעסטע געפינט זיך אין סעוואַסטאָפּאָל. יע־דער פּאָליקליניק אין קרים און קאווקאז פארמאָגט א סיסטעם פון וואסער־היילונג, ספּעציעל פאַר די נערוועזן. דער שרייבער האָט אויף זיינע אייגענע גלידער פארזוכט דעם טעם פון וואסער־היילונג און קען עדות זאָגן אויף די גרויסע רעזולטאַטן, וואָס זיי ברייגנען.

פון סעוואַסטאָפּאָל, ביז ווייט אריבער יאַלטע, אין דרום קרים, און פון טואַפּסע ביז וולאַדיקאווקאז, אין קאווקאז, ציען זיך הונדערטער סאַניטאַ־

ריומס און אָפּרו־הייזער. פאַראַן אַזוינע, וועלכע זיינען אָפן צען חדשים א יאָר. יעדער פּלאַץ האָט איינריכטונגען פאַר שפּיל און ספּאָרט. מונטערקייט און פרייליכקייט טראָגט זיך פון די פּאַרקס און שפּיל־פּלעצער.

ארבעטער פון ווייטן צפון, וואָס האָבן קיינמאָל דעם ים אין די אויגן ניט געזען, פאָרן טויזנטער טייל צו די סאַניטאַריומס און אָפּרו־הייזער ביים ברעג פון שוואַרצן ים. סאָציאַלע פאַרזיכערונג באַצאָלט אַלע זייערע הוצאות, קענען זיי זיך פאַרגינען אַזאַ לוקסוס.

אויסער דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג האָט די מלוכה א ספּעציעלן פאָנד אויפצוהויבן דעם לעבנס־שטייגער פון די אַרבעטער. פאַראַן אויך א פאָנד אויסצובעסערן די ארבעטס־באַדינגונגען, ווי איינצופירן סאַניטאַרישע און שוץ־באַדינגונגען אין די פאַבריקן, בעסערע וואוינונגען פאַר די ארבעטער, א. ד. גל. אויך די פאָנדן שטייגן כסדר. אַזוי איז דער פאָנד צו הויבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אַרבעטער, באַטראָפן אין 1930 125 מיליאָן רובל, פאַר 1931 איז שוין אַסיגנירט געוואָרן 285 מיליאָן רובל, כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל. פאַר אַרבעטס־שוץ מיטלען אין דער אינדוסטריע און טראַנס־פּאָרט איז אין 1931 אַסיגנירט געוואָרן 155 מיליאָן רובל. דאָס געלט גייט איינצופירן אַזעלכע מיטלען, וואָס באַשיצן דעם געזונט פון די אַרבעטער.

א וויכטיגער טייל פון דעם פינף־יאָריגן פּלאַן איז די פּראָגראַם פאַר נייע הייזער פאַר די אַרבעטער. געוויינטלעך ווערן די נייע הייזער געבויט פון די באַטרעפנדיגע פאַבריקן אָדער פון די אָרטיגע סאָוועטן. ארבעטער אָרגאַניזירן אויך וואוינונגס־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע קריגן גרויסן קרעדיט פון דער מלוכה־באַנק. די הייזער ווערן געבויט אויף א קאָאָפּעראַטיוון אופן פאַר זייערע מיטגלידער.

אין דעם בודזשעט פון דעם פאַרבאַנד פאַר 1930 איז אַריינגעגאַנגען 582 מיליאָן 5 הונדערט טויזנט רובל צו בויען וואוינונגען פאַר די ארבעטער אין די אינדוסטריעס, וואָס ווערן אָנגעפירט פון העכסטן ראַט פון פאָלקס־ווירט־שאַפט. אין דעם גייען ניט אַריין די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון, די בויאונג־דורכגעפירט פון די אָרטיגע סאָוועטן און אינסטיטוציעס.

אין 1931 האָט דער מלוכה־בודזשעט שוין באַוואָרנט א ביליאָן מיט הונדערט מיליאָן רובל פאַר אַרבעטער וואוינונגען אין די אינדוסטריעס וואָס ווערן אָנגעפירט פון העכס־טען ראַט פון פאָלקס־ווירשאַפט. די אָרטיגע סאָוועטן האָבן אויך פאַרגרע־סערט זייער בודזשעט פאַר בויען נייע הייזער. די צאָל אַרבעטער, וואָס באַזעצן זיך אין נייע וואוינונגען, וואַקסט פון יאָר צו יאָר.

די אַלגעמיינע סומע געלדער פאַר בילדונג, טעכנישער שולונג פון אַר־בעטער, וויסנשאַפטלעכער פאָרטשריט, געזונט־אָפּהיטונג, קולטור־נויטן, א. א. וו., באַטרעפט היי־יאָר זעקס און א האַלב ביליאָן רובל. מיט א ביליאָן און א האַלב מער ווי אין פאָריגן יאָר (1930).

די נייע אַרבעטער־וואוינונגען, וואָס ווערן איצט געבויט, פאַרמאָגן אַלע

באקוועמלעכקייטן פון א מאָדערנער הויז. די אַרכיטעקטאָרן שטרעבן ספּעציעל צו באַזאָרגן די וואוינונגען מיט לופט, ליכט און זונענשיין. עס איז ניטאָ קיין איינהייטלעכער טיפּ פון די נייע הייזער. יעדע שטאָט און יעדער געגנט בויט זיך אויף זיין שטייגער. אָבער וואָס א יאָר שפּעטער, אַלץ בעסער, באַקוועמער און שענער זיינען די נייע הייזער.

באַזונדערס אינטערעסאַנט זיינען די הייזער, וואָס ווערן אויפגעשטעלט אַרום די נייע פאַבריקן. מען רופט זיי סאָציאַליסטישע שטעט. זיי ווערן אויסגעלייגט גאָר אַנדערש ווי הייזער אין קאַפּיטאַליסטישע שטעט. דער שרייבער האָט געזען אַזעלכע סאָציאַליסטישע שטעט אין פּראָצעס פון בויאונג ביי דעם טראַקטאָר זאַוואָד אין סטאַלינגראַד, לעבן דער ריזיגער אויטאָמאָביל פאַבריק ביי דער וואָלגא, הינטער ניזשני נאָווגאָראָד, אין האַרץ פון קוילן־צענטער אין דאָנבאַס און אין א רייע אַנדערע אינדוסטריעלע געגנטען. די גרעסטע טייל פון די סאָציאַליסטישע שטעט זיינען נאָך ניט געווען פאַרענדיגט.

די סאָציאַליסטישע שטאָט קאָמבינירט דעם העכסטן גראַד קאָמונאַלן לעבן, צוזאַמען מיט דער העכסטער מאָס פּריוואַטקייט פאַר יעדן איינעם באַזונדער. אין יעדער שטאָט זיינען פאַראַן הייזער פאַר די יעניגע, וואָס ווילן לעבן אויף א פולן קאָמונאַלן שטייגער און הייזער פאַר די, וואָס ווילן לעבן באַזונדער. אָבער אפילו די לעצטע, וועלן האָבן אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען, וואָס באַפרייען זיי פון דעם לאַסט און איינטאָניגקייט פון א פאַמיליען־לעבן אין א קאַפּיטאַליסטישער שטאָט.

צום ביישפּיל, די הייזער וואָס ווערן געבויט הינטער ניזשני־נאָווגאָראָד, וועלן האָבן די פאָלגנדיגע סיסטעם : יעדער מיטגליד פון דער פאַמיליע האָט א צימער פאַר זיך, מאַן און ווייב אריינגערעכנט. צימערן פון מאַן און ווייב זיינען פאַראייניגט דורך א קאָרידאָר. קליינע קינדער וועלן וואוינען מיט זיי אונטער איין דאַך, אָבער ניט צוזאַמען. אין יעדער הויז וועט זיין א ספּעציעלער פליגל וואו די קינדער וועלן זיך געפינען אונטער׳ן אויפזיכט פון געניטע דערציער. דאָס שאַפט זייער א גינסטיגע לאַגע פאַר עלטערן און קינדער. עלטערן זיינען מ י ט די קינדער, זעען זיי אַזוי אָפט ווי זיי ווילן, קענען פאַרברייגגען און זיך שפּילן מיט זיי, און גלייכצייטיג זיינען זיי פריי פון זאָרג און שטענדיגער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר די קינדער. אונטער איין דאַך און פונדעסוועגן אָן דעם מוז פון שטענדיג צוזאַמען. נאָענט צו די עלטערן און אונטער דער ווירקונג פון דערפאַרענע פּעדאַגאָגן. דאָס איז דער אידעאַל פון פּראָלעטאַרישער דערציאונג. דאָס איז דער פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער שטאָט. די קינדער זאָלן קריגן די צאַרטקייט און וואַרימקייט פון עלטערן און די גוטע דערציאונג פון געאיבטע פּעדאַגאָגן.

גאַנץ און הייזער ווערן געבויט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן זיך געפינ-

נען ניט צו נאָענט צו דער פאַבריק און אין דער זעלבער צייט זאָל דער אַר־בעטער ניט דאַרפן פאַרלירן אַ סך צייט גייענדיג צו דער אַרבעט. די גאַסן ציען זיך אין אַ ליניע פּאַראַלעל צו די קאָרפּוסן פון די פאַבריקן. די אַרבע־טער וועלן קריגן זייערע וואוינונגען אין איינקאַלנג מיט די קאָרפּוסן אין וועלכע זיי אַרבעטן, וועט ניט אויסקומען לאַנג צו גיין צו און פון דער אַר־בעט.

איבעריג צו זאָגן, אַז די סאָציאַליסטישע שטעט וועלן פאַרמאָגן אַלע נויטיגע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי טעאַטער, קלוב, ספּאָרט־פעל־דער, א. ד. גל.

לויט דער פּראָגראַם פון דעם פינף־יאָריגן פּלאַן דאַרף שוין אַ העלפט פון גאַנצן אַרבעטער קלאַס זיך געפינען אין די נייע הייזער ניט שפּעטער פון 1933.

אויסער די סאָציאַליסטישע שטעט אין די נייע אינדוסטריעלע צענ־טערן, ווערן איצט אויסגעאַרבעט פּראָיעקטן פאַר „שטעט פון גרינס“. דאָס איז גאָר אַ נייער טיפּ שטאָט, וואָס די מאָדערנע ציוויליזאַציע ווייסט נאָך ניט דערפון. „שטעט פון גרינס“ דאַרפן זיין אַ קאָמבינאַציע פון העכסטער טעכנישער באַקוועמלעכקייט מיט רייכער נאַטור. די שטעט וועלן געבויט ווערן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות פון אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פאַראינ־טערעסירט אין אַזעלכע סאָרט וואוינונגען. די שרייבער־פעדעראַציע טרעט באַלד צו אויפצובויען אַזאַ גרינע שטאָט ניט ווייט פון מאָסקווע.

די קולטורעלע רעוואָלוציע

איינע פון די כאַראַקטעריסטישע גרונט־שטריכן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דער גוואַלדיגער קולטורעלער אויפשטייג פון די ברייטע מאַסן.

אין 1921, אין צייט פון הונגער, האָט א באַוואוסטער רוסישער בורזשואַזער פּראָפעסאָר, אָפּגעדרוקט אַ לענגערן אַרטיקל אין פּראָפ. מיליוקאָוו'ס בורזשואַזער צייטונג אין פּאַריז „פּאָסליעדניע נאָוואָסטי". דער געלערנטער פּראָפעסאָר האָט אין דעם אַרטיקל געקלאַפּט טרעוואָגע וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פון ציוויליזאַציע אין רוסלאַנד. זיין „אַנאַלין" איז געווען געבויט אויף „קאַלטע" פאַקטן:

די באַפעלקערונג לויפט פון שטאָט אין דאָרף. אין שטאָט איז ניטאָ וואָס צו עסן. אין שטאָט איז ניטאָ ביי וואָס צו אַרבעטן. די שטעט ווערן ליידיג. נאָך עטלעכע יאָר וועלן זיי ווערן פּוסט אין גאַנצן. שטעט וועלן פאַרשווינדן. נאָר די דערפער וועלן בלייבן. אַזוי ווי די ציוויליזאַציע אין רוסלאַנד האַלט זיך אויף די שטעט און ניט אויף די דערפער, איז קלאָר, אַז מיט'ן אונטערגיין פון די שטעט וועט אויך אונטערגיין די ציוויליזאַציע. רוסלאַנד וועט צוריקגעשליידערט ווערן צו די פינצטערע צייטן פון מיטלאַלטער.

ניט נאָר האָט דער פּראָפעסאָר זיין „טעאָריע" באַגרינדעט, ער האָט אויסגערעכנט וויפיל יאָרן עס דאַרף דויערן ביז וואַנען רוסלאַנד וועט צוריק אַריינפאַלן אין מיטלאַלטער. לויט זיין חשבון האָט דער סוף געדאַרפט קומען אין 1930—אויב די באָלשעוויקעס וועלן זיך אַזוי לאַנג האַלטן אין מאַכט.

עס וואָלט טשיקאַווע געווען אַ צי טאָן פּראָפעסאָר פאַר'ן פּאָלע ער זאָל זאָגן, ווי ווייט זיין נביאות איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. פּונקט צען יאָר זיינען פאַראיבער זינט זיין אָפּשאַצונג איז דערשינען אין מיליוקאָוו'ס אָרגאָן. אַ סך וואַסערן זיינען פאַרבייגעלאָפן פאַר דער צייט. דאָס לאַנד, וואָס פאַרנעמט איצט דעם פּלאַץ פון אַלטן צאַרישן רוסלאַנד, איז ניט צוריקגעשליידערט געוואָרן צום מיטלאַלטער. שטעט זיינען ניט אונטערגעגאַנגען, נאָר וואַקסן ווי אויף הייוון. ציוויליזאַציע און קולטור—פּראָלעטאַרישע קולטור—איז אַ ריזיגער כח אין לעבן פון צענדליגער מיליאָנען. אַנדערש האָט

ניט געקענט זיין. דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז געבויט אויף דער אי־ניציאַטיוו פון אַרבעטער־קלאַס. צו פאַרווירקלעכן סאָציאַליזם, פאָדערן זיך די שעפערישע כחות פון אַ הויך־אַנטוויקלטן פּראָלעטאַריאַט.

גראַנדיעזער וואוקס פון דער פּרעסע

אַ שאָד וואָס דער פּלאַץ דערלויבט אונז ניט צו געבן קיין גענויערע באַקאַנטשאַפט מיט דער קולטורעלער איבערקערעניש וואָס איז פאָרגעקומען אין לעבן פון די האַרעפּאַשניקעס. לאָמיר נעמען אַזאַ עלעמענטאַרע זאַך ווי די פּרעסע. פאַר דער רעוואָלוציע זיינען אין רוסלאַנד אַרויסגעגאַנגען צייטונגען און זשורנאַלן מיט אַ צירקולאַציע פון 2,700,000. אין יאָר 1930 זיינען אַרויסגעגאַנגען צייטונגען און זשורנאַלן מיט אַ צירקולאַציע פון 25 מיליאָן. די צייטונגען און זשורנאַלן גייען אַרויס אין 60 שפּראַכן. **דער־פון זיינען 44 שפּראַכן קינדער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע**, שפּראַכן, וואָס האָבן פריער ניט גע־האַט קיין צייטונג און זשורנאַל און אָפט אפילו אויך ניט קיין בוך. פיל פון זיי האָבן בכלל ניט פאַרמאָגט קיין געדרוקט וואָרט. אַזוי אונטערדריקט און פאַרפאָלגט זיינען געווען די פעלקער און ראַסן, וואָס האָבן די שפּראַך באַ־נוצט. ניט נאָר די אונטערדריקטע פעלקער, די רוסישע מאַסן זיינען געהאַל־טען געוואָרן אין פינצטערניש און אומוויסנהייט. די צאַרישע רוסלאַנד איז געווען אַ לאַנד פון אַנאַלפאַבעטן. 67 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָט ניט געקענט לייענען און שרייבן.

אָט איז אַ קורצע אַבעלע פון צייטונגען:

אין 1930 זיינען אַרויסגעגאַנגען 605 טעגלעכע צייטונגען. צווישן זיי זיינען געווען:

אָנפירנדיגע פּאָליטישע צייטונגען	17
טרייד־יוניאָן צייטונגען	10
אַרבעטער מאַסן־צייטונגען	58
פּויערישע צייטונגען	125
קאָאָפּעראַטיווע צייטונגען	13
עקאָנאָמישע	13
געמישטע	85
צייטונגען פאַר ספּעציעלע אויפגאַבן	17
מיליטערישע צייטונגען	16
אויף נאַציאָנאַלע שפּראַכן	209

די צירקולאַציע פון די צייטונגען וואַקסט נאָכאַנאַנד. די „פּראַוודאַ", אָרגאַן פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, האָט אַ צירקולאַציע פון איבער 900 טויזנט אַ טאָג. „איזוועסטיע", אָרגאַן פון דער סאָוועטן־רעגי־

רונג, האָט איבער 700 הונדערט טויזנט צירקולאַציע. די צענטראַלע פויערים צייטונג „קריעסטיאַנסקאַיאַ גאַזעטאַ“, וואָס דערשיינט איין מאָל אין פינף טעג, האָט אַ באַצאָלטע צירקולאַציע פון אַ מיליאָן און האַלב עקזעמפּליאַרן. זי לאָזט ארויס ספּעציעלע אויסגאַבן אין זעקס און זיבן מיליאָן קאָפּיעס. פאַראַן אויך גרויסע צייטונגען אין לענינגראַד, כאַרקאָוו, אָדעס, קיעוו און אַזוי ווייטער.

ארבעטער- און פויערים-קאָרעספּאָנדענטן

אַ וויכטיגער טייל פון דער פּרעסע זיינען די ארבעטער און פויערים קאָרעספּאָנדענטן. זיי זיינען די שטורם-טרופּן פון ארבעטער קלאַס. זיי פאַרבינדן די צייטונגען און די סאָוועטישע געזעשאַפטלעכקייט מיט אַלע ווינקעלעך פון ריזיגן סאָוועטן-פאַרבאַנד און מיט אַלע צווייגן פון טעטיגקייט. מען קען זיך ניט פאָרשטעלן אַ סאָוועטישע צייטונג אָן דעם ארבעטער-קאָרעספּאָנדענט. די בריוו פון די ארבעטער און פויערים קאָרעספּאָנדענטן ווארפן אַ העלן ליכט אויף אַלע קראַנקע פלעצער, דעקן אויף טעות'ן, ווייזן אָן אויף פעלערן, מונטערן די שוואַכע, לערנען די אָפּגעשטאַנענע. דער ארבעטער קאָרעספּאָנדענט איז ד אָ ס א ו י ג פון דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלאַכקייט אין צעך, פאַבריק, קלוב, רעסטאָראַן, אינסטיטוציע— אומעטום, וואו דאָס נייע לעבן ווערט געבויט. גענוג צו זאָגן, אַז די „פּראַוודאַ“ האָט אַליין אַ נעץ פון 50 טויזנט ארבעטער און פויערים קאָרעספּאָנדענטן. אָט די ארבקאָרן זיינען די פינגער פון דער „פּראַוודאַ“, זיי דערגרייכן יעדן פאַרוואָרפענעם ווינקעלע, זיי טאַפּן אָן יעדע האַנדלונג, וואָס קען שעדיגן דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי פון לאַנד.

די פאָלגנדע ציפערן ווייזן דעם שנעלן וואוקס פון די ארבעטער און פויערים קאָרעספּאָנדענטן:

אין 1915 זיינען געווען 217 טויזנט קאָרעספּאָנדענטן; פון זיי: ארבעטער-קאָרעספּאָנדענטן—74,298, דאָרף-קאָרעספּאָנדענטן—116,710.

אין 1927 זיינען שוין געווען 335,348 קאָרעספּאָנדענטן; פון זיי: 115,617 ארבעטער-קאָרעספּאָנדענטן, 192,788 פויערים-קאָרעספּאָנדענטן.

אין 1931 זיינען שוין געווען דריי מיליאָן ארבעטער און פויערים קאָרעספּאָנדענטן.

די שטורמישע סאָציאַליסטישע בויאונג ענדערט דעם כאַראַקטער פון דער טעטיגקייט פון די ארבעער און פויערים קאָרעספּאָנדענטן. זייער ראָל ווערט וואָס ווייטער מער פּאָזיטיוו.

פעברואַר, 1931, איז אין מאָסקווע פאַרגעקומען די אַלפאַרבאַנדישע קאָנפערענץ פון ארבעטער-קאָרעספּאָנדענטן. ח' פּאָסטישעוו, איינער פון די סעקרעטאַרן פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, האָט אין זיין באַגריסונג ארויסגעבראַכט אָט די געענדערטע ראָל פון ארבקאָר און דאָרפקאָר.

„דער אַרבעטער דאַרף אויסשליסן די פען מיט דער קענטניש פון טעכניק. דאַן וועט זי טרעפן דעם שעדיגער, פונקט ווי זי האָט געטראָפן שטערבלעך דעם ביוראָקראַט.

„אייער אויפגאַבע איצט איז ניט נאָר צו קריטיקירן שוואַכע זייטן און אָנווייזן אויף דורכרייסן אין פּלאַן. די גרויסע זיגן פון סאָציאַליסטישער בויאונג לייגן אויף אייך אַרויף אַ צווייטע אויפגאַבע: אַנצוהאַלטן אַ לעבעדיגע, טיכטיגע פאַרבינדונג צווישן די מאַסן מיט דעם אינדוסטריעל-פינאַנציעלן פּלאַן. זיין דער אינסטרומענט, וואָס העלפט ברענגען יעדן טייל פון פּלאַן צו יעדן ווערקשטאַט. שרייבן ניט בלויז ווען די פּראָדוקציע שטייט אָפּ, נאָר אויך ווען זי גייט פאָראויס פון דעם פּלאַן".

אַ גרויסע ראָל שפּילן אויך די וואַנט-צייטונגען. ניטאָ קיין איין אָפּטיילונג אין פאַבריק, קיין איין ביוראָ, אינסטיטוציע, ביבליאָטעק און לענין-ווינקל, וואָס זאָל ניט פאַרמאָגן אַ וואַנט-צייטונג. די צייטונג דינט דעם זעלבן צוועק, וואָס די אַרבעטער-און פּויערים קאָרעספּאָנדענטן. זי איז די וואַכזאַמע אויג אויף דער אַרבעט. גלייכצייטיג גיט זי אויך אַ געלעגנהייט די אַרבעטער אויסצודריקן זייערע מיינונגען און געפילן אויפ'ן פּאַפּיר. די וואַנט-צייטונג איז אַ שולע דורך וועלכער הונדערטער טויזנטער אַרבעטער גייען דורך אויף זייער וועג צו אָרגאַניזירן זייערע געדאַנקען אין געדרוקטן וואָרט.

יעדע וואַנט-צייטונג פאַרמאָגן אויך אילוסטראַציעס, קאַרטונס און בילדער, אַלץ געשאַפן פון די אָרטיגע אַרבעטער אַליין. גרעסערע פאַבריקן האָבן שוין געדרוקטע צייטונגען. די גרויסע שטאָל-פאַבריק אין דניעפּראָ-פּעטראָווסק, גיט אַרויס אַ צייטונג, וואָס דערשיינט יעדע 3 טעג און האָט אַ צירקולאַציע פון 12 טויזנט. די גרעסערע קאָלעקטיוון פאַרמאָגן וואַנט-צייטונגען אָדער שוין געדרוקטע צייטונגען. די מיטגלידער פון קאָלעקטיוו שטעלן צענויף די צייטונג פון אָנהויב ביז'ן סוף. אפילו די פּאַר'משפּט'ע אין די אַרבעטס-הייזער—טורמעס—האָבן זייערע אייגענע געדרוקטע צייטונגען, מיט אַרויספאָדערונגען צו אַ סאָציאַליסטישן געוועט דורכצופירן באַשטימטע אַרבעטן, א. ד. גל.

זעלבסט-קריטיק שטאַרק אַנטוויקלט

די צייטונגען פּראַקטיצירן די שאַרפסטע מאָס באָלשעוויסטישע זעלבסט קריטיק. זיי שאָנעווען ניט קיין טוער, פאַבריק-דירעקטאָר, פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, א. ד. גל. זייער שאַרפע קריטיק ברענט אַרויס ווי מיט אַ גליענדיגן אייזן יעדע ביסל מאַטעריע, וואָס זאַמלט זיך אָן דאָ און דאָרט, אין דעם ריזיגן סאָוועטישן אָרגאַניזם. די צייטונגען זיינען אין פולן זין פון וואָרט אָרגאַניזאַטאָרן פון דער סאָציאַליסטישער אָפענסיווע. זייער קריטיק איז אַ קאָנסטרוקטיווע, אַ בויענדיגע. די צייטונגען אָרגאַניזירן און מאָביליזירן די

פראָלעטאַרישע עפנטלעכקייט פאַר יעדער קאַמפּאַניע, וואָס די פּאַרטיי און די רעגירונג פירן דורך.

אַ גרויסן פּלאַץ פאַרנעמען אויך די פּעריאָדישע זשורנאַלן. אויך זיי וואַקסן אָן אויפהער. אין 1930 זיינען ארויסגעגאַנגען צווישן 950 און טויזענט פּעריאָדישע זשורנאַלן. אין מאָסקווע אַליין גייען אַרויס 450 זשורנאַלן. לעצטנס גייט אָן אַ טענדענץ אָפּצושטעלן עטוואָס דעם וואוקס אין צאָל פון די זשורנאַלן און אָפּגעבן זיך מער מיט די שוין־עקזיסטירנדיגע.

פאַראַן אַלערליי סאָרטן זשורנאַלן. פון דעם „פּראָזשעקטאָר" און דעם „אָגאָניאָק", וואָס זיינען פּאָפּולערע אילוסטרירטע זשורנאַלן ביז די וואָגיגע ערנסטע טעאָרעטישע אויסגאַבן פון דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע, העכסטען ראַט פון פאָלקס־ווירטשאַפט, א. א. וו. דער „אָגאָניאָק" האָט אַ האַלבן מיליאָן צירקולאַציע. ווען מען גיט אים נאָך פּאַפּיר, וואָלט די צירקולאַציע אין אַ פּאָר וואָכן זיך פאַרדאָפּלט. דאָס זעלבע איז מיט די איבעריגע זשורנאַלן און צייטשריפטן. דער מאַנגל אין פּאַפּיר, און טיילווייז, מאַנגל אין דרוק־מיטלען, באַשרייַנקט די ראַשיגע פאַרשפּרייטונג פון דער פּרעסע, ביכער און זשורנאַלן. דאָס מיינט ניט, אַז איצט ווערט ווייניגער פּאַפּיר פּראָדוצירט ווי פאַר דער רעוואָלוציע. פאַרקערט, די פּאַפּיר אינדוסטריע איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. אָבער די קולטורעלע באַדערפעניש פון די מאַסן זיינען נאָך שטאַרקער אויסגעוואַקסן.

אַמאָליגע צייטן האָט נאָר די בורזשואזיע און אינטעליגענץ געלייענט זשורנאַלן און ביכער, היינט זיינען צוגעקומען צענדליגער מיליאָנען האַרעפּאַשניקעס, פאַר וועמען אַ זשורנאַל און אַ בוך זיינען געוואָרן אַ נויטווענדיגקייט. ניט די פּאַפּיר־פּראָדוקציע און ניט די דרוק־אינדוסטריע קען אָניאָגן דאָס שטורמישע וואַקסן פון די קולטורעלע באַדערפעניש פון די מאַסן.

הינטער לענינגראַד, אין די צפון־וועלדער, ווערט איצט געבויט אַ ריזיגע קאָמבינאַציע פון פּאַפּיר פאַבריקן, באַלאַקנאַ. ווען אָט־די קאָמבינאַציע וועט פאַרענדיגט ווערן, וועט דער מאַנגל אין פּאַפּיר פולשטענדיג ליקווידירט ווערן.

די זשורנאַלן וואָס מיר האָבן דערמאָנט אויבן, כאַפּן אַרום פאַרשיידענאַרטיגע צווייגן פון קולטור, ליטעראַטור און וויסנשאַפט. די פאָלגנדיגע טאַבעלע אַליוסטרירט דעם ברייטן נעץ פּראָבלעמען פון די זשורנאַלן:

אין 1928 זיינען דערשינען:

ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע זשורנאַלן — — —	106
געזעלשאַפטלעכע און פּאַרטייאישע זשורנאַלן —	122
פּויערישע צייטונגען — — — — — — — — — — —	125
קולטור־אויפקלערערישע — — — — — — — —	65
פּראָפעסיאָנעלע ... פּראָפּאַראייבישע (יוניאָנס) — — — — — — —	65
ליטעראַריש־קינסטלערישע — — — — — — — — —	62
מעדיצינישע — — — — — — — — — — — —	77

אגריקולטורעלע	65
טעכנישע	34
קונסט־זשורנאַלן	30

די צירקולאַציע פון איין נומער פון די אַלע זשורנאַלן האָט באַטראָפן 8 מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

דער דורכשניטלעכער פאָרמאַט אין אַ זשורנאַל איז 5 געדרוקטע בויגן, גרויסער פאָרמאַט (120 זייטן).

ראַטן־פאַרבאַנד דאָס ערשטע לאַנד אין ביכער־פּראָדוקציע

אַ גרויסן שוואונג האָט דורכגעמאַכט דער בוך־פאַרלאַג. סיי אין דער צאָל דערשינענע ביכער—אָננעמענדיק יעדן באַזונדערן בוך פאַר אַ באַזונדער אויסגאַבע—סיי די צאָל עקזעמפּליאַרן אין וועלכע די ביכער ווערן אַרויס־געגעבן, איז ראַטן־פאַרבאַנד דאָס ערשטע לאַנד אין דער גאַנצער וועלט.

אין 1925 זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 23,300 באַזונדערע ביכער־אויס־גאַבן; אין 1926—24,800; אין 1927—26,200; אין 1928—27,600.

ווי ווייט דער ראַטן־פאַרבאַנד איז אַוועק אין דרוקן ביכער, ניט קוקנ־דיק אויף דעם מאַנגל אין פּאַפּיר און ניט גענוגנדיקער דרוק־אינדוסטריע, באַ־ווייזט די פאָלגנדע טאַבעלע.

אין 1920 זיינען אַרויסגעגאַנגען ביכער (באַזונדערע נעמען):

אַמעריקע	10,000
ענגלאַנד	14,000
דייטשלאַנד	27,000
סאָוועטן־פאַרבאַנד	40,000

די אַלגעמיינע צאָל עקזעמפּליאַרן האָט באַטראָפן נאָענט צו 110 מי־ליאָן. פאַראַן ביכער, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן. חבר סטאַלינ׳ס באַריכט אויף דעם 16טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין דריי מיליאָן קאָפּיעס.

איבעריק צו זאָגן, אַז מיט אַ בעסערער דרוק־אינדוסטריע און מער פּאַ־פּיר, וועט דער פאַרבאַנד פאַרדרייפאַכן די צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער.

דער שרייבער האָט זיך אינטערעסירט אויסצוגעפינען ווי גרויס איז די צאָל לייענער און וואָס זיי לייענען. קיין אַלגעמיינע ציפערן זיינען ניטאָ. אָבער אַ באַזוך אין די צענטראַלע ביבליאָטעקן און אין די אַרבעטער־קלובן אין וויכטיגע אינדוסטריעלע צענטערן, האָט אַרויסגעבראַכט די שטייגנדיגע צאָל אַרבעטער לייענער. פאַראַן ביבליאָטעקן וואָס האָבן אין איין יאָר פאַרדאָפּלט די צאָל לייענער. די ביבליאָטעק אין דעם „פּאַלאַץ פון אַרבעט" פון די מע־טאַל אַרבעטער אין דניעפּראָפּעטראָווסק (געוועזענע יעקאַטערינאָסלאַוו), באַקומט יערלעך 60 טויזנט רובל נאָר אויף איינצוקויפן נייע ביכער. אַ

שטאַט פון זיבן ביבליאָטעקאַרן אַרבעט אַרויסצוגעבן און אַריינצונעמען בי־כער. כאַראַקטעריסטיש איז די פּראָפּאָרציע פון וויסנשאַפטלעכער ליטעראַ־טור אין פאַרגלייך מיט ווערק פון בעלעטריסטיק און פּאָעזיע. אונז דאַכט זיך, אַז אויך אין דעם פּרט איז ראַטן־פאַרבאַנד אַן אויסנאַם. פאַראַן גרויסע ביבליאָטעקן וואו די צאָל לייענער פון וויסנשאַפטלעכע ביכער שטייגט פיל אַריבער די לייענער פון דער שיינער ליטעראַטור: 67 צו 33 פּראָצענט. אפילו דאָרטן וואו די וויסנשאַפטלעכע ביכער האָבן ניט דעם פאָרצוג, מאַכן זיי אויס אַ גרויסן פּראָצענט פון דער צאָל געלייענטע ביכער. דער קלענס־טער פּראָצעס אויף וועלכן מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן איז געווען 32 פּראָצענט לייענער פון וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור.

צווישן די שטאַרק־פאַרשפּרייטע ביכער פאַרנעמען לענינ'ס ווערק דעם ערשטן פּלאַץ. אין וויפיל אויסגאַבן די ווערק זיינען ניט דערשינען—זיי סטייען נאָך אַלץ ניט. די לעצטע אויסגאַבע אין הונדערט טויזנט עקזעמ־פּליאַרן איז גלייך צעכאַפּט געוואָרן פון אַרבעטער־אַבאָנענטן נאָך איידער דער ערשטער בוך איז דערשינען.

פון די וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס ווערן געלייענט, פאַרנעמט דעם הויפּט־פּלאַץ ליטעראַטור וועגן מאַרקסיזם און לעניניזם. די לעצטע פּאָר יאָר וואַקסן אויך שטאַרק די צאָל לייענער פון טעכנאָלאָגישער ליטעראַ־טור. אַ מאַסע ביכער איבערפאַרשידענע צווייגן פון טעכניק, איז לעצטנס אַרויסגעגעבן געוואָרן. זיי האָבן אַ גרויסן אָפּזאַץ. דער דראַנג צו טעכני־שער קולטור רופט אַרויס אַ גרויסע פאָדערונג אויף אַזעלכע ביכער. די קאָלאָ־סאַלע צוגרייטונג פון הויך־קוואַלאַפיצירטע אַרבעטער האָט באַשאַפן אַ ריזיגע נאָכפראַגע אויף טעכנישער ליטעראַטור.

דעם אויבן־אָן אין דער בעלעטריסטיק און פּאָעזיע פאַרנעמען רעוואָלוציאָנערע און פּראָלעטאַרישע שרייבער. דאָס מיינט ניט, אַז די קלאַ־סיקער זיינען איגנאָרירט געוואָרן. דער מלוכה־פאַרלאַג האָט אַרויס־געגעבן געזאַמלטע ווערק פון פּושקין, טאָלסטאָי, לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו, טורגעניעוו, טשעכאָוו און זייער גלייכן. די צוויי פּאָפּולערסטע פון די קלאַ־סיקער זיינען פּושקין און ל. טאָלסטאָי.

די געשיכטעס, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק וועגן שייטער־הויפנס מיט פאַרברענטע ביכער פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, זיינען געווען בייזוויליגע ליגנס.

דער בוך דרינגט אַריין אין דאָרף

צייטונג, זשורנאַל און בוך איז ניט באַשרענקט צו די אַרבעטער אין שטאָט. זיי דרינגען אַריין אין דאָרף. דאָס לייען־שטיבל, אָדער ווי מען רופט יעדן דאָרף. דאָרטן באַקומען זיך אַלע צייטונגען, זשורנאַלן. דאָרט איז אויך עס אין די דערפער דער לענין־ווינקל, איז געוואָרן אַ נויטווענדיגקייט אין

פאַראַן אַ ראַדיאָ, אַהין קומען די פּויערים אין זייער פרייער צייט צו לייע־נען. אין 1928 זיינען געווען אַזעלכע 22 טויזנט לייען־שטיבער אין ראַטן־פאַרבאַנד. איצט איז זייער צאָל פיל גרעסער.

דער גוואַלדיגער קולטורעלער אויפשטייג דריקט זיך אויס ניט נאָר אין צייטונגען און זשורנאַלן. אַ נייע ליטעראַטור איז אויפגעוואַקסן, מיט אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער ווי די ליטעראַטור אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די קאַפּיטאַליסטישע וועלט מאַכט זיך בכיון (בעקיוון) ניט וויסנדיג פון אַט דער נייער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. זי איז פאַקטיש באָיקאָטירט אין אויסלאַנד. זייער זעלטן און ווינציג פּראָלעטאַרישע ביכער זיינען איבערזעצט געוואָרן אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די פּראָ־לעטאַרישע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד איז די שטאַרקסטע אָפּלייקענונג פון דער בורזשואַזער טעאָריע, וואָס פאַרווישט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון לי־טעראַטור. פּראָלעטאַרישע ליעראַטור באַהאַלט גאָרניט איר אויפגאַבע. זי מאַסקירט זיך ניט אין אַלגעמיינע, נעבלהאַפטע קינסטלערישע פאָרמו־לעס. פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור דינט דעם איין צוועק—די בויאונג פון סאָציאַליזם.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַרויסגעבראַכט אַ גאַנצע רייע רעוואָלו־ציאָנערע און פּראָלעטאַרישע שרייבער. אַ באַדייטנדיגער טייל פון זיי זיינען גרויסע טאַלאַנטן, וועלכע האָבן שוין באַוויזן צו שאַפן מאָנומענטאַלע קינסט־לערישע ווערק. אַזעלכע ביכער ווי „צעמענט" פון גלאַדקאָוו, „דער געהילץ־זאַוואָד" פון קאַראַוואַיעוואַ, „פאַבריקא ראַבלע" פון טשומאַנדרין, „זיבן טעג" פון פורמאַנאָוו, „שטילער דאָן" פון שאָלאָכאָוו און נאָך און נאָך זיינען ביכער, וואָס קענען זיך קינסטלעריש פאַרגלייכן מיט דאָס בעסטע וואָס די מערב־אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנישע ליטעראַטור האָט באַשאַפן פאַר די לעצטע 25 יאָר.

אין דער צייט ווען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער מערק זיך אַן אומ־אויפהערלעכע ירידה אין דער ליטעראַטור, די מערסטע שרייבער זעען אויס פאַרלאָרן און הילפלאָז און זייערע ביכער זיינען פול מיט פּעסימיזם, איז די ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד מונטער און קרעפטיג, פול מיט לעבנס זאַפט און באַזעלט מיט דעם אימפּעט און ענטוזיאַזם, מיט וועלכן די מאַסן בויען דעם נייעם לעבן.

פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אַ וואָפן אין סאָציאַליסטישן אויפבוי

אין ראַטן־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן עטלעכע ריכטונגען און גרופּירונגען אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, אָבער זיי אַלע זיינען פאַראייניגט אויף איין פונדאַמענטאַלער פּלאַטפאָרמע. די קינסטלער באַהאַנדלען פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן אויפבוי, פון וואוקס פון דער פּראָדוקציע, דער נייער לעבנס־שטייגער פון דעם אַרבעטער, קאַמף געגן שעדיגער און ביוראָקראַט,

קאמף אין דארף פאר קאלעקטיוויזאציע, א. א. וו. אידעאלאגישע אויסגעהאל־טענקייט גייט האנט אין האנט מיט קינסטלערישע פארמען, קלארער, פרא־לעטארישער אינהאלט הויבט און לייטערט די קוואליטעט פון דער פארם.

די פראלעטארישע שרייבער זיצן נישט אין די קאבינעטן און זויגן טעמעס פון די פינגער. די מיטגלידער פון דעם „וואפּ" (אלפארבאנדי־שע אסאציאציע פון פראלעטארישע שרייבער) צו וועלכער עס באלאנגען די מערסטע און וויכטיגסטע קינסטלער פון ווארט, זיינען ענג פארבונדן מיט דעם אויפבוי־פראצעס פון לאנד. שרייבער ווי גלאדקאוו, לעבעדינסקי, פאדיעוו, פאנפיעראוו, טשומאנדרין און פאעטן ווי בעזימענסקי, סורקאוו, קאלאסאוו א. א. וו., דראמאטורגן ווי קירשאן, גייען אין די דערפער, ארבעטן אין די קאלעקטיוון, אדער שליסן זיך אן אן די ארבעטער בריגאדעס אין די פאבריקן. נישט נאר קומען זיי צו די ארבעטער און קאלכאזניקעס צו לייענען זייערע זאכן, נאר זיי ארבעטן טאקע אין די בריגאדעס צוזאמען מיט די שלאגלער. זיי גייען ארונטער אין די קוילן־מינען, לערנען זיך אויס ארבעטן אויפ'ן פעלד, דאס גיט זיי אן אינעווייניגסטע פארשטענדעניש פון דער לאגע פון מיליאנען ארבעטער און פויערים. זיי קריגן זייערע טעמעס פון עכטן קוואל, פון דער ערשטער האנט. דאס גאראנטירט זיי סיי די עכטקייט פון דעם קינסטלערישן מאטעריאל און סיי די ריכטיגע אידעאלאגישע ליניעס. דאס ווירקט אויך קאלאסאל אויף זייערע קינסטלערישע מעטאדן. איינער פון די באדייטנדסטע פראלעטארישע דיכטער, בעזימענסקי, האט ווי א מיטגליד פון דער „פראוודא"־בריגאדע געארבעט א צייטאויפ'ן דניעפראבוי, שפעטער אין די שטאל־פאבריקן אין דניעפראפעטראווסק. זיין פאעמע „דניעפראבוי", איז א מעכטיגע ליד, דורכגעדרונגען מיט א זעלטענעם סא־ציאליסטישן פאטאס, אריגינעל, גינסטלעריש אין פארם. די סאוועטישע ליטעראטור איז רייך מיט אזעלכע פערלען ווי „דניעפראבוי".

דאס איז אויך ריכטיג בנוגע די אנדערע שרייבער און ליטעראטן. די פראלעטארישע ליטעראטור אין אלע שפראכן איז באהעפט מיט דער צאפלדיגער אויפבוי־ארבעט.

די אידישע און נישט־אידישע באלעבאטישע קריטיקער וואס רעדן מיט גאל וועגן פראלעטארישער ליטעראטור, וועלכע שווערן אז „פארטיי דיקטא־טור"—קאמוניסטישער אנפירונג מיט דער ליטעראטור איז ביי פארטיי דיק־טאטור איז א כאמוט פאר דער „הייליגער קונסט" — זעען אויס ווי מילבן אין פארגלייך מיט דער נייער מארקסיסטישער ליטעראטור־קריטיק, וואס איז אנטשטאנען. די ביכער, וואס די בורזשואזע קרי־טיק לויבט, זיינען קארליקעס געגן די ווערק, וואס זיינען באשאפן אין דעם לאנד פון דער סאציאלער רעוואלוציע. די נייע פראלעטארישע קרי־טיק, וואס איז גאר א יונג קינד פון דער רעוואלוציע, איז העט העט אריבער־געשטיגן די גרויסע קארפן־קעפ פון בורזשואזער קריטיק.

קלמן מרמר, ניו יארק

ארבעטער, שעפן איבער שרייבער

די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן דער ליטעראַטור און דער פאַבריק האָט לעצטנס אָנגענומען נאָך ענגערע פאָרמען. די אַרבעטער פון גרויסע פאַבריקן דעבאַטירן דעם צושטאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, נאָך דעם ווי זיי הערן אויס פאַרשיידענע ליטעראַרישע ריכטונגען, באַשליסן זיי איבערצונעמען שעפטום איבער איינצעלנע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. צו זיין אַ שעף מיינט צו שטיין אין נאָענטע פאַרבינדונגען, אַרויסצוהעלפן און זאָרגן וועגן דער באַטרעפנדער אינסטיטוציע איבער וועלכער מען נעמט איבער שעפטום. אָט די אידייע פון גאַנצע פאַבריק־שעפן איבער פּראָלעטאַרישע שרייבער, שטאַמט פון די אַרבעטער גופא. דאָס דריקט אויס דעם צוזאַמענשלוס צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און זיין ליטעראַטור. אין דער שעפטום אידייע ליגן קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן, סיי פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און סיי פאַר דער דערנענטערונג און דערהויבונג פון דער אַרבעטער־לייענע גופא.

אַ צווייטער מאָמענט פון דער פאַרבינדונג צווישן ליטעראַטור און אַרבעטער־קלאַס איז דער „קולטור־מאַרש"־קאַמפּאַניע—וואָס די פּראָלעטאַרישע שרייבער האָבן איצט אָנגעהויבן, אַריינצוציען מער שרייבער פון דער פאַבריק. אַרבעטער קאָרעספּאָנדענטן, וואָס ווייזן אַרויס סימנים פון טאַלאַנט, ווערן געהאָלפן און דערמוטיגט. דאָס זעלבע מיט פויערים־שרייבער. מיט ראַט און טאַט ווערן אַזוינע פּראָלעטאַריער אַנטוויקלט צו דער מדרגה (מאַדרייגע) פון וואָרט־קינסטלער. די זעלבע פּאָליטיק איז אָנגעווענדעט צו אַלע איבעריגע צווייגן פון קולטור, פון וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס, ביז מוזיק־קאָנסערוואַטאָריעס.

פּראָלעטאַריער שרייבער קומען אַלע מאָל צו די אַרבעטער אין די פאַבריקן און לייענען פאַר זיי זייערע שאַפונגען, נאָך די פאָרלעזונגען זאָגן די אַרבעטער אַרויס זייערע מיינונגען. אָבער די אַלע פאָרלעזונגען, כאָטש זיי זיינען אַ סך אין צאָל, האָבן אָבער ניט געגעבן אַזאַ אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן דעם פּראָלעטאַרישן שרייבער און דעם פּראָלעטאַרישן לייענער ווי די אידייע פון שעפטום באַזאָרגט עס איצט. דער שרייבער וועט איצט פעסטער פילן דעם באָדן אונטער זיינע פיס, וועט בעסער אָנטאַפּן די ליניע אין וועלכער ער דאַרף אַרבעטן. די מאַסע לייענער ווידער, וועלן קריגן די מעגלעכקייט אַריינקוקן טיפער וואָס עס טוט זיך צווישן די וואָרט־קינסטלער. דער אַרבעטער ווערט געבראַכט נעענטער צום בוך און דער בוך וועט בעסער אָפּשפּיגלען דעם אַרבעטער. איבעריג צו זאָגן, אַז אַזאַ שעפטום איז מעגלעך נאָר אין אַ לאַנד, וואו דער אַרבעטער־קלאַס שאַפט זיין אייגענע קולטור און וואו אַלע צווייגן פון קולטור אַרבעטן פאַר איין ציל—דער גרעסטער ציל אין דער געשיכטע פון דער אונטערדריקטער מענטשהייט.

דאָס אויבן־דערמאָנטע דאַרף ניט אויסגעטייטשט ווערן, אַז דער וועג

פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז געווען אויסגעשפּריים מיט בלו־
מען. פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור און פּראָלעטאַרישער טעאַטער האָבן געפירט
אַ שווערן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. גלייך נאָך דער רעוואָלוציע האָט דער
בורזשואַזער קולטור־טרעגער, מיטלויפער פון דער רעוואָלוציע, פּרובירט
באַהערשן דעם גאַנג און אַנטוויקלונג פון קולטור אין אַלע אירע פאָרמען.
אפילו אין די רייען פון דער פּאַרטיי זיינען געווען שרייבער און קריטיקער,
וואָס האָבן נאָך געלייקנט דעם קלאַסן־פּרינציפּ און דעם קלאַסן־צוגאַנג אין
ליטעראַטור. נאַטירלעך, האָבן זיי איינגעוויקלט זייער געגנערשאַפט צו פּראָ־
לעטאַרישער ליטעראַטור אין אַ מאַנטל פון כלומרשטן מאַרקסיזם. זייער
לאָזונג איז געווען: הויבן דעם קולטורעלן צושטאַנד פון די אַרבעטער־מאַסן,
הויבן דורך אַ ברייטן שטראָם פון קולטור בכלל (ביקלאַל).

די ערשטע פּראָלעטאַרישע שרייבער האָבן אָנגעשטויסן אויף דער
באַקאַנטער דערשיינונג, אַז ניט אַלע וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ פּאָליטישע
און עקאָנאָמישע איבערקערעניש זיינען רייף פאַר אַ קולטורעלער איבער־
קערעניש. אין אַנדערע ווערטער, געוואוינהייטן, נויגונגען און געשמאַק זיינען
שווערער אויסצואוואָרצלען ווי פּאָליטישע און עקאָנאָמישע איבערצייגונגען
און מיינונגען.

צו הילף דער יונגער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור זיינען געקומען די
אַרבעטער גופא, ספּעציעל די אַרבעטער־יוגנט. אַרבעטער האָבן גאָר אַנדערש
ניט פאַרשטאַנען אַז ליטעראַטור דאַרף אָפּשפּיגלען זייער לעבן, און זייער
קאַמף. די גרויסע מאַסע אַרבעטער האָט געפאָדערט אַ נייעם בוך, ניט אַרבע־
טער־פריינדלעך, נאָר אַ בוך, וואָס זאָל העלפן לייזן די פּראָבלעמען וואָס
שטייען פאַר׳ן אַרבעטער־קלאַס. אַ בוך זאָל קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט
פון דעם לייענער צו זאַכן וואָס רירן אָן זיין סאַמע לעבן, אַ בוך, וואָס זאָל
העלפן אַריינטראָגן קלאָרקייט אין די מחות, הויבן דעם געמיט און אָרגאַני־
זירן די שעפערישקייט וואָס איז באַהאַלטן אין די מאַסן.

דער ערשטער אַנטשיידענער געווינס פון דער פּראָלעטאַרישער ליטע־
ראַטור איז געווען די רעזאָלוציע פון דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַר־
טיי וועגן ליטעראַטור אין 1927. אין יענעם דאָקומענט איז באַשטעטיגט גע־
וואָרן די העגעמאָניע (איבער־האַנט) פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.
די פּאַרטיי האָט אויך אונטערגעשטראָכן אַז אַלע מעגלעכקייטן דאַרפן גע־
שאַפן ווערן פאַר יונגע פּראָלעטאַריער צו אַנטוויקלען זייערע ליטעראַרישע
כחות און דערמיט באַוואָרענען אַ געזונטע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור.

זינט דער רעוואָלוציע זיינען די פּאָזיציעס פון דער פּראָלעטאַרישער
ליטעראַטור באַדייטנד אויסגעשפּרייט געוואָרן. פּראָלעטאַרישע שרייבער באַ־
הערשן איצט די ליטעראַטור וואָס דערשיינט אין לאַנד. דאָס זעלבע איז ריכ־
טיג בנוגע די איבעריקע צווייגן פון קולטורעלן שאַפן. אויף אַלע געביטן פון
קולטור איז דער מאַרקסיסטישער צוגאַנג דער פונדאַמענט פון שאַפן. נאַ־
טירלעך, ניט ביי אַלע איינצלנע שרייבער און קינסטלער אין אַ גלייכער

מאָס. אָבער קיינער וואָגט איצט ניט צו באַשטרייטן דעם געדאַנק אַז דיאַ־לעקטישער מאַטעריאַליזם מוז זיין דער ריכט־שנור אין יעדן ווערק. די אַנטוויקלונג פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז געזיכערט, די פּאָזיציעס פון די געגנער זיינען אָפּגעשוויינקט געוואָרן.

די אַנטוויקלונג פון סאָוועטישן טעאַטער

איינער פון די מעכטיגסטע אויסדרוקן פון דעם קולטורעלן אויפ־שטייג איז דער טעאַטער. דאָס אַלטע רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט אַ קינסטלערישן טעאַטער, וואָס האָט געדינט אויסשליסלעך די קליינע רייכע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. דאָס זעלבע איז געווען מיט דער אַל־טער ליטעראַטור.

די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיליאָנען נייע צושויער, פּונקט ווי מיליאָנען נייע לייענער. דער אַלטער קינסטלערישער טעאַטער, וואָס איז געצוואונגען געווען צו בויגן זיי קאָפּ פאַר דער רעוואָלוציע, האָט זיך געוואָלט באַנוגענען מיט עפענען, פאַר דעם נייעם באַלעבאָס פון לאַנד, די טירן צום זאַל, אָבער ניט די בינע. יאָרן־לאַנג האָט דער אַלטער טעאַטער מיט סטאַניס־לאַווסקי אין דער שפּיץ, אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד דעם נייעם גייסט, וואָס דער נייער צושויער האָט געבראַכט מיט זיך. סטאַניסלאַווסקי׳ס טעאַ־טערן—הויפּטזעכלעך דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער—איז געווען אַ פעס־טונג פון בורזשואַזער בינע־קולטור אין האַרץ פון דער רויטער פּראָ־לעטאַרישער מאָסקווע. פּונקט ווי די אַלטע ליטעראַטור, אַזוי אויך דער אַל־טער טעאַטער האָט געפונען שטיצע אַפילו אין איינעגע קרייזן פון דער פּאַרטיי. אַביישפּיל, די שטיצע וואָס די רעאַקציאָנער־העברייאיש „הבימה" האָט געקראָגן אין די ערשטע יאָרן פון דער ראַטן־רעגירונג. דער אינערלעכער כח פון דער רעוואָלוציע איז אָבער געווען שטאַרקער. עס איז געווען אוממעג־לעך צו צאַמען דעם וואוקס פון אַן איינער פּראָלעטאַרישער בינע. אויך דאָ איז די אַרבעטער יוגנט געווען דער איניציאַטאָר.

הונדערטער דראַמאַטישע קרייזן אין די קלובן האָבן געשאַפן די באַזע פאַר אַ פּראָלעטאַרישן טעאַטער. טאָלסטאָי, טשעכאָוו, אָסטראָווסקי, האָבן ניט געקענט דערשטיקן דעם דראַנג פון די אַרבעטער מאַסן צו זען זייערע פּראָבלעמען אויף דער בינע. טעאַטער איז אַ געוואַלדיגער וואָפן. זיין ווירקונג איז אוממיטלבאַר און שטאַרק. טעאַטער אָרגאַניזירט די עמאָציעס פון מי־ליאָנען מענטשן. דער זיגרייכער אַרבעטער קלאַס האָט ניט געקענט איבער־לאָזן דעם טעאַטער אין די אַלטע הענט. דער נעץ קליינע אָרימע פּראָלעטאַ־רישע טעאַטערן האָט געמוזט זיך צעוואַקסן.

אַן איבערברוך איז געקומען אין יאָר 1927, ווען די פראַגע פון דער פּראָלעטאַרישער קולטורעלער רעוואָלוציע איז געשטעלט געוואָרן פאַר דער פּאַרטיי אין איר גאַנצער גרויס. אין מאַי פון זעלבן יאָר איז גערופן געוואָרן

די ערשטע טעאַטער־באַראַטונג ביי דעם צענטראַל קאָמיטעט. די אַרבעט פון אַט דער באַראַטונג האָט געגעבן אַ גוואַלדיגן שטויס דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער בינע. די אָנגענומענע רעזאָלוציע לייענט זיך:

„אין די באַדינגונגען פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס פאַרווירק־לעכט דעם אויפבוי פון סאָציאַליזם, איז די אויפגאַבע פון דעם טעאַטער, אויפצוהויבן דעם פּאָליטישן און קולטורעלן צושטאַנד פון די אַרבעטער מאַסן, אויפפירנדיג און לייזנדיג אַקטועלע פראַגן פון איצטיגן מאָמענט.

„דער טעאַטער, וואָס באַזאָרגט דעם אַרבעטער מיט אַ געזונטן אָפּרו, מוז דורכפירן, מיט זיינע ספּעציעלע מיטלען, די ראָל פון איינעם פון די וויכטיגסטע פאַקטאָרן פאַר דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי. דער טעאַטער דאַרף אַריינציען אין דעם סאָציאַליסטישן פּראָצעס די ברייטע אַרבעטער און פויערים מאַסן, באַלייכטנדיגן די אויפגאַבן וואָס שטייען איצט פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט”.

היינט איז די פּאַרטיי שוין אַוועק אַ היבש ביסל ווייטער פון דער פּאָ־זיציע, אויסגעדריקט אין דער אויבן-ציטירטער רעזאָלוציע. היינט איז דער טעאַטער איינער פון די אָנפירער אויף׳ן געביט פון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע. דער טעאַטער נעמט זיינע טעמעס פון די צאַפּלדיגע פּראָ־בלעמען פון דעם איצטיגן פּעריאָד. בירגער־קריג פּיעסן, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג מיט עטלעכע יאָר צוריק, זיינען איצט אָפּגערוקט גע־וואָרן אויף׳ן צווייטן אָרט. איצט דער קאַמף אין פאַבריק פאַר׳ן פינף־יאָריגן פּלאַן, דער קאַמף אין דאָרף פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע, די דאָמינירנדיגע טעמעס פון דעם טעאַטער־רעפּערטואַר.

דער אַלטער טעאַטער מוז זיך בויגן פאַר דער רעוואָלוציע

דער גייסטיגער אָנגריף פון פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אפילו סטאַניסלאַווסקי האָט געמוזט אַריינלאָזן די רעוואָלוציע אויף זיין בינע. די אויפפירונג פון איוואַנאָוו׳ס „געפּאַנצערטער צוג” איז פאַר דעם אַלטן מאָסקווער קונסט טעאַטער געווען אַ היבשע איבערקערעניש. אָבער אפילו דאָרטן האָט ער אַריינגעלייגט אַ היבש פּאַרציע פון דעם טשעכאָוו-גייסט, ווייטער פון שילדערן דעם בירגער־קריג איז סטאַניסלאַווסקי ניט געגאַנגען.

ערשט היינטיגן ווינטער — פעברואַר — איז אין מאָסקווער מלוכה־טעאַטער (סטאַניסלאַווסקי) אויפגעפירט געוואָרן „ברויט”, אַ דראַמע, וואָס שילדערט דעם קאַמף פון קאָלעקטיוויזאַציע, פון באַוואוסטן פּראָלעטאַרישן דראַמאַטורג, קירשאָן.

אויבן־אויף קען זיך דאַכטן, אַז די פאַבריק און דער דאָרף קענען ניט ליפערן קיין רייכן מאַטעריאַל פאַר דראַמע. וואָס, וועט פרעגן אַ באַלע־בעסל, קען מען מאַכן פון קאָלעקטיוויזאַציע? וואָס פאַר אַ קונסט־ווערק קען מען אויסשמידן פון דעם קאַמף געגן קולאַק און גלח?

מען דאַרף זען אַ פּיעסע ווי „יאַראַסט“ (רציחה) אין דעם מאָסקווער טעאַטער פון די פּראָפאַראיינען, „צעלינאַ“ (אַ רויע שטיק) אין דעם לעניני־גראַדער טראַם (טראַם איז—טעאַטער ראַבאָטשעי מאָלאָדיאָזשי—טעאַטער פון אַרבעטער־יוגנט) צו פילן אויף זיך דעם קאָלאָסאַלן איינדרוק וואָס אַט אַזעלכע אויפפירונגען לאָזן איבער. דער דאַרף מיט זיין אויסזען, מיט זיינע סאָציאַלע כחות וואָס צעשלאָגן זיך איינע אין די אַנדערע ווי שטאַרקע כוואַליעס; די אויפטרייסלונג וואָס די קאָלעקטיוויזאַציע ברענגט אין דעם מח און פּסיכאָלאָגיע פון דעם פּויער; די הייסע ליידנשאַפטן, וואָס דער קאַמף פאַר און געגן דעם קאָלעקטיוו רופט אַרויס; די ווילדע שנאה פון קולאַק גיבן אַ בילד וואָס לאָזט ניט אָפּ דעם צושויער די גאַנצע צייט פון שפּיל.

דאָס זעלבע מיט פּיעסן, וואָס שילדערן דעם איבערברוך אין דעם לעבנס־שטייגער פון דער אַרבעטער־פאַמיליע. פּיעסן, וועלכע ברענגען אַרויס דעם קאַריעריסט און ביוראָקראַט, דעם שעדיגער—אַלץ זאַכן אַרויס־געכאַפּט פון דעם שטורם און געראַנגל, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט איצט דאָס גאַנצע לאַנד.

פּראָבלעמען, וואָס די פּיאַטילעטקע האָט אַרויסגערוקט פאַר׳ן טעאַטער

דער פינף־יאָריגער פּלאַן באַאיינפלוסט, ברעכט און בויט איבער דאָס לעבן פון יעדן איינציגן אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער אויפבוי־פּעריאָד האָט געבראַכט מיט זיך צענדליגע פּראָבלעמען אין אַלע געביטן פון לעבן. דער אַרבעטער אין פאַבריק, זיין פרוי, די קינדער, די יוגנט, די אינטעליגענץ,—אַלע און אַלץ ווערט איצט איבערגעגאָסן און איבערגעפורעמט. אין אַזאַ הייסע צייט איז דער טעאַטער איינע פון די וואונדערבאַרסטע שפּיגלען, אין וועלכן די מאַסן קענען זען זיך און זייער שונא. דער טעאַטער אָרגאַניזירט זייערע געפילן פאַר אַ באַשטימטן צוועק. דער טעאַטער ברענגט אַרויס יעדן ווינקעלע פון פראָנט וואו עס איז ניט גלאַט, יעדע פּראָבלעם וואָס פאָדערט לייזונג. דערביי זיינען די קינסטלערישע דערגרייכונגען אומגעהויער. סאָוועטישער, פּראָלעטאַרישער אינהאַלט איז באַקליידט אין הויכער טעאַטראַלישער פאָרם. אין אַ סאָוועטישן טעאַטער זיצט מען גע־שפּאַנט. די שפּיל אויף דער סצענע איז נוגע (נויגייע) יעדן איינעם ביז׳ן ביין.

דער טעאַטער איז אַ גרויסע זאַך אין ראַטן־פאַרבאַנד. די אַרבעטער־מאַסן האָבן ליב צו גיין אין טעאַטער. ניטאָ אַזאַ מין זאַך ווי ליידיגע טעאַטערן. אין מאָסקווע אַליין שפּילן יעדן אָוונט 44 טעאַטערן און זיי זיינען אַלע שטענדיג איבערפולט. מען הויבט אָן שפּילן האַלב נאָך זיבן, מיט אַ שטונדע פריער ווי אין אַנדערע לענדער. די דורכשניטלעכע שפּיל

דויערט נאָענט צו פיר שטונדן. מאָסקווע פאַרמאָגט דריי אָפּערע טע־אַטערן, אין דער צייט ווען אזא גרויסע און רייכע ניו יאָרק האָט בלויז איינעם. די סטאַניסלאַווסקי גרופּע האָט פיר טעאַטערן, דער מלוכה־טעאַטער און דריי סטודיאָס, וועלכע זיינען אויך רעגולערע טעאַטערן. אגב, די סטודיאָס זיינען די צווייגן וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט א סך ווייטער פון דעם שטאָם. די סטודיאָס זיינען שוין נעענטער צו דעם אָטעם פון דער רעוואָלוציע ווי דער טעאַטער פון וואַנען זיי שטאַמען.

צווישן די גרויסע קינסטלערישע טעאַטערן, פאַרנעמט א גרויסן פּלאַץ מייערכאָלדס, וואָס איז א מין לאַבאָראַטאָריע פאַר'ן סאָוועטישן רעזשיסאָר; דער טעאַטער אויפ'ן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם וואַכטאַנגאָוו, דער טעאַ־טער פון רעוואָלוציע און דער אידישער מלוכה־טעאַטער. פּאַראַן א גאַנצע רייע ראַיאָנע טעאַטערן—טעאַטער פאַר דער רויטער אַרמיי, א ספּעציעלער טעאַטער פאַר הומאָר און סאַטירע, די בלויע בלוזע (קינסטלערישער וואָדע־וויל), צוויי גרויסע מלוכה־צירקן, און נאָך און נאָך. דאָס אַלץ איז אויסער דער גרויסער צאָל דראַמאַטישע קרייזן, וואָס שפּילן אין זייערע קלובן ביי די פאַבריקן.

א טעאַטער אָן א דראַמאַטורג

אינטערעסאַנט איז דער טעאַטער פאַר הומאָר און סאַטירע—סעמפּע־ראַנטע. דאָס איז דער איינציגער טעאַטער אין דער וועלט, וואָס באַגייט זיך אינגאַנצן אָן דעם דראַמאַטורג. דער קאָלעקטיוו שפּילער פאַרזאַמלט זיך, צו באַטראַכטן וואָס אויפצופירן. די פראַגע ווערט געשטעלט אַזוי:

וואָס איז איצט די וויכטיגסטע פּראָבלעם פאַר די אַרבעטער אין מאָסקווע? וואו ליגט איצט דער אָנגעווייטאָגסטער פּלאַץ, וואָס פאָדערט באַהאַנדלונג?

די שפּילער—אַלע געוועזענע אַרבעטער—קומען צום שלוס, אז די פראַגע, צום ביישפּיל, פון ענגשאַפט אין די אַלטע הייזער איז א זאַך וואָס שטייט אויפ'ן טאָג־אָרדנונג. איז קלאָר, אז דאָס דאַרף זיין די שפּיל פאַר דער בינע.

איז שוין פאַראַן די טעמע. איצט דאַרף מען קריגן דעם נויטיגן מאַטעריאַל פאַר דער טעמע. דער קאָלעקטיוו שטעלט די צווייטע פראַגע: ווער וואוינט איצט אין דער דורכשניטלעכער אַלטער הויז אין מאָסקווע? מען שטעלט צונויף דעם צעטל „איינוואוינער" און מען טיילט זיך איין מיט די ראָלן.

אין הויז, לאָמיר זאָגן, וואוינט א פאַבריק־אַרבעטער, א קוסטאַר, אן אָנגעשטעלטער, א דאָקטאָר, א. ד. גל. יעדער שפּילער נעמט אויף זיך איינעם פון די טיפּן. און יעדער שפּילער לאָזט זיך אין די הייזער צו גע־פינען זיין „העלד", זען ווי ער גייט אָנגעטאָן, ווי ער פירט זיך אויף אין

שטוב, וואָס ער רעדט, ווי די ענגשאַפט ווירקט אויף אים און ער אויף דער ענגשאַפט, א. ד. גל.

א וואָך אָדער צוויי שפּעטער קומען זיך די שפּילער צונויף, יעדער איינער ברענגט מיט זיך זיין טיפּ. אזוי קומט פאָר די ערשטע רעפּעטיציע. איין שפּילער פאַררוכט דעם צווייטן. איינער ווייזט אָן דעם אַנדערן אַז זיין טיפּ דאַרף זיך אזוי באַוועגן, אָדער אזוי גיין אָנגעטאָן, אזוי ריידן און אזוי האַנדלען. אין פאַרלויף פון די רעפּעטיציעס ווערט יעדער טיפּ אַרומגעאַרבעט און אַרומגעשליפן. דער „פאַבריק־אַרבעטער" זאָגט דעם „קוסטאַר", אַז ער האָט געהערט ווי אַ קוסטאַר באַנוצט די אָדער יענע פראַזע ביי דער געלעגנהייט. דער „קוסטאַר", ווידער, דערקלערט דעם „דאָקטאָר", ווי אזוי אַ מיטגליד פון דער מעדיצינישער פּראָפעסיע פון דעם שניט ווערט אויפגערעגט ווען מען שטעלט אים צופיל פראַגן. אזוי וואַקסט דאָס שפּיל אין גאַנג פון די רעפּעטיציעס. דער „טשוואַק" איז, נאַטירלאַך, די ענגשאַפט. קאָלעקטיווע אַרבעט העלפט אַרויס יעדן שפּילער. ווען דער קאָלעקטיוו באַשליסט אַז דאָס שפּיל איז פאַרטיג ברענגט מען עס אין טעאַטער. דאָס איבעריגע ווענדעט זיך שוין אָן דעם צושויער.

דער שרייבער האָט געזען די אויפפירונג „אין קיך". עס איז שווער געווען איינצוזיצן אָן געלעכטער. די טעמע איז געווען אַ לעבעדיגע, אַרויסגעכאַפּט פון דער קיך אין אַלטער הויז, וואָס דאַרף באַדינען עטלעכע פאַמיליעס. די מענטשן זיינען אויך געווען אַרויסגעכאַפּט ווי זיי שטייען און גייען. הומאָר האָט ממש געפינקלט. אָבער אַ סאָוועטישער טעאַטער שפּילט ניט סתם אין דער וועלט אריין און לאַכט ניט אויס זאַכן סתם (סטאַם) אין דער וועלט אריין. „אין קיך" האָט אויך געוויזן אַן אויסגאַנג, ווי אזוי קליינלעכע רייבונגען זאָלן אויסגעמיטן ווערן. ווי אזוי אפילו אין די ראַמען פון אַן אַלטער אומבאַקוועמער קיך קענען די סאָוועטישע מענטשן איינאָרדענען אַ געזעלשאַפטלעכע שפּייז־באַזאָרגונג, וואָס זאָל גרינגער מאַכן זייער לעבן און געבן די פרויען מער צייט פאַר געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיגקייט. „אין קיך" צום סוף, איז אַ געלונגענע פּראָבע אין קאָמונאַלן לעבן.

דער נעץ וואַנדער־ און דאָרף־טעאַטערן

אין 1927 זיינען אין ראַטן־פאַרבאַנד געווען איבער פינף טויזנט גרויסע טעאַטערן, אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה, פּראָפאַראיינען און אָרטיגע סאָוועטן. דאָס זיינען טעאַטערן, וואָס פונקציאָנירן אין די גרעסערע און מיטעלערע שטעט. זיי האָבן געהאַט אין יענעם יאָר איבער 15 מיליאָן באַזוכער.

אויסער די גרויסע טעאַטערן געפינען זיך אַ מאַסע טעאַטערן און שפּיל־הייזער, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון די פאַבריקן און קלובן און שטאָט

און פון די דאָרפישע סאָוועטן און קאָלעקטיוון אין דאָרף. צווישן זיי איז פאַראַן א גרויסע צאָל וואַנדער־טעאַטערן, וואָס פאָרן ארום אין די גאָר־קליינע שטעטלעך און ברענגען די איינוואוינער סאָוועטישע טעאַטער־קולטור.

אין 1927 איז די צאָל פאַבריק־קלובן, א. א. טעאַטערן געווען 35,000. די צאָל דאָרפישע טעאַטערן איז געווען 30,000. זינט יענער צייט איז זייער צאָל שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן. די קוואַליטעט פון זייערע אויפפירונגען איז אומגעהויער געוואַקסן. פאַר די לעצטע דריי יאָר האָט דער סאָוועטישער טעאַטער געמאַכט א גרויסן שפּרונג פאָראויס. די פּראָ־לעטאַרישע בינע האָט זיך איינגאַנצן באַפרייט פון שעדלעכן איינפלוס פון בורזשואַזער טעאַטער־קולטור איבערקאָכנדיג אירע געזונטע קערנער. דער רעפּערטואַר איז איינגאַנצן אַן אַנדערער און דער באַשטאַנד פון די אַר־טיסטן איז אָפּגעפרישט געוואָרן מיט א גרויסן שטראָם פון יונגע ארבעטער און פויערים.

אַזוי שנעל ווי אַן ארבעטער אָדער פויערשער דראַמאַטישער קרייז צייכנט זיך אויס מיט זיין ארבעט, ווערט ער אריבערגעפירט אין די רייען פון שטענדיגן טעאַטער. דאָס זעלבע ווען א מיטגליד פון א דראַ־מאַטישן קרייז צייכנט זיך אויס מיט זיין שפּילן שיקט מען אים גלייך אין א טעאַטער־סטודיאָ צו פאַרפאָלקאָמענען זיין קונסט. דער דראַנג פון דער ארבעטער־יוגנט צום טעאַטער איז איינער פון די מאָמענטן וואָס שפּיגלט אָפּ דעם גוואַלדיגן קולטורעלן וואוקס פון די ארבעטער־מאַסן.

דער סאָוועטישער טעאַטער האָט געמאַכט ריזיגן פאָרשריט צווישן די פריער־אָפּגעשטאַנענע פעלקער. איצט איז פאַראַן טעאַטער אין די וויטסטע סאָוועטישע רעפּובליקן אין צענטראַל־אַזיע. דאָרטן איז דער טעאַטער א מעכטיגער פאַקטאָר פון דער קולטורעלער רעוואָלוציע.

טעאַטער ניט דיקטירט פון קאַסע

א סאָוועטישער רעזשיסאָר דאַרף זיך ניט זאָרגן, ווען ער ארבעט אויף אַן אויפפירונג, וואָס א קאַפּיטאַליסטישער פאַרוואַלטער אָדער באַס וועט אים שפּעטער זאָגן. א סאָוועטישער טעאַטער איז ניט אָפּהענגיג פון דער קאַסע. די איינציגע מאָס איז א ריכטיגע אידעאָלאָגישע ליניע, אַן אינטע־רעסאַנטע פּיעסע און א גוטע קינסטלערישע אויפפירונג. דאָס איבעריגע איז שוין געלעזט. מען ווייסט ניט פון קיין ליידיגע טעאַטערן אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד און טעאַטערן דאַרפן ניט זאָרגן פאַר זייער מאַטעריעלע עקזיסטענץ. יעדער טעאַטער האָט זיין געזיכערטן בודזשעט, וואָס ער קריגט פון דער מלוכה, אָרטיגן סאָוועט, אָדער פּראָפעסיין. באַזאָרגן דער ארבעטער־באַפעלקערונג מיט קינסטלערישן טעאַטער איז פּונקט אַזאַ פליכט פאַר דער פּראָלעטאַרישער מלוכה ווי אַלע איבעריגע פליכטן. די פאָנדן פאַר טעאַטערן און מואוויס (קינאָס) זיינען א טייל פון דעם אַלגעמיינעם בודזשעט.

אַרבעטער גייען ניט אין טעאַטער איינציגווייז. דער גאַנצער לעבן פון דעם אַרבעטער גייט דורך אונטער דעם צייכן פון געזעלשאַפטלעכקייט. דאָס זעלבע, באַזוכן דעם טעאַטער. די פאַבריק אָדער דער קלוב אָדער די אינסטיטוציע נעמט רעגלמעסיג גאַנצע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אָדער גרויסע בלאָקס בילעטן און צעטיילט זיי צווישן די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דער אַרבעטער קריגט דעם בילעט אויף 50 פּראָצענט ביליגער, און אמאָל נאָך ביליגער. יעדער אַרבעטער האָט דעריבער די מעגלעכקייט צו באַזוכן די בעסטע אויפפירונגען אין די בעסטע רעוואָלוציאָנערע טעאַטערן. נאָך עטוואָס. אַזוי ווי דער סאָוועטישער טעאַטער עקזיסטירט ניט צוליב פּראָפיטן, ווייסט ער ניט פון דעם אַמעריקאַנישן מנהג (מינעג) אַז אויב אַ פּיעסע „ציט אָן" שפּילט מען זי אַלע נאַכט ביז וואַנען זי הערט אויף צו זיין אַ מעלקנדיגע קי פאַר די טעאַטער־באַסעס. דענסטמאָל נעמט מען זי אַראָפּ און קיינער האָט ניט מער די געלעגנהייט זען זי נאָכאַמאָל, אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער.

דער סאָוועטישער טעאַטער איז אַ רעפּערטואַר־טעאַטער. יעדן אָוונט ווערט אויפגעפירט אַן אַנדער זאַך. יעדער טעאַטער האָט צען אָדער צוועלף פּיעסן, וועלכע ער בייט. יעדער סעזאָן קומט צו אַ פּאָר נייע אויפפירונגען. דער צושויער האָט דעריבער די מעגלעכקייט פון אַ גרויסן אויסוואַל פון פּיעסן. ער קען אויך זען היי־יאָר אַ פּיעסע, וואָס האָט ביי אים שטאַרק אויסגענומען פאַראַיאָרן.

די אַרטיסטן, פּונקט ווי די שרייבער, פאָרן זומער צו די קאָלעקטיוון אין די דערפער. ניט נאָר שפּילן זיי דאָרטן טעאַטער, נאָר זיי נעמען אַנטייל אין דער אַרבעט פון די קאָלעקטיוון. די גרויסע טעאַטערן האָבן שעפטום איבער קאָלעקטיוון. דער צוזאַמענשלוס צווישן דער בינע און דעם דאָרף ברענגט פּרוכטביידן, סיי די פּויערים און סיי די אַרטיסטן.

אַלע מיטאַרבעטער פון טעאַטער באַלאַנגען צו איין פּראָפפאַריין: ראַביס (דער פאַראיין פון קונסט־אַרבעטער). דער פאַראיין גיט אַרויס אַ גרויסן זשורנאַל: „סאָוועטסקי טעאַטער" (סאָוועטישער טעאַטער), וועלכער באַלייכט אַלע פּראָבלעמען פון דער בינע־קונסט. דער זשורנאַל שלייפט אויך דעם אידעאָלאָגישן אינהאַלט פון דעם טעאַטער.

כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער סאָוועטישער פילם

האַנט אין האַנט מיט'ן טעאַטער וואַקסט דער יונגסטער צווייג: די פילם־קונסט. אונטער'ן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם האָט דאָס לאַנד בכלל ניט געהאַט קיין אייגענע פילם. ערשט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געגעבן אַ שטויס דער אַנטוויקלונג פון אָט־דער קונסט, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע צוציאונגס־קראַפט פאַר מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן.

ניט נויטיג צו לויבן די סאָוועטישע פילם. די גאַנצע קולטורעלע וועלט ווייסט, אַז ראַטן־פאַרבאַנד איז דאָס ווינקעלע פון דער קינסטלערישער פילם.

די מאָוווי (קינאָ) האָט זיך אין זייער אַ קורצער צייט צעוואַקסן און צע־שפּרייט ווי אַ מעכטיגער בוים מיט אַ סך טיפע וואָרצלען. היינט־צו־טאָג זיינען פאַראַן גרויסע פילם־אָרגאַניזאַציעס און סטודיאָס ניט נאָר אין די גרויסע צענטרען פון ראַטן־פאַרבאַנד. יעדע גרעסערע סאָוועטישע רעפּוב־ליק פאַרמאָגט איצט איר אייגענע פילם־פּראָדוקציע. אין 1930 האָבן שוין געאַרבעט צוועלף סאָוועטישע פילם־אָרגאַניזאַציעס. צווישן זיי — אַזוינע ווי איזבעק קינאָ — פון איזבעקסטאַן, וואָסטאָק קינאָ — פון ווייטן מזרח, בעלאָ קינאָ — ווייס־רוסלאַנד, וואופקו—אוקראַינאַ, א. ד. גל. זיי זיינען אַלע פאַראייניגט אין אַ צענטראַל־פאַרבאַנדישער אָרגאַניזאַציע, סאָיוז־קינאָ (פאַרבאַנד־קינאָ).

די סאָוועטישע מאָוווי איז אינגאַנצן אַלט אַ יאָר צען. די ערשטע פאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן אין 1920, אין די שווערע טעג פון מלחמה מיט פּוילן, און בירגער־קריג. עס האָט לאַנג ניט גענומען און די שעפערישע כחות פון דער רעוואָלוציע האָבן אַ שלאָג געטאָן אין אָט־דער נייער קונסט. דער סאָוועטישער רעזשיסאָר איז אַוועק אויף אַן אייגענעם ניט־אויסגע־טראָטענעם וועג. אייזענשטיין, פּודאָווקין און דאָווזשענקאָ האָבן געוויזן דער וועלט וואָס פאַר אַ גוואַלדיגע מיטלען די קאַמערע און דאָס לייוונט פאַרמאָגן. די סאָוועטישע פילם, פּונקט ווי דער סאָוועטישער בוך און טעאַטער, האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער עקלהאַפטער שונדישער און שעדלעכער „סעקס־אַפּיל" (געשלעכט־גירינקייט), וואָס איז די באַזע פון דער אַמעריקאַנישער מאָוווי. די טעמאַטיק פון דער סאָוועטישער קינאָ קומט פון פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר דער גאַנצער סאָוועטישער געזעלשאַפט־לעכקייט. דערביי ווערן אַזוינע „טרוקענע" טעמעס ווי דער קאַמף אין דאָרף פאַר קאָלעקטיוויזאַציע, די דורכפירונג פון פינף־יאָר־פּלאַן אין פאַבריק דערהויבן צו אַ הויכן קינסטלערישן גראַד וואָס די פילם־קונסט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואַגט אפילו ניט צו חלומ׳ען וועגן דעם.

אייזענשטיין׳ס „פּאָטיאָמקין", וואָס באַהאַנדלט איין אינצידענט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער פילם־אינדוסטריע אין אַלע לענדער. אייזענשטיין׳ס „גענעראַל ליניע", וואָס שילדערט די גרינדונג פון אַ קאָלעקטיוו און דעם איבערברוך וואָס עס ברענגט אין דאָרף, איז רייך מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג און קינסט־לערישע עפעקטן. דאָווזשענקאָ׳ס „ערד" איז באַהויכט מיט אַ לירישן פּאַטאָס, וואָס מען טרעפט ניט אין די מאָוווים פון האָליוואוד מיט זייער וואולגאַרן לוקסוס, ביליגע עפעקטן און קאָלאָסאַלער געלט־פאַרשווענדעניש.

די סאָוועטישע קינאָ אָפּערירט אויך מיט אַ גאַנץ אַנדער באַשטאַנד פון שפּילער. ניטאָ דער באַרימטער „סטאַר", וואָס איז די געטשקע פון דער מאָוווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די טעמאַ, דער אַנסאַמבל, שפּיל און די מאַסן־סצענעס זיינען די הויפּט־געוויכט אין אַ סאָוועטישער

פילם. ניט נאָר דער סטאַר, די מאַסן־סצענעס זיינען פונדאַמענטאַל אַנדערש ווי אין די בורזשואַזן פילמס.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווייסט מען ניט פון געדונגענע פּראָפעסיאָנעלע סטאַטיסטן (סופערס), וואָס היינט זיינען זיי סאָלדאַטן, מאָרגן רייכע פּוסטע־פּאַטניקעס אויף אַ באַל און איבערמאָרגן זיינען זיי דאָס „פּובליקום” אין אַ טעאַטער. אַ סאָוועטישער רעזשיסאָר נעמט זיין מאַסן־סצענע דירעקט פון לעבן. אין „פּאָטיאָמקין” האָט אייזנשטיין מאָביליזירט אַלע אַרבעטער־דראַמאַטישע קרייזן און טויזנטער קאָמסאָמאָלצעס פאַר דער באַרימטער מאַסן־סצענע אין אָדעסער האַפן. דאָס נעמלעכע האָט געטאָן פּודיאָווקין אין זיין „סוף פון סאַנ־פּעטערסבורג”. ווען דאָווזשענקאָ האָט געדאַרפט שטעלן זיין „ערד” איז ער אַוועק אין פּאָלטאַווער געגנט, אויסגעקליבן אַן עכטן, קערנדיגן אוקראַאינישן דאָרף, אָפּגעאַרבעט מיט די פּויערים אַ דריי־פיר חדשים, — מאָביליזירט, אויפ׳ן סאָוועטישן לשון—און דער גאַנצער דאָרף שפּילט. דעריבער איז דאָווזשענקאָ׳ן געלונגען אַזאַ קרעפטיגע און פּאַטעטישע סצענע ווי די לויה פון דערמאָרדעטן בויער פון קאָלעקטיוו. נאָר אמת׳ע האָרעפּאַשניקעס וואָס זויגן זייער יניקה (יעניקע) פון דער זאַפּ־טיגער ערד האָבן געקענט געבן אַזאַ שטאַרק בילד, וואו אַ לויה ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ פייערלעכן זיג איבער׳ן טויט און אין אַ דראַנג צו ווייטערער שעפּערישער אַרבעט. געדונגענע סטאַטיסטן, אַלאַ האָליוואָוד, קענען אַזאַ מאָמענט ניט אַרויסברענגען.

צו שטעלן זיין „גענעראַל ליניע” האָט אייזנשטיין פאַרבראַכט עטלעכע חדשים אין אַ טיפּישן צענטראַל־רוסישן דאָרף. עס האָט אים גענומען אַ היבשע אַרבעט אויסצעווירקן ביי די פּויערים, מיטגלידער פון קאָלעקטיוו, זיי זאָלן דורכפירן פאַר דער קאַמעראַ די אַלע פּאַסירונגען וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין לעבן ביי דער גרינדונג פון קאָלעקטיוו. די הויפּט־העלדין איז אַן איינפאַכע מיטל־יאָריגע פּויערטע. צום ערשטן מאָל אַז זי האָט געשפּילט פאַר דער קאַמעראַ. אייזנשטיינ׳ען איז געלונגען אַרויסצוקריגן פון אָט דער פּויערטע־אַקטיוויסטקע אַ סך אַ גרעסערן קינסטלערישן עפעקט ווי אַ רעזשיסאָר באַקומט געוויינטלעך פון אַ פּראָפעסיאָנעלער אַרטיסטין.

דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז די סאָוועטישע פילם פאַרמאָגט ניט קיין שטענדיגע אַרטיסטן. זיי זיינען פאַראַן, אָבער זייער ווייניג אין צאָל. די מערסטע פון זיי זיינען „געפונען” געוואָרן פון די רעזשיסאָרן. אַ סך פון זיי גייען צוריק אין פאַבריק נאָכדעם ווי זייער אַרבעט אין סטודיאָ האָט זיך געענדיגט.

ווי אַזוי אַ קאָלעקטיוויזאַציע מיטינג איז אַראָפּגענומען געוואָרן

אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל פון די סאָוועטישע שאַפונגס־מעטאָדן איז דער אופן ווי אַזוי פּודיאָווקין האָט אַראָפּגענומען אַ סצענע פאַר זיינער

א נייע פילם. פאסירט האט דאס פאריגן הערבסט. פודיאווקין האט גע־דארפט האבן א סצענע ווי אזוי א קאמוניסטישער אגיטאטאר קומט אין א ווייטן דארף אגיטירן די ארעמע און מיטעלע פויערים פאר דער נויטיגקייט פון קאלעקטיוון. דער צימער אין דארפישן סאוועט איז אנגעפילט מיט עטלעכע הונדערט פויערים און פויערטעס. זיי זיצן נייגעריג אבער מיט אומצוטרוי אויף זייער פנים. דורשטיג שלינגען זיי יעדן ווארט פון אגי־טאטאר, אבער גלייכצייטיג זוכן זיי עפעס א לאך אין זיינע ארגומענטן. קורץ, א טיפישע פויערים־פארזאמלונג, וואס הערט צום ערשטן מאל א ווארט וועגן קאלעקטיוויזאציע. די פויערים גלויבן און גלויבן ניט, ווילן זיך אנשליסן און זיינען גלייכצייטיג נאך אנגעשטעקט מיט צווייפל.

וואס האט פודיאווקין געטאן? אזוי ווי עס איז געווען נאך דער פעלד־ארבעט, איז ער אוועק אין א דארף הינטער מאסקווע, אויסגעקליבן א פאר הונדערט פויערים, וואס באלאנגען נאך ניט אין קאלעקטיוו, און זיי פארגעשלאגן א באזוך אין מאסקווע. די פויערים האבן זיך אנגעכאפט מיטביידע הענט. צייט איז דא, פארוואס ניט א קוק טאן אויף מאסקווע. ער האט זיי געבראכט אין סטודיא, זיי אויסגעזעצט אין א פשוט'ן צימער, וואס איז ענלעך צו דעם צימער אין א דארפישן סאוועט. פריער איז ער אוועק אין דער פארטיי און האט געבעטן מען זאל אים געבן א קאמוניסט, וואס האט געארבעט אין דארף פאר קאלעקטיוויזאציע. דער קאמוניסט האט געדארפט האלטן א רעדע פאר די פויערים אין דער סטודיא, אזוי ווי ער האט דאס געטאן פיל מאל אין די דערפער.

אזוי שנעל ווי דער אגיטאטאר האט אנגעהויבן זיין רעדע האבן די פויערים אנגעשטעלט מויל און אויערן. דער אויסדרוק אויף זייערע פנימ'ער האט זיך געביטן. אייניגע ארגומענטן זיינען זיי שטארק געפעלן געווארן, אנדערע ווייניגער. זיי האבן געשאקלט מיט די קעפ, איבערגעריסן מיט פראגן, אויפרופן. די פויערים און דער רעדנער זיינען אריינגעצויגן גע־ווארן אין דער קאלעיע פון אן אמת'ן קאלעקטיוויזאציע־מיטינג אין דארף. פודיאווקין'ס קאמערא האט דערווייל געארבעט. עס האט זיך באקומען א גלענצנדע סצענע, ארויסגעכאפט פון לעבן גופא, ניט געקינסטלט.

די סאוועטישע פילם פארמאגט אויך א גרויסן דערציערישן ווערט. מיט דער הילף פון דער לייוונט לערנט מען די פויערים בעסערע מעטאדן פון לאנד־ווירטשאפט. זיי קריגן א באגריף אין עלעמענטארע היגיענע און אין הויכע מעטאדן פון פי־צוכט. די פרויען לערנען זיך ווי צו טאן פאר־שיידענע נוצלעכע זאכן שנעלער און בעסער. אין שטאט לערנט די פילם ווי ארומצוגיין ארום וויכטיגע מאשינען, זי באקאנט די ארבעטער מיט פארשיידענע וויסנשאפטן. זי ווערט באנוצט אין די קינדער־שולן ווי א מיטל צו לערנען.

די פילם דרינגט איצט אריין אין דעם ווייטסטן ווינקל פון פארבאנד. די פארשיידענע סטודיאס פאסן זיך צו צו די באדערפענישן פון די ברייטע

מאסן אין זייערע רעפובליקן. די פילם איז איינע פון די מעכטיגע אינסטרו־מענטן וואָס הויבן דעם קולטורעלן צושטאנד פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג.

לויט דעם אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון „סאָיוז־קינאָ" וועט צום סוף פון דער פּיאַטילעטקאַ אויפגעבויט ווערן 59,000 מואווי־טעאַטערס אין די דערפער און קליינע שטעטלאַך. 22,000 פון זיי וועלן שוין פאַרמאָגן אַפּאַראַטן פאַר ריידעוודיגע פילמס. אין די גרעסערע שטעט וועלן אויפגעבויט ווערן 10,000 מואווי־טעאַטערס.

ראַדיאָ אָן געשעפט־רעקלאַמעס

אין דעמזעלבן גייסט אַרבעט די ראַדיאָ. פאַר אַזאַ ריזיג לאַנד איז ראַדיאָ־פאַרבינדונג אומגעהויער וויכטיג. די סאָוועטישע ראַדיאָ ווייסט ניט פון קאַפּיטאַליסטישע פירמעס, וואָס שטעלן אָן זינגער און שפּילער, צו אַנאָנסירן דערמיט זייערע סחורות. די סאָוועטישע ראַדיאָ האָט אַ קול־טורעל־דערציערישע אויפגאַבע. דער אַרבעטער אין שטאָט און דער פּויער אין דאָרף הערט דורך די הויך־רעדער די וויכטיגסטע פּאָליטישע אינפאָר־מאַציע, אָפּשאַצונג פון אינטערנאַציאָנאַלע געשעעניש, פּאַסירונגען אין לאַנד גופא. זיי קריגן רעגלמעסיג קאָנצערטן און הערן גאַנצע אויפפירונגען פון אָפּערעס און דראַמעס.

די ראַדיאָ אַרבעט אַ גאַנצן טאָג. אינדערפרי גיט זי פיזישע איבונגען, שפּעטער וויכטיגע אינפאָרמאַציע, נאָכדעם גייען לעקציעס, פאָרלעזונגען און קאָנצערטן. פּויערים קריגן ספּעציעלע אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַנד־ווירטשאַפט.

ווען עס קומט פאַר אַ וויכטיגער מיטינג, דעמאָנסטראַציע, א. ד. גל., ווערן די רעדעס איבערגעגעבן איבער דעם ברייטן נעץ פון ראַדיאָ־סטאַנ־ציעס. צענדליגע מיליאָנען מענטשן הערן וואָס מאָסקווע רעדט צו זיי. יעדע סאָוועטישע צייטונג האָט אַ ראַדיאָ אויפנעמער, מיט וועלכן זי באַ־קומט אַלע נייעסן. די „פּראַוודאַ" גיט איבער טעגלעך דעם וויכטיגסטן לייט־אַרטיקל דורך ראַדיאָ די אַלע קלענערע צייטונגען איבער'ן ראַטן־פאַר־באַנד. די „פּראַוודאַ" לייט־אַרטיקלען ווערן אַזוי־אַרום געלייענט פון צענד־ליגער מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס.

אַלע נייע הייזער האָבן ראַדיאָ אין זייערע וואוינונגען. יעדער סקווער אין דער גרויסער שטאָט האָט אַ ראַדיאָ הויך־רעדער. צענדליגער טויזנטער דערפער פאַרמאָגן שוין איצט ראַדיאָ־הויך־רעדער. זינט די סאָוועטישע אינדוסטריע איז געוואָרן בכח צו פּראָדוצירן אַלע טיילן פאַר ראַדיאָ־אינ־סטרומענטן און סטאַנציעס איז די ראַדיאָ געוואָרן זייער שטאַרק פאַרשפּרייט.

אינגיכן וועט ניט זיין קיין איין ווינקעלע, וואס זאל ניט פארבונדן ווערן דורך ראדיא מיט'ן צענטער.

סאוועטן־פארבאנד פארמאגט איצט מעכטיגע ראדיא־סטאנציעס, פונקט ווי ער פארמאגט ברייט־אויסגעשפרייטע עראפלאן־פארבינדונגען. מען קען זיך פארבינדן דורך ראדיא פון מאסקווע ביז וולאדיוואסטאק, ביים פאציפישן אקעאן, און פון מאסקווע ביז טאשקענט, צענטראל־אזיע. די ראטן־רעגירונג נוצט אויס אויף א טיכטיגן אופן די מעגלעכקייט וואס ראדיא גיט צו פארשפרייטן אויפקלערונג און אינפארמאציע צווישן די ברייטסטע מאסן.

די מעכטיגע ראדיא־סטאנציעס גיבן א מעגלעכקייט צו רעדן צו די אייראפייאישע ארבעטער. די ראדיא־סטאנציע פון וו. צ. ס. פ. (צענטראלער ראט פון די פראפאראיינען) האט איצט איינגעפירט רעגלמעסיגע לופט־שטונדן אויף דייטש, פראנצויזיש און ענגליש. מען קען ניט זאגן, אז דאס נעמט שטארק אוים ביי די קאפיטאליסטישע רעגירונגען. דערפאר געפעלט עס די ארבעטער אין דייטשלאנד און פראנקרייך.

די לאַגע פון דער פרוי

אין ראַטן־פאַרבאַנד איז ניטאָ קיין פרויען־פראַגע ווי אין די קאַפּי־טאַליסטישע לענדער. דער פּרינציפּ: גלייכער לוין פאַר גלייכער ארבעט פאַר וועלכע די ארבעטער פרוי קעמפט אונטער קאַפּיטאַליזם, איז געוואָרן אַ פונדאַמענט אין דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע. מען ווייסט ניט פון אַ קלענערן לוין אָדער ערגערע ארבעטס־באַדינגונגען פאַר דער פרוי. אין אַלע צווייגן פון טעטיגקייט פאַרמאָגט די פרוי פולשטענדיגע גלייכבארעכ-טיגונג מיט דעם מאַן. זי האָט אַ צוטריט אין יעדער אינדוסטריע. ניטאָ דער צאָם, וואָס פאַרשטעלט דער ארבעטער־פרוי די אָדער יענע צווייג פון טע־טיגקייט.

די סאָוועטישע פרוי איז באַשעפטיגט אין דער שטאָל־אינדוסטריע און אין דער קליידער־אינדוסטריע. זי איז אַן ארבעטער און אַ פאַבריק־דירעקטאָר, אַ סטודענט און אַ פּראָפעסאָר. סאָוועטישע פרויען ארבעטן אומעטום וואו זייער געזונט דערלויבט נאָר, מיט׳ן אויסנאַם פון גראָבן קוילן אָדער אייזן אין דער ערד.

פרויען דינען אין דער מיליציע, אין לופט־פלאָט, זיינען מעכאַניקער, עקאָנאָמיסטן, טרייבן טראַקטאָרן אויף די פעלדער, זיינען אויסלענדישע דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער און נאָך און נאָך. פרויען קריגן ספּעציעלע אר־בעטס-שוץ דאָרטן וואו זיי נויטיגן זיך אין דעם.

אַ וויכטיגער טייל פון די ארבעטער־שוץ געזעצן איז די זאָרג וועגן דער ארבעטער פרוי איידער זי דאַרף געבוירן אַ קינד און נאָכ׳ן געבורט. יעדער ארבעטער פרוי ווערט באַפרייט פון דער ארבעט—מיט פולן געצאָלט צוויי חדשים איידער זי דאַרף געבוירן דאָס קינד און צוויי חדשים נאָכדעם ווי דאָס קינד איז געבוירן. שפּעטער, ווען זי גייט צוריק אין דער פאַבריק, קריגט זי ספּעציעלע צייט, 30 מינוט יעדע דריי און אַ האַלב שעה אריינצו־גיין אין דער קינדער־יאַסלע און אָנזויגן איר קינד. ביים געבורט קריגט זי אַ באָנוס פון אַ מאָנאַט געהאַלט עקסטרא. פאַר דער צייט פון זויגן איר קינד קריגט זי עקסטרא 25 פּראָצענט פון איר פאַרדינסט. די פאַבריק באַזאָרגט זאַכן פאַר דער בייבי. זי קריגט פריי מילך פאַר דער בייבי.

די פּראָלעטאַרישע מלוכה האָט פאַרטריבן די עקלהאַפטע היפּאָקריסט־וואַ, מיט וועלכער דאָס פאַמיליען־לעבן איז איינגעוויקלט אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער. מאַן און ווייב זיינען חברים. ווען זיי הערן אויף צו זיין איינשטימיג צווישן זיך, ווען דאָס צוזאַמענלעבן ווערט פאַר זיי אוממעגלעך, דאַרפן זיי ניט אָנקומען צו עקלהאַפטע ליגנס, אָדער אָפּנאַרעריי, צו קענען זיך שיידן. דער סאָוועטישער געזעץ דערלויבט אַ גט ווען איין צד דער־קלערט, אַז ער וויל ניט און קען ניט פירן ווייטער דעם שותפות'דיגן לעבן. דער געזעץ באַוואָרנט שטרענג די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אויפהאַלטן די קינדער.

דאָס זעלבע איז בנוגע געבורט־קאָנטראָל. די סאָוועטישע מלוכה דער־מוטיגט ניט קיין געבורט־קאָנטראָל, אָבער זי פאַרווערט עס ניט. יעדע איינ־ציגע פרוי באַשליסט אַזאַ זאַך פאַר זיך אַליין. געבורט־קאָנטראָל אינפאָר־מאַציעס זיינען פריי, ווערן אַרויסגעגעבן אין אַלע מלוכה־שפּיטאָלן און קלי־ניקס. וואָס אַנבאַלאַנגט אַבאָרטן, ווערט עס דורכגעפירט פריי אין יעדן שפּיטאָל, אויב די פרוי ברענגט אַ גענוגענדיגע עקאָנאָמישע אָדער פיזישע אורזאַך.

מיט עטלעכע יאָר פריער האָט מען די אורזאַך אויך ניט באַדאַרפט. האָבן זיך געפונען מענער, וואָס האָבן געשטויסן די פרויען צו אָפטע אַבאָרטן. אָפטמאָל האָבן די פרויען אַליין מיסברויכט מיט דעם רעכט פון אַבאָרטן און זיך פיזיש אָפּגעשוואַכט. איצט ווערט דאָס רעגולירט. יעדע פרוי, וואָס קען אָנווייזן אויף אַן ערנסטער אורזאַך פאַרוואָס זי וויל עס האָבן, ווערט פריי אָפּערירט אין שפּיטאָל. דער געזעץ פאַרבאָט ניט קיין אַבאָרטן בכלל. די פרוי וויל און קען אָנקומען צו פּריוואַטער מעדיצינישער הילף, קען זיך באַגיין אָן אורזאַך אויך. פּריוואַטע מעדיצינישע פּראַקטיק פאַרשווינדט שנעל. דאָקטוירים אַרבעטן ביי פאַבריקן, אין שפּיטאָלן, פאַר די אָרטיגע סאָ־וועטן, א. א. וו. די מערסטע דאָקטוירים נעמען שוין ניט אָן קיין פּריוואַטע פּראַקטיק.

פרויען נעמען אַ טיכטיגן אַנטייל אין פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קול־טורעלן לעבן. די אַרבעטער־פרוי איז אַ טיכטיגע שלאַגלערין און שפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג אין שטאָט און אין דאָרף. די קאָמסאָמאָלקעס (יונגטלעכע קאָמוניסטקעס) זיינען פאַררעכנט צווישן די שטורעם־בריגאַדעס פון דער אַרמיי, וואָס בויט סאָציאַליזם.

די סאָוועטישע פרוי ווערט באַפרייט פון די ספּעציעלע לאַסטן, וואָס די אַרבעטער־פרוי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער טראָגט אויף זיך. דער נעץ פון געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען, ווי: קאָמונאַלע קיכן, וועשעריין, קינדער־יאַסלעס, קינדער־גערטנער, ווערט אַלץ גרעסער. דאָס גיט דער פרוי די מעגלעכקייט אַנטייל צו נעמען אין דער אינדוסטריע און אין אַלע צווייגן פון טעטיגקייט. די סאָוועטישע פרוי גייט אַרויס פון דעם ענגן ווינקל פון קיך און הויז־אַרבעט.

דער שאַרפער מאַנגל אין אַרבעטער פאַר דער סאָציאַליסטישער אינ־דוסטריע האָט געשטעלט פאַר דער פּראָלעטאַרישער מלוכה די אויפגאַבע איינצוציען וואָס מער פרויען אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט. דער ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן האָט אָנהויב פעברואַר, 1931, באַשטעטיגט אַ ברייטע פּראָגראַם פון קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן געבן אַ מעגלעכקייט דער געוועזענער הויז־פרוי צו ווערן אַן אַרבעטער־פרוי. הונדערטער מיליאָנען רו־בעלס וועלן אויסגעגעבן ווערן אין 1931 צו עפענען נייע רעסטאָראַנען, קינדער־גערטנער, קינדער־שפּיל־פּלעצער, וועשערייען, א. ד. גל. די פּראָלע־טאַרישע מלוכה וועט אויסשפּרייטן איר ראָל פון אַ דערציער און אויפּפּאַ־סער אויף קינדער. הונדערטער טויזנטער הויז־פרויען וועלן איצט קענען גיין אין פאַבריק אָדער אָפיס, ווערן מיטגלידער פון טרייד יוניאָנס און ביישטראָגן זייער חלק אין דער גיגאַנטישער בויאונג פון לאַנד.

אין 1930 זיינען געווען 881,000 פרויען־מיטגלידער אין פּראָפּאַראיי־נען. איצט וועלן אַריינגעצויגן ווערן נאָך אַ מיליאָן מיט 600 טויזנט, דער־פון אַ מיליאָן אין דער אינדוסטריע און די איבעריגע 600 הונדערט טויזנט אין לאַנדווירטשאַפט. די צענדליגער מיליאָנען פרויען אין דאָרף, וואָס האָבן זיך שטענדיג געפונען אויפ'ן אונטערשטן שטאַפּל פון אַנטוויקלונג, ווערן איצט דערהויבן ווערן דורך די קאָלעקטיוון.

די צאָל פרויען, וואָס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אינדוסטריע, איז שנעל געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. די פאָלגנדיגע ציפערן צייגן די צאָל פרויען אין דער אינדוסטריע פאַר די לעצטע פיר יאָר:

יאַנואַר 1, 1927	— — — —	643,000
יאַנואַר 1, 1928	— — — —	725,000
יאַנואַר 1, 1929	— — — —	804,000
יאַנואַר 1, 1930	— — — —	881,000

דער קאָלעקטיוו טוט אויף פאַר דער פרוי נאָך מער ווי פאַר דעם מאַן. צום ערשטן מאָל קומט די פויערטע אין באַרירונג מיט פּלאַנירטער קאָלעק־טיווער אַרבעט. צום ערשטן מאָל קריגט דאָס יונגע דאָרפיש מיידל די גע־לעגנהייט זיך אָפּצוגעבן מיט העכערע פאָרמען פון אַרבעט. דאָס יונגע דאָר־פישע מיידל לערנט זיך טרייבן אַ טראַקטאָר, פאַרריכטן אַ פאַרם־מאַשין. דאָס הויבט איר קולטורעלן צושטאַנד. זי ווערט אַ פּראָלעטאַריער. זי קריגט אַ נייעם אינטערעס צום פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיט'ן טראַקטאָר קומט דער אינטערעס צום בוך.

די פיל טויזנטער לייען־שטיבלעך אין די דערפער, די צענדליגער טויזנ־טער דראַמאַטישע קרייזן, באַוועגלאַזע ביבליאָטעקן, פילמס, ספּאָרט־סעק־ציעס א. ד. גל. צוזאַמען מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע זיינען מעכטיגע פאַק־טאָרן אין דער קאָלאָסאַלער קולטורעלער רעוואָלוציע, וואָס קומט איצט פאַר אין דעם סאָוועטישן דאָרף.

ביי דער פאַרטיי, ביי די קאָמסאָמאָלצעס, ביי די אָרטיגע סאָוועטן, פראָפאַראיינען, פאָלקס־בילדונג קאָמיסאַריאַטן, פאַבריקן און קלובן, זיינען פאַראַן ספעציעלע פרויען־אָפטיילונגען. זייער אויפגאַבע איז אָנצופירן מיט דער אַרבעט צווישן די פרויען, הויבן זייער קולטורעלן צושטאַנד און אַריינציען זיי אין די בוי־פראָצעסן פון לאַנד. ספעציעלע פרויען קאָנפערענצן ווערן אָפגעהאַלטן רעגלמעסיג ביי יעדער פאַבריק, שטאָדט, ראַיאָן א. אז. וו. פון די וויטסטע און פאַרוואָרפנסטע דערפער קומען דעלעגאַטקעס צו די צוזאַמענפאָרן, אַזוי ווערן די פרויען דערצויגן צו אַקטיווער אַרבעט, צו פאַראַנטוואָרטלעכע פאָסטנס, און צו פירערשאַפט.

די פרוי אין סאָוועטישן מזרח באַפרייט

אין די וויטע געגנטן פון פאַרבאַנד, אין די טעריטאָריעס וואו עס וואוינט די מאַכמעדאַנישע באַפעלקערונג, זיינען אָנגענומען געוואָרן ספעציעלע מיטלען אויפצוהויבן די פרוי פון דעם צושטאַנד פון שקלאַפעריי. די פרוי אין די מזרח־לענדער איז גוואַלדיג אונטערדריקט. זי טאָר אפילו ניט ווייזט איר פנים אין גאַס אָדער צווישן פרעמדע מענטשן. זי מוז פאַרשטעלן איר געזיכט מיט אַ שווערן שלייער פון דיקן פערד־האָר. וועגן אָנטייל נעמען אין פאָליטישן אָדער קולטורעלן לעבן איז אָפגערעדט. די קאָמוניסטישע פאַרטיי און די ראַטן־מאַכט האָבן געפירט אַ פעסטע עקשנות׳דיגע פאָליטיק צו באַפרייען די מזרח־פרוי פון אירע קייטן. דער קאַמף איז געווען אַ שווערער און האָט געקאָסט קרבנות. עס זיינען געווען פאַלן, ווען פינצטערע פאַנאַטיקער האָבן פאַרשטיינערט אָדער דערשאָסן אַ יונגע פרוי, וואָס האָט געוואַגט אַרויסגיין אין גאַס אָן דעם שלייער.

צוויי יונגע פרויען, מיטגלידער פון דעם טעאַטער אין אוזבעקסטאַן זיינען דערשאָסן געוואָרן אויף טויט פאַר שפילן אין טעאַטער. דערשאָסן האָבן זיי זייערע אייגענע פאַמיליעס. ווי שווער עס איז ניט אָנגעקומען דער באַפרייאונגס־קאַמף, האָט ער געבראַכט גוואַלדיגע פרוכט. פרויען אין סאָוועטישן מזרח זיינען שוין מער ניט דערשלאָגענע, הילפלאָזע באַשעפענישן. זיי געפינען זיך אין אַלע אינסטיטוציעס, אַריינרעכענענדיג די העכסטע אָרגאַנען פון סאָוועטישער מאַכט.

איינער פון די וויכטיגסטע מיטלען צו באַפרייען די אָריענטאַלישע פרוי איז געווען דער פונקט אין דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, אַז אין אַלע סאָוועטן אין נאָענטן מזרח און צענטראַל אַזיע מוז אַ דריטל מיטגלידער באַשטיין פון פרויען. דער געזעץ איז גילטיג פאַר אַלע סאָוועטן, פון אַ דאָרפישן ביז דעם צענטראַל אויספיר קאָמיטעט פון אַ סאָוועטישער רעפובליק. דער געזעץ האָט אויטאָמאַטיש אַריינגעצויגן די פרוי אין דער אַרבעט פון די סאָוועטן. פאַר דער מזרח פרוי איז דאָס געווען אַ שולע וואו זי

האָט געלערנט זעלבסטשטענדיג צו דענקען און צו אַרבעטן. דאָס האָט אויך געהויבן איר זעלבסטווירדע.

וואָס ווייטער אַלץ טיפער און ברייטער ווערט דער אַנטייל פון דער פרוי אין לעבן פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה. די צייט איז ניט ווייט, ווען די סאָוועטישע פרוי מיט'ן אַקטיוון אַנטייל פון דער גאַנצער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט, וועט אויסשמידן אַ נייעם לעבנס-שטייגער, אַ נייעם סאָרט פאַמיליען-לעבן, וואָס וועט זיין דער מוסטער פאַר הונדערטער מיליאָנען האָרעפּאַשנע פרויען אין דער גאַנצער וועלט. קלפּן

פּראָסטיטוציע פאַרשווינדט שנעל און אינגאַנצן

דער קאַמף געגן פּראָסטיטוציע איז אַ גאַנץ אַנדערער ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אין די יאָרן פון מיליטערישן קאָמוניזם איז פּראָסטיטוציע כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. שפּעטער, אונטער'ן נעפּ (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק) האָט עס ווידער אויפגעהייבן דעם קאָפּ.

אַ סך יונגע פויערשע מיידלאַך האָבן געשטראָמט אין שטאָט אַריין זוכן אַרבעט. אַרבעטסלאָזיגקייט איז אין יענע יאָרן געווען גרויס. זייער מיידלעך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון „פעטערס" און „מומעס", וואָס האָבן געמאַכט געשעפטן מיט די לייבער פון הילפלאָזע אומוויסנדיגע מיידלאַך.

אונטער קאַפּיטאַליזם, אויב אַ מיידל איז איינמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ הייזל אָדער איז אַליין געצוואונגען געווען צו האַנדלען מיט זיך, איז זי אומגליקלאַך אויף איר גאַנצן לעבן. קאַפּיטאַליזם, וואָס שאַפט פּראָסטיטוציע, האָט אַן עקלהאַפט-היפּאָקריטישע און גרויזאַמע באַציאונג צו די, וועלכע ער אַליין האָט געטריבן אויפ'ן גאַס. סיי אין די לענדער, וואו פּראָסטיטוציע איז לעגאַליזירט, און סיי אין די לענדער וואו דער האַנדל מיט ווייסע שקלאַפן בליט אומלעגאַל, איז דער גורל פון דער מיידל פאַרזיגלט אויף אייביג. זי ווערט פריצייטיג אויפגעפרעסן פון די שרעקלעכסטע קראַנקהייטן.

אין ראַטן-פאַרבאַנד באַגרייפט מען, אַז דאָס גאַסן-מיידל איז אַ קרבן פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען. דער געזעץ לעגט ניט אַרויף אויף איר אַ שווערע האַנט. די געזעלשאַפטלעכקייט קוקט ניט אויף איר ווי אויף מענטשלאַכן אָפּפאַל. אַלע מיטלען ווערן אָנגענומען אַרויסצופירן איר פון דעם זומפּ, ניט דורך שטראָף און טורמע, נאָר דורך זעלבשטענדיגער אַרבעט. אין אַלע גרעסערע שטעט זיינען פאַראַן ספּעציעלע היימען פאַר אַזעלכע פרויען—פּראָפילאַקטאָרומס, הייסן זיי. זיי ווערן ניט געטריבן אַהין מיט גוואַלד. די היימען זיינען אַרבעטס-פּלעצער און היילונג-אַנשטאַלטן גלייכצייטיג. איין גאַסן-מיידל ברייננגט דער צווייטער.

אין די היימען קריגן זיי די נויטיגע מעדיצינישע אונטערזוכונג און דער עיקר אַ דערציעריש-חבר'שע באַהאַנדלונג. מען לערנט זיי אויס אַן

ארבעט, מען לערנט זיי שרייבן און לייענען (געוויינלאך זיינען עס פויער־טעס, אנאלפאבעטן). מען אָרגאַניזירט זיי אין קרייזן און עטוואָס שפּע־טער ווערן זיי ארייננעצויגן אין געזעלשאַפטלעכער ארבעט.

צוזאַמען מיט א גרופּע אמעריקאַנער פּראָפעסאָרן האָט דער שרייבער באַזוכט אַזאַ היים אין איינעם פון די מאָסקווער ראַיאָנען—קראַסנאַיאַ פּרעסניאַ. אַ הויז וואו פריער האָט געוואוינט א סוחר איז איצט פאַרנו־מען געוואָרן פאַר דער היים. איין שטאָק איז א שאַפּ, וואו מען פּ־אָדו־צירט זאַכן. די איבעריגע שטאָקן זיינען שלאָף־צימערן, א קלוב, א לייען זאַל, אַ וועשעריי און פאַר אַדמיניסטראַציע און מעדיצינישער פּונקט.

אין דער היים האָבן געוואוינט 185 מיידלאך. אויסער דעם זיינען געווען ארום א הונדערט מיידלאך, וואָס האָבן געוואוינט דרויסן, אָבער געאַרבעט און זיך געלערנט אין דער היים.

די אינסטיטוציע, וואָס מיר האָבן באַזוכט, עקזיסטירט דעם דריטן יאָר. די מיידלעך פאַרדינען גענוג פאַר זייער אייגענער אויפהאַלטונג און אפילו פאַר א טייל פון די רעמאָנטן, וואָס פאָדערן זיך פאַר דער הויז. די איבע־ריגע געלדער קומט פון קאָמיסאַריאַט פון פאָלקס־געזונדהייט.

דורכגייענדיג דעם שאַפּ אין די צימערן איז אוממעגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן די יונגע פרויען, וואָס ארבעטן אָדער לייענען, זיינען ניט לאַנג צוריק געווען גאַסן־פרויען. זיי האָבן זיך געפילט רואיג און זיכער און ניט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פאַר די באַזוכער, ווי דער פאַל איז אין די פילאַנטראָפּישע היימען פאר געפאַלענע פרויען אין אמעריקע.

די פּאַרוואַלטערין, א פרוי מיט א מוטערלעכן אויסזען, האָט אונז דערציילט אַז זיבעצן מיידלאך פון זייער היים ארבעטן שוין איצט אין פאַבריקן. אַלע זיינען מיטגלידער אין קאָמסאָמאָל. אין היים גופא איז פאַראַן אַ קאָמסאָמאָלסקע צעל (נוקליי). אַזוי גיך ווי אַ מיידל ווערט אינ־גאַנצן אויסגעהיילט פיזיש און גייסטיג פון איר פריערדיגן לעבן, גייט זי אין אַ פאַבריק. דריי פון די מיידלאך לערנען זיך אין אַ הויכן לערן־אנשטאַלט.

איין אַמעריקאַנער פון אָקלאַנד, קאַליפאָרניע, האָט פון אָנהייב ניט געוואָלט גלויבן אַז ער זעט פאַר זיך געוועזענע פּראָסטיטוטקעס. ער האָט פאַרמאַטערט דעם פאַרוואַלטער און דעם דאָקטאָר מיט פראַגן.

אין מאָסקווע זיינען פאַראַן זעקס אַזעלכע היימען, אין יעדן ראַיאָן איינע. זיי האַלטן אָן א סטאַטיסטישע אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ צו ט־ילן זיך מיט זייער דערפאַרונג.

אין די היימען, פּונקט ווי אין די אינסטיטוציעס פאַר מינדער־יעריגע פאַרברעכער און דאָפּר־הייזער (דאָפּר—איז אַ סאָוועטישע טורמע, עס מיינט הויז פאַר צוואַנגס־ארבעט) זיינען די ארבעטער פאַרטראָטן אין דער פאַר־וואַלטונג. די יוניאָנס האָבן ספּעציעלע אָפּטיילונגען פאַר סאָציאַלן וואויל־זיין, וואָס שיקן אריין ארבעטער אין די אַנפירנדיגע קערפּערשאַפטן. דאָס

שטעלט אוועק די אַלע היימען אונטער דער דירעקטער השגחה (האַשגאָכע) פון די אַרבעטער, וואָס זיינען גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע און פּסיכאָלאָגיע פון די קרבנות פון אָרעמקייט און אונוויסנהייט.

צוויי יאָר פּיאַטילעטקאַ האָבן אויפגעטאָן אַ סך אין אָפּשניידן דעם צופלוס פון ווייסע שקלאַפן. איצט איז ניטאָ קיין אַרבעטסלאָזיגקייט. איצט הערשט אַ מאַנגל אין אַרבעטער. יעדע מיידל, וואָס קומט פון דאָרף, ווערט גלייך צוגענומען אין פאַבריק. צוזאַמען מיט דער פאַרצווייגטער קולטורעל־דערציערישער אַרבעט, וואָס גייט אָן, צוזאַמען מיט דעם שוץ, וואָס דער געזעץ גיט דער פרוי, וואָס האָט אַ קינד, אומאָפּהענגיג צי דאָס קינד איז „געזעצלעך“ אָדער ניט, שאַפט עס אָפּ די באַדינגונגען וואָס טרייבן צו פּראָסטיטוציע.

שוין איצט איז ראַטן־פאַרבאַנד דאָס קלענסטע לאַנד אין דעם הינ־זיכט, כאָטש די גרעסטע אין אייראָפּע לויט איר באַפעלקערונג. דער קריזיס אין אייראָפּע און אַמעריקאַ האָט פאַרגרעסערט די פּראָסטיטוציע. אין אַן אייראָפּייאישע הויפּט־שטאָט, ספּעציעל, איז שווער דורכצוגיין אַ גאַס אין אָוונט, אַז גאַסן־מיידלאַך זאָלן ניט אָפּשטעלן און רופן. אַזעלכע „באַגעגענישן“ זיינען אַ זעלטנהייט אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַ פּאָר יאָר שפּעטער און פּראָסטיטוציע וועט פאַרשווינדן אינגאַנצן מיט אירע וואָרצלען.

די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט איבערגענומען פון צאַריזם אַ מלוכה מיט צענדליגער און הונדערטער נאַציאָנאַליטעטן, נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און ראַסן. צאַריזם האָט די אַלע פאַרשיידנאַרטיגע פעלקער געהאַלטן אין זאַמען מיט׳ן כח פון באַיאָנעט. דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען באַוואוסט איבער דער גאַנצער וועלט מיט איר גרויזאַמקייט צו די ראַסן און פעלקער, וואָס האָבן צענויפגעשטעלט די גרויסע אימפעריע.

מאַסן־פּאָגראָמען געגן אידן, גרויסע שחיטות אויף אַרמענער, ווילדע אונטערדריקונגען פון אוקראַינער, וויים־רוסן, פּאָליאַקן, טאָטערן און אַנדערע פעלקער אין איראָפּע און אַזיע—אויף דעם איז געבויט געווען דאָס אַלטע רוסלאַנד. צאַריזם האָט געהאַלטן אַלע אונטערדריקטע פעלקער אונטער׳ן קנאַפּל. זייער מוטער־שפּראַך איז געווען אונטערדריקט. בילדונג און קולטור איז געווען פון זיי אָפּגעשניטן. צאַריזם און קאַפּיטאַליזם האָט זיך געבאָדן אין בלוט פון די רוסישע אַרבעטער און אין בלוט פון די אונטערדריקטע מאַסן פון אַלע פעלקער און ראַסן.

אָט די פינצטערע און בלוטיגע ירושה (יערושע) איז איצט פונדאַמענטאַל אָפּגעווישט געוואָרן. די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס די פּאַרטיי און די סאָוועטן מאַכט האָט איינגעשטעלט גלייך נאָך דער רעוואָלוציע האָט געבראַכט קאָלאָסאַלע רעזולטאַטן. רוסלאַנד, די טורמע פאַר אַזוי פיל אונטערדריקטע פעלקער, איז איצט אַ פאַרבאַנד פון פרייוויליגע, ברידערלעכע, סאָוועטישע פעלקער. דאָרטן וואו נאַציאָנאַלער האַס און שאָוויניזם האָט געדריקט צענדליגער מיליאָנען מענטשן, הערשט איצט צווישן־פעלקערלעכע פאַרשטענדיגונג און קאָאָפּעראַציע.

דער געוואַלדיגער דערפאָלג פון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָט שטוב געמאַכט די מיילער פון די שונאים. די גאַנצע וועלט האָט געמוזט אַנערקענען, אַז אויפ׳ן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָבן די באָלשעוויקעס דערגרייכט די מאַקסימום רעזולטאַטן. די פיינט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע מוזן אָנקומען צו הינטער־וועגן פאַר זייערע אַטאַקעס.

די בורזשואַזיע פון אַ גרעסערן פאָלק, ווי דער אוקראַינישער אין אויסלאַנד, וויל נישט אַנדערש ווי פולשטענדיגע „אומאָפּהענגיגקייט" פאַר אוקראַי־

נע. וואָס מיינט אַ צוריקקער צום קאַפּיטאַליזם אונטער׳ן „שוץ" פון די גרויסע אימפּעריאַליסטן. די גרוזינישע מענשעוויקעס טומלען אויך וועגן „אומאָפּהענגיגקייט" פאַר גרוזיע מיט׳ן זעלבן צוועק. די אידישע בורזשואַזיע, ווידער, מוז מאַסקירן אירע אָנפאַלן אויף דער סאָוועטן־מאַכט מיט אַ גוואַלד נעגן כלומר׳שטע רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען. אָבער קיינער פון זיי וואָגט ניט אַרויסצוקומען מיט דעם געשריי פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אין ראַטןפאַרבאַנד איז אַזאַ זאַך ניטאָ.

צוויי טעג נאָכדעם ווי דער אַרבעטער־קלאַס האָט פאַרכאַפּט די מאַכט —דעם 9טן נאָוועמבער, 1917—איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער ערשטער דעקרעט פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, אונטער לענינ׳ס אונטערשריט. דער דעקרעט האָט פּראָקלאַמירט פולשטענדיגע גלייכהייט און נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אַלע פעלקער, נאַציאָנאַליטעטן, און ראַסן אין דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע. דערמיט איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער ראַטן־מאַכט.

די הערשאַפט פון דער רוסישער שפּראַך און קולטור, וואָס דער צאַריזם האָט אויפגעהאַלטן ווי אַ מיטל פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, איז אָפּגעשאַפט געוואָרן. יעדער פאָלק און ראַסע האָט געקראָגן די מעגלעכקייט פאַר פרייער און פולער אַנטוויקלונג פון שפּראַך און קולטור. יעדע פאָלק און ראַסע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין זיינע אייגענע ראַמען. נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע זיינען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע טיילן האָבן אויך געקראָגן אַן אָרגאַניזירטן פאָרם—אין נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, כדי צו קענען אַנטוויקלען זייער סאָוועטישן לעבן אויף זייער שפּראַך אין זייער סביבה (סוויווע).

די גרינדונג פון פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן

פינף יאָר שפּעטער—יולי, 1923—האָט די סאָוועטן־מאַכט געמאַכט נאָך אַ שריט פאָראויס אין דער ריכטונג פון פולער אַנטוויקלונג פאַר אַלע פעלקער און ראַסן. די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע איז איבערגעבויט געוואָרן. די סטרוקטור פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה (מעלוכע) איז אויסגעברייטער געוואָרן. דאָס וואָרט רוסלאַנד איז אַרונטערגענומען געוואָרן. דער פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליקן איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויפ׳ן גרונט פון פעדעראַטיווע יסודות (יעסוידעס). די פריערדיגע רוסלאַנד איז געוואָרן אַ פעדעראַטיווער טייל פון פאַרבאַנד—לויט איר גרויס, דער וויכטיגסטער.

די אָרגאַניזירונג פון פאַרבאַנד איז געווען אַ לאָגישער שריט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס די פּאַרטיי און די ראַטן־מאַכט האָט געפירט. די פינף יאָר רעוואָלוציע האָבן באַוויזן אויפצוהויבן אַ סך פריער־אָפּגעשטאַ־

נענע פעלקער. מאכנדיג ברייטער דעם געבוי פון דער מלוכה, האָבן די אַלע סאָוועטישע פעלקער געקראָגן נאָך מער מעגלאַכקייטן פאַר פולער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און גלייכצייטיג אָנצוהאַלטן די ענגע קאָאָפּעראַציע, וואָס פאָ־דערט זיך פאַר דער פאַרווירקלאַכונג פון סאָציאַליזם.

דער פּרינציפּ: זעלבסט־באַשטימונג פון די קליינער פעלקער, האָט געפונען אַ פולן אויסדרוק אין דעם פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע, סאָוועטישע רעפּובליקן.

דער פאַרבאַנד באַשטייט איצט פון זיבן פעדעראַציעס. יעדע פעדע־ראַציע באַשטייט פון אַ רייע סאָוועטישע רעפּובליקן. יעדע רעפּובליק וואָס פאַרמאָגט נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָט נאַציאָנאַלע ראַיאָנען פאַר זיי.

אין 1930 זיינען אין פאַרבאַנד געווען 189 נאַציאָנאַלע און ראַסן־גרו־פּעס. זיי באַנוצן 143 שפּראַכן און דיאַלעקטן. זייער אַ גרויסער טייל פון זיי האָט ביז דער רעוואָלוציע גיט געהאַט קיין סימן פון קולטור. אַ סך אָפּגע־שטאַנענע פעלקער און ראַסן האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין געשריבענע שפּראַך, נאָר אַ גערעדטע, אַזוי אונטערדריקט זיינען זיי געווען אונטער'ן צאַר.

די סאָוועטן־מאַכט האָט געשאַפן קאָמיסיעס פון שפּראַך־קענער—לינג־וויסטן—וואָס האָבן פאַר די נאַציאָנאַלע גרופּעס אויסגעאַרבעט גראַמאַטי־קעס און געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ קולטור. ספּעציעלע שולעס און לערן־אינסטיטוטן זיינען געעפנט געוואָרן אין קאַווקאַז, צענטראַל אַזיע און סיביר, וואו די יוגנט פון אָט די פעלקער האָט זיך געלערנט און זיך געגרייט צו פירערשאַפט. אַזוי שנעל ווי זיי האָבן געענדיגט זיך לערנען, זיינען זיי געשיקט געוואָרן אין זייערע ווייטע היימען איבערצובויען דאָרטן דעם לעבן.

טראַנסקאַווקאַז אַמאָל און היינט

אַ גלענצענדיגן ביישפּיל פון דער גוואַלדיגער איבערקערעניש וואָס איז פאָרגעקומען אין די באַציאונגען צווישן די איינצעלנע פעלקער גיט הינטער־קאַווקאַז (טראַנסקאַווקאַזיע). דורות־לאַנג איז דער טייל קאַווקאַז געווען אַ גהינום פאַר די פעלקער און שבטים, וואָס וואוינען דאָרטן. צאַרישע אַגענטן האָבן געהעצעט די טאָטערן געגן די גרוזינער און ביידן געגן די אַרמענער. די מורא'דיגע שחיטות (שכיטעס) אויף די אַרמענער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דירעקט פון די צאַרישע באַאמטע. טראַנס־קאַווקאַזיע איז געווען געדיכט מיט נאַציאָנאַלן האַס און שאָוויניזם.

איצט איז טראַנס־קאַווקאַזיע אַ טעריטאָריע, וואו סאָוועטישע האַרע־פּאַשניקעס לעבן זייט ביי זייט און בויען צוזאַמען אַ נייעם לעבן אויף סאָציאַליסטישע יסודות (יעסוידעס). גרוזינער, טאָטערן און אַרמענער האָבן זייערע אייגענע סאָוועטישע רעפּובליקן. צוזאַמען מיט די איבעריגע נאַציאָנאַליטעטן אין טראַנס־קאַווקאַזיע שטעלן זיי צונויף אַ פעדעראַציע פון רעפּובליקן וואָס איז אַ טייל פון דעם גאַנצן פאַרבאַנד.

אן ארמענער שרעקט זיך מער ניט אריינצוגיין אין א טאַטערישן דאָרף. א טאַטערישער האָרעפּאַשניק ברידערט זיך מיט דעם גרוזינישן האָרעפּאַשניק. ווען אן ערד־ציטערניש האָט אין 1925 אַנגעמאַכט גרויסן שאָדן אין דער סאָוועטישער ארמעניע, זיינען די אַמאָליגע שונאים—די טאָטערן און גרוזינער—געווען די ערשטע אָנצוקומען מיט באַנען אָנגעפּילט מיט שפּייז און קליידער. די ארמענער, אויסגעבלוטיגט פון די צארן אויף איין זייט גרענעץ און פון טערקישע סולטאַנען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, האָבן איצט א זיכערן באָדן אונטער די פיס און א פולע מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן זייער לעבן צוזאַמען מיט אַלע סאָוועטישע פעלקער.

דאָס זעלבע איז ריכטיג וועגן צענטראַל־אַזיע, וויטן מזרח און סיביר. פעלקער און ראַסן, אָפּגעשטאַנען און אונטעריאָכט אונטער צאַריזם, זיינען איצט אויפגעקומען צום לעבן. ראַסן, וועלכע האָבן ניט געוואוסט פון קולטיווירן דעם באָדן און האָבן געפירט אן אָרעמען וואַנדער־לעבן, זיינען איצט צוגעוואוינט געוואָרן צו לאַנד־ווירטשאַפט. די באַפעלקערונג פון ווייטע געגנטן, וואָס איז איינגעוויקלט געווען אין פינצטערניש און אבערגלויבן, באַהערשט פון פעאָדאַלע פריצים און מולאַס (מאַכמעדאַנישע גייסט־לעכע), האָבן אראָפּגעוואָרפן די קייטן פון זיך און אָנגעהויבן פירן א לעבן געבויט אויף א העכערער ווירטשאַפט און קולטור. פארשוואונדן דער אַמאָליגער רוסישער טשינאָווניק, וועלכער האָט קאָמאַנדעוועט איבער זיי. די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט ארויסגערוקט אן אייגענע פירערשאַפט און אינטעליגענץ פאר די אַלע פעלקער און ראַסן.

ניטאָ קיין אידישע פראַגע

די אידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך געפונען אין אן אויסנאַמס־צושטאַנד, איז אויפגעריכט געוואָרן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אידישע מאַסן, אונטערדריקט און רעכטלאָז, זיינען פולשטענדיג גלייכבאַ־רעכטיגט—פּאָליטיש, סאָציאַל און קולטורעל מיט די איבעריגע האָרעפּאַש־ניקעס. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ניט נאָר אָפּגעשאַפט אַלע אויס־נאַמס־געזעצן און פארפאָלגונגען. זי האָט געשאַפן די באַדינגונגען פאר א געזונטן, פּראָדוקטיוון און סאָציאַליסטישן לעבן פאר די אידישע מאַסן.

אין ראַטן־פארבאַנד איז ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע פראַגע בכלל און אידישע פראַגע בפרט. עס איז פאַראַן א באַשטימטע לאַגע פון דער אָדער יענער נאַציאָנאַלער גרופּע, אידן אריינגערעכנט. אָבער די „נאַציאָנאַלע פראַגע”, וואָס איז אַזוי אָנגעווייטאָגט און קאָמפּליצירט אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער, איז געלייזט געוואָרן פונדאַמענטאַל אין לאַנד פון די סאָוועטן. די אידישע באַפעלקערונג, וואָס איז צוליב איר עקאָנאָמישן צושטאַנד אונטער'ן צאַריזם געווען אין אן ערגערער לאַגע, האָט איצט אַלע נויטיגע מיטלען איבערצובויען איר עקאָנאָמיש לעבן אין איינקלאַנג מיט דעם גרויסן סאָציאַליסטישן אויפבוי פון לאַנד.

די מאַיאָריטעט פון דער אידישער באַפעלקערונג פון דעם אַלטן רוס־לאַנד איז באַשטאַנען פון קליינבירגער מיט זייערע לופט־ און האַנדל־פּרנסות. די אַלע באַשעפטיגונגען טויגן איצט ניט. די ראַטן־מאַכט האָט באַשאַפן ספּעציעלע מעגלעכקייטן אַריינצוציען דער אידישער באַפעלקערונג אין פּראָדוקטיווער אַרבעט אין דער אינדוסטריע און אין לאַנדווירטשאַפט.

הונדערטער טויזנטער אידישע פּראָלעטאַריער אַרבעטן איצט אין אַלע צווייגן פון דער סאָוועטישער אינדוסטריע. אין די פאַראייניגטע שטאַטן איז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט הויפּטזעכלעך באַשעפטיגט אין דער לייכטער אינדוסטריע. אין ראַטן־פאַרבאַנד איז ער אַריינגעגלידערט אין דעם גאַנצן עקאָנאָמישן געוועב פון לאַנד. די פּאַרטיי און די מאַכט נעמען אָן אַלע מיטלען אַריינצוציען אידן אין דער שווערער אינדוסטריע. מען געפינט איצט צענדליגער טויזנטער אידישע אַרבעטער אין די אייזן און שטאָל־פאַבריקן אין דניעפּראָפּעטראָווסק, אין דאָנבאַס, קערטש, אין די מאַשינען־פאַבריקן פון מאָסקווע און לענינגראַד, אין טראַקטאָר־פאַבריק אין סטאַלינגראַד, אין די נייע פאַבריקן אין אוראַל, א. א. וו. וועגן דער לייכטער אינדוסטריע איז דאָך אָפּגערעדט. פאַראַן קליידער־ און שיך־פאַבריקן, וואָס ציילן צו עטלעכע טויזנט אַרבעטער מיט אַ גרויסער אידישער מערהייט צווישן זיי. ווי די קליידער־פאַבריק טיניאַקאָווקאַ אין כאַרקאָוו, „אָקטאָבער“ אין מינסק, די נייע שיך־פאַבריק אין קיעוו, די גרויסע שניידער־פאַבריק אויף פּאָדאָל, קייעוו, און נאָך.

דער צווייטער קאַנאַל געזונט צו מאַכן דעם לעבן פון די אידישע מאַסן איז קאָלאָניזאַציע. די פּראָלעטאַרישע מאַכט האָט באַוויזן אויפצוטאָן אין פינף־זעקס יאָר צוואַנציג מאָל אַזוי פיל וויפיל ציוניסטישע אַרבעט אין פּאַלעסטינע אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. איבער 280,000 אידן זיינען איצט איינגעאָרדנט אויף ערד. דערפון זיינען 228,000 קאָלאָניזירט געוואָרן פון דער ראַטן־מאַכט. דאָס איז אַ צוואוקס פון 450 פּראָצענט. דער פּראָצענט קאָלעקטיוויזאַציע ביי די אידישע פּויערים איז זייער אַ הויכער. אין קאַלינינדאָרף, צום ביישפּיל, איז שוין פאָריגן זומער געווען קאָלעקטיוויזירט אַרום 80 פּראָצענט פון אַלע פּויערישע ווירטשאַפטן.

דער פינף־יאָר פּלאַן זעט פאָראויס די פולשטענדיגע פּראָדוקטיוויזאַציע פון די אידישע מאַסן אין 1933.

פיר אידישע ראַיאָנען

פיר אידישע ראַיאָנען זיינען איצט פאַראַן: דריי אין אוקראַינע — קאַלינינדאָרף, אָקטיאַבער, און סטאַלינדאָרף, און איינער אין קרים—פריידאָרף. יעדער ראַיאָן האָט אַרום 15־17 טויזנט נפשות. די אידישע מערהייט דאָרטן איז צווישן 50 און 70 פּראָצענט. אויסער די ראַיאָנען עקזיסטירן אַ פּאָר הונדערט אידישע דאָרף־ און שטעטלדיגע סאָוועטן.

די אידישע מאסן ווערן קולטורעל באדינט אויף דער שפראך, וועלכע זיי אליין קלייבן אויס. דער פרינציפ איז גילטיג פאר אלע נאציאנאלע מינדערהייטן. אין דער נאציאנאלער פאליטיק איז ניטא קיין שפור פון צוואנג-אסימילאציע און אויך ניט קיין שפור פון נאציאנאליזם.ביידע זאכן ווערן שטארק באקעמפט פון דער פארטיי און רעגירונג.

אזוי, צום ביישפיל, האבן 51 פראצענט פון אלע אידישע קינדער אין אוקראינע, אין 1930, געלערנט אין אידישע שולן. דערביי האבן די עלטערן באשטימט אויף וועלכער שפראך זאלן לערנען.

די ברייטע נעץ קולטורעלע און דערציערישע אינסטיטוציעס, וואס די אידישע מאסן האבן באשאפן—אויף דעם חשבון (כעשבוין) פון דער מלוכה — זיינען דער אויסדרוק פון זייער ווילן און איניציאטיווע. דריי טעגלעכע צייטונגען, עטלעכע וועכנטלעכע צייטונגען פאר די פויערים, יוגנט און קינדער. א האלבער טוץ פעדאגאגישע טעכניקומס צוגרייטן לערער, צוויי אפטיילונגען פאר קולטור און ליטעראטור ביי מלוכה-אוניווערזיטעטן. צוויי וויסנשאפטלעכע אקאדעמיעס—קיעוו און מינסק; פיר מלוכה-טעאטערן—מינסק, מאסקווע, כארקאוו און קיעוו. א רייע קלענערע טעאטערן און וואנדער-טרופעס. טעכנישע שולן, אגריקולטורעלע טעכניקומס. מוזייאומס, מוזיקאלישע שולעס, קלובן, סטודיאס און טויזנטער קינדער-שולן. דער אויסגערעכנטער צעטל שעפט ניט אויס אלע אינסטיטוציעס, וואס די אקטאבער-רעוואלוציע האט אויפגעשטעלט צו באדינען די קולטורעלע נויטן פון דער אידישער הארעפאשנער בפעלקערונג.

פון דעם אלגעמיינעם בודזשעט פון די רעפובליקן, וואו אידן וואוינען, ווערן הונדערטער מיליאנען רובל אויסגעגעבן פאר דער ארבעט צווישן די אידישע מאסן.

די לעצטע עטלעכע יאר איז אויסגעוואקסן א רייכע אידיטע פראלעטארישע ליטעראטור. פאעטן ווי: פעפער, כאריק, קושניראוו, פינענבערג, מארקיש, קוויטקא, האפשטיין, כאשעוואצקי, וויינערמאן, אליעווסקי א. א. בעלעטריסטן, ווי: גאדינער, אלבערטאן, אבטשוק, ראבין, וועוויארקע, א. א. קריטיקער, ווי: ליטוואקאוו, בראנשטיין, שכנא עפשטיין, דוניעץ א. א. האבן אויסגעשמידט א ליטעראטור, וואס זוכט צו געבן אויסדרוק דעם גוואלדיגן איבערברוך אין דער עקאנאמיק פון די אידישע מאסן.

דער באשלוס צו באזעצן אידישע איינוואנדערער אין בירא-בידזשאן, מיט דעם צוועק צו עטאבלירן דארט א אידישע סאוועטישע רעפובליק, איז דער לאגישער רעזולטאט פון דער לענינסטישער נאציאנאלער פאליטיק, וואס די פארטיי און די מאכט פירן. בירא-בידזשאן פארמאגט גרויסע מעגלעכקייט פאר א מאסן-איינוואנדערונג. סיי אויף ערד-ארבעט און סיי אינדוסטריעל, צוליב די נאטירלעכע רייכטימער וואס עס פארמאגט.

די עטלעכע ציפערן, וואס באריר אידישע הארעפאשניקעס, זיינען א ביישפיל פון אלע אנדערע נאציאנאלע גרופן אין פארבאנד. פון א גרע-

סערן פאָלק, ווי די אוקראַינער, ביז א פאַרוואָרפענע נאַציאָנאַלע גרופּע, וווינט אין צענטראַל־אַזיע,—אַלע זיינען פאַרזיכערט און באשיצט פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. אַלע האָבן אַן אָרגאַניזירטע פאָרמע פון לעבן, אַלע אַנטוויקלען זייערע ווירטשאַפטלעכע כחות אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַלגעמיינעם פּלאַן.

אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט אין ווייטסטע טיילן פון פאַרבאַנד

דער פינף־יאָר פּלאַן נעמט אַריין דעם גאַנצן פאַרבאַנד. ניטאָ קיין איין געגנט אָדער ראַיאָן, וואָס איז געבליבן אויסן. די פּאַרטיי ווייסט, אַז דער פונדאַמענט פון א הויכן קולטורעלן לעבן און די גאַראַנטיע פאַר סאָציאַליזם איז די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישע אינדוסטריע אין שטאָט און סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט אין דאָרף. דער פינף־יאָר פּלאַן האָט דעריבער געהאַט אין זינען די נאַטירלעכע רייכטימער און די פּראָדוציר־מעגלעכקייטן פון יעדן געגנט און טעריטאָריע. גרויסע קאַטאָן־פּלאַנטאַציעס אין טורקעסטאַן מיט עלעקטרישע סטאַנציעס און מאַשינען, גרויסע פי־צוכט פאַרמס אין קאַזאַקסטאַן, א פאַרצווייגטע האָלץ־אינדוסטריע אין קאַרעליע, לעבן ווייסן ים, א שטורמיש־וואַקסנדיגע אויל־פּראָדוקציע אין אַזערבאַדזשאַן (טורק־טאַטערשע רעפּובליק אין באַקו), קוילן, אייזן און שטאָל אין אוק־ראַינע, קוילן, אייזן און שטאָל אין אוראַל, א לייכטע אינדוסטריע, פי־צוכט און מילך־פאַרמס אין ווייס־רוסלאַנד, דאָס זיינען די מיטלען, וועלכע שמידן סאָציאַליזם אין אַלע טיילן פון פאַרבאַנד. יעדע פאַבריק, באַן, עלעקטרישע סטאַנציע, ראַדיאָ, טראַקטאָר און מאָטאָר אין איזבעקסטאַן— לעבן אַפגאַניסטאַן, אין טורקמענסטאַן, אין דער בוראַט־מאָנגאָלישער רע־פּובליק, אין מזרח־סיביר, א. ד. גל., איז א וואָפן געגן אָפּגעשטאַנענקייט, פינצטערניש און אַבערגלויבן. יעדער קאָלעקטיוו אין דאָרף איז א פאַקטאָר, וואָס טרייבט צו א סאָציאַליסטישן לעבן. דאָס בויען פון אינדוסטרי שאַפט א פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט ווערט דער אָנפירער פון נייעם לעבן.

די אַלע גוואַלדיגע דערגרייכונגען זיינען מעגלעך געוואָרן נאָר דערפאַר, ווייל דאָרטן וואו עס הערשט דער אַרבעטער־קלאַס פאַרשווינדן נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט פּריוואַט־אייגנ־טום און עקספּלואַטאַציע. איז לאָגישערהייד אָפּגעשאַפט געוואָרן נאַציאָנאַלע עקספּלואַטאַציע. אונטער קאַפּיטאַליזם איז דער טערמין „נאַציע״ פאַרבונדן מיט דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע ברענגט צו נאַציאָנאַלן שאָוויניזם. דער גייעג נאָך פּראָפיטן, נאָך מערק און נאָך רויע מאַטעריאַלן טרייבט צו גרויזאַמער אונטערדריקונג פון פעל־קער און ראַסן. יעדע בורזשואַזיע מאַסקירט זיך אין א נאַציאָנאַלן שלייער צו באַהערשן און עקספּלואַטירן די אייגענע מאַסן און צו אונטערדריקן

אנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס. אין ראַטן־פאַרבאַנד איז די הערשאַפט פון דער בורזשואזיע אָפּגעשאַפט געוואָרן. איז אויך אָפּגעשאַפט נאַציאָנאַלע הערשאַפט. פאַרקערט, די האָרעפּאַשניקעס אין אַ גרעסער פאָלק, ווי די גרויס־רוסן, זיינען פאַראינטערעסירט אַז די סאַמע ווייטסטע, אָפּגע־שטאַנענסטע נאַציאָנאַלע גרופּן אין פאַרבאַנד זאָלן אַרויסגיין פון זייער אַלטן, פאַרגליווערטן צושטאַנד און קענען ווערן גוטע שותּפים (שוטפים) אין דער אַלגעמיינער אויפגאַבע פון בויען סאָציאַליזם.

די מאָסקווער פּראָלעטאַריער דאַרפן ניט און ווילן ניט רוסיפיצירן די טאָטערישע אַרבעטער אין באַקו. כּדי די אויל־פּראָדוקציע אין באַקו זאָל שטייגן אָן אויפהער, איז נויטיג אויפצוהייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די טאָטערישע אַרבעטער, געבן זיי אַלע מעגלעכקייטן פאַר אַ הויכן קולטורעלן לעבן, אַרויסרופן אין זיי ענטוזיאַזם און אַנטשלאָסנקייט פאַר די אַלגעמיינע אויגאַבן. דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דענסטמאָל ווען די אַרבעטער אין באַקו וועלן באַפרידיגן זייערע נויטן אין דעם וועג, וואָס איז פאַר זיי גרינגער און באַקוועמער—אין זייער מוטער־שפּראַך, און דורך אַן אייגענעם אָרגאַ־ניזירטן אופן, וואָס זאָל אַרויסרופן זייערע שעפערישע כּחות. דאָס זעלבע איז גילטיג וועגן אַלע פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן אין פאַרבאַנד.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אָפּגעגעבן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אַ סך פּלאַץ. אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט נאָענט צו 200 נאַציאָנאַלע גרופּן מוז זיך פאַרנעמען מיט איינ־אָרדענען זייערע באַציאונגען. נאָך אויף דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין אַפּריל 1917 איז די נציאָנאַלע פראַגע געשטאַנען אויפ'ן טאָג־אָרדנונג. פאַר דער פּאַרטיי איז שוין דענסטמאָל געווען באַשלאָסן, אַז ווען דער אַרבעטער־קלאַס וועט איבערנעמען די מאַכט אין זיינע הענט, וועט ער פונדאַמענטאַל לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון די האָ־רעפּשאַנע מאַסן.

קלמן פרמן

דער צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע

אין אַלע מאָמענטן פון איר נאַציאָנאַלער פּאָליטיק איז די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי אַרויסגעגאַנגען פון די אינטערעסן פון סאָציאַליס־טישן אויפבוי אין פאַרבאַנד און פאַר די אינטערעסן פון דער וועלט־רעוואָלוציע, באַזונדערס אין די קאָלאָניאַלע לענדער.

קלאָר, בויען סאָציאַליזם קענען נאָר פּראָלעטאַריער און האָרעפּאַשניקעס, וואָס זיינען פריי פון אונטערדריקונג און באַוואוסטזיניג אויף זייערע כּחות. יעדע פאָרם פון אָפּגעשטאַנענקייט און אומוויסנקייט איז אַ שטערונג אויפ'ן וועג פון פינף־יאָר פּלאַן. אויפצוהייבן דעם קולטורעלן צושטאַנד פון די אַלע פעלקער, וואָס זיינען געווען אונטערדריקט אונטער'ן צאַר, איז דער איינציגער וועג, ווי אַזוי אַריינציען זיי אין דער פאַרווירקלעכונג פון פינף־

יאָר פּלאַן. געבן זיי אַ סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, אָרגאַניזירן זיי אין גרויסע קאָלעקטיוון, באַזאָרגן זיי מיט טעכניק, העלפן שאַפן אַ קולטור אין אַלע אירע צווייגן—איז אַן אויפגאַבע פון ערשטן ראַנג פאַר דער פּאַרטיי און פאַר'ן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. אויף אָט דער ליניע גייט די פּאַרטיי זינט דעם 7טן נאָוועמבער, 1917.

דער וועג, ווי אַזוי די נאַציאָנאַלע פראַגע איז געלייזט געוואָרן, איז זייער וויכטיג פּאָליטיש, באַזונדערס פאַר די הונדערטער מיליאָנען פּויערים און אַרבעטער אין אַלע אונטערדריקטע לענדער. צום ערשטן מאָל זעען די האַרעפּאַשניקעס אין כינע, אינדיע, אַפריקע, און די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן אין אייראָפּע, ווי אַזוי אַ גרויסע פאַמיליע פון פעלקער לעבט צווישן זיך ברידערלעך. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער וועלט עקזיסטירט אַ גרויסע מלוכה פון אַזוי פיל פאַרשיידנאַרטיגע נאַציאָנאַלע גרופּעס *בלויז* און *דורכאויס* אויף דער פרייוויליגער מיטאַר־בעטערשאַפט פון יעדער גרופּע.

חבר סטאַלין האָט מיט די ווערטער פאָרמולירט די ראָל פון דער אָק־טאָבער־רעוואָלוציע אויף דעם נאַציאָנאַלן און קאָלאָניאַלן געביט:

> „די גרויסע וועלט־באַדייטונג פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש באַ־שטייט דער עיקר אין דעם, וואָס זי האָט:
>
> 1) אויסגעברייטערט די ראַמען פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין פאַר־וואַנדלענדיג דעם איינצעלנעם קאַמף געגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג אין אַן אַלגעמיינער פראַגע פון באַפרייען די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע פעלקער פון דעם אימפּעריאַליזם;
>
> 2) וואָס זי האָט געעפנט ברייטע מעגלעכקייטן און אָנגעוויזן די ריכ־טיגע וועגן פאַר דער דאָזיגער באַפרייאונג, מיט וואָס זי האָט באַדייטנדיג פאַרלייכטערט די אונטערדריקטע פעלקער פון מערב און מזרח אין זייער באַפרייען זיך, אַרייַנציענדיג זיי אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דעם זיגרייכן קאַמף געגן אימפּעריאַליזם;
>
> 3) וואָס זי האָט דורך דעם טאַקע אַריבערגעוואָרפן אַ בריק צווישן דעם סאָציאַליסטישן מערב מיט דעם פאַרשקלאַפטן מזרח, אויפבויענדיג *אַ נייעם פראָנט פון רעוואָלוציעס* פון די פּראָלעטאַ־ריער פון מערב דורך דער רוסישער רעוואָלוציע צו די אונטערדריקטע פעלקער פון מזרח געגן דעם וועלט־אימפּעריאַליזם“.
>
> (סטאַלין, „די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די נאַציאָנאַלע פראַגע“, נאָוועמבער 1928).

פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג פאַרווירקלעכט

די קאָנסטיטוציע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָגט אויסדריקלעך, אַז יעדער איינצעלנער מיטגליד, פעדעראַציע אָדער רעפּובליק קען זיך אָפּרייסן פון פאַרבאַנד צו יעדער צייט. דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג איז דערפירט געוואָרן צום העכסטן גראַד, ביז זיך אָפּזונדערן אין גאַנצן. אָבער צו וואָס זאָל אַ רעפּובליק פון האַרעפּאַשניקעס זיך אָפּ־

רייסן פון פאַרבאַנד? צו וואָס זיך אויסשליסן פון דעם אַלגעמיינעם און איינהייטלעכן סאָציאַליסטישן אויפבוי? באַזונדער, וואָלטן די איינצעלנע סאָוועטישע רעפּובליקן שוין לאַנג איינגעשלונגען געוואָרן פון קאַפּיטאַליס־טישער אינטערווענציע. נאָר געמיינשאַפטלעכע אָנשטרענגונג לויט איין אַלגעמיינעם פּלאַן, אָרגאַניזירנדיג אַלע מיטלען, וואָס דער גאַנצער פאַרבאַנד פאַרמאָגט, איז מעגלעך געווען דורכצוטראָגן די רעוואָלוציע אין אַלע שווערן יאָרן. נאָר דורך אַן איינהייטלעכן פּלאַן איז מעגלעך געווען אַזאַ שטורמישע אַנטוויקלונג פון אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט. די אַרבעטער און פּויערים־מאַסן פאַרשטייען דאָס אויסגעצייכנט. דאָס איז די באַזע פאַר זייער צוזאַמענלעבן.

ראַטן־פאַרבאַנד איז אַזוי אָרגאַניזירט, אַז נאָר איניגע צווייגן פון ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן זיינען צענטראַליזירט. די איבעריגע געביטן באַלאַנגען צו יעדער רעפּובליק באַזונדער. צענטראַליזירט זיינען: די דיפּלאָמאַטישע אָנפירונג, פינאַנסן, טראַנספּאָרט און די פאַרטיידיגונג פון פאַרבאַנד. לעצטנס מיט דער כוואַליע פון קאָלעקטיוויזאַציע איז אויך לאַנד־ווירטשאַפט צייטווייליג געשטעלט געוואָרן אונטער'ן אויפזיכט פון אַלפאַר־באַנדישן ערד־קאָמיסאַריאַט. די איבעריגע צווייגן פון לעבן, ווי אַדמיני־סטראַטיווע פאַרוואַלטונג, געריכט, פאָלקס־בילדונג, קולטור, קונסט א. ד. גל. זיינען אין דער יוריסדיקציע פון דיבאַזונדערע רעפּובליקן. יעדע רעפּובליק האָט איר סאָוועטן־קאָנגרעס, צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן און אַלע אַנדערע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען. יעדע רעפּובליק אַרבעט לויט איר בודזשעט, וועלכער איז אַריינגעפּאַסט אין דעם אַלגעמיינעם אַלפאַרבאַנדישן בודזשעט.

אויך די רויטע אַרמיי איז לעצטנס אָרגאַניזירט געוואָרן אויף אַ טערי־טאָריעלן באַזיס. דאָס האַלט די רויטע אַרמייער נאָענט צו דעם געגנט, פון וואַנען זיי שטאַמען. די רויטע אַרמיי איז אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער מוטער־שפּראַך פון די רויטע אַרמייער, באַזונדערס אין די גרעסערע רעפּובליקן.

די טעאַטער־אָלימפּיאַדע

עס איז שווער אין עטלעכע זייטלעך אויסצומאָלן אַ בילד פון דעם קולטורעלן שוואונג, וואָס די סאָוועטישע פעלקער האָבן דורכגעמאַכט. דעם פאָריגן זומער איז צום ערשטן מאָל איינגעאָרדנט געוואָרן אי ן דער רויטער מאָסקווע אַ טעאַטער־אָלימפּיאַדע פון די נאַציאָנאַלע טעאַטערן. געקומען זיינען 23 טעאַטערן פון 17 פעלקער — רוסן ניט אַריינגערעכנט. די טעאַ־טער־אָלימפּיאַדע האָט אַרויסגעבראַכט דעם גוואַלדיגן קולטורעלן שפּרונג, וואָס די פעלקער פון פאַרבאַנד האָבן געמאַכט אין זייער אַ קורצער צייט.

טעאַטער—ווען ער ווערט געשפּילט פון אייגענע אַרטיסטן פאַר אייגענע מאַסן, איז אַ שפּיגל פון דעם קולטורעלן צושטאַנד פון אַ פאָלק. מאָסקווע

איז אַליין געווען איבעראַשט פון דעם, וואָס זי האָט געזען אין דער טעאַ־טער־אָלימפּיאַדע. אַזאַ יונגע סאָוועטישע רעפּובליק ווי די גרויסע איזבעקסטאַן, איז געקומען מיט אַ טעאַטער, צוויי יאָר אַלט. ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק איז דאָרט ניט געווען קיין סימן פון טעאַטער־קונסט. אַ פרוי האָט בכלל ניט געוואַגט טראַכטן פון שפּילן טעאַ־טער. דאָס זעלבע איז ריכטיג וועגן די קירגיזן, קאַלמיקן, טיורקן, טאַטערן פון קאַזאַן, און נאָך און נאָך. עס זיינען געווען רעפּובליקן, וואָס האָבן גע־שיקט צו צוויי טעאַטערן, אַ מוזיקאַלישן און אַ דראַמאַטישן. אַזעלכע טעאַטערן ווי דער גרוזינישער רוסטאַוועלי־טעאַטער, דער אידישער מלוכה־טעאַטער פון וויים־רוסלאַנד, דער אוקראַינישער אַרבעטער־טעאַטער, האָבן דערגרייכט אַ הויכן גראַד קונסט. זיי האָבן געשאַפן טעאַטער־פאָרמען, וואָס זיינען ניט נידעריגער און אפשר העכער פון די בעסטע טעאַטערן אין מאָסקווע. זייער רעפּערטואַר איז געבויט אויף די פּראָבלעמען פון סאָציאַ־ליסטישן אויפבוי. די טעאַטער־אָלימפּיאַדע איז איצט געוואָרן אַ שטענדיגע אינסטיטוציע. זי איז אויסגעשפּרוט געוואָרן אויף פילמס, געזאַנג און באַלעט. יעדן זומער וועלן די טעאַטערן, פילמס און באַלעטן פון אַלע טיילן פון פאַרבאַנד און אַלע סאָוועטישע פעלקער זיך פאַרזאַמלען אין דער רויטער הויפּט־שטאָט און דאָרטן זיך פאַרמעסטן מיט זייערע קינסטלערישע כחות. לערנען איינע פון די אַנדערע, זיך נאָך מער פאַרברידערן און קרעפטיגן דעם אַלגעמיינעם קינסטלעריש־פּראָלעטאַרישן פראָנט.

די נאַציאָנאַלע ליניע פון דער פּאַרטיי—פאַר קולטור—איז קורץ און שאַרף פאָרמולירט געוואָרן פון חבר סטאַלין אין 1927:

„אַ קולטור־סאָציאַליסטיש אין איר אינהאַלט, און נאַציאָנאַל אין איר פאָרם."

אַ קולטור וואָס זאָל זיין פּראָלעטאַריש אין איר וועזן און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם,—אויף דעם וועג גייט די קולטורעלע אַנטוויקלונג פון די סאָוועטישע פעלקער. אַרויסברייננגען דאָס אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישע, אַרויסרוקן דעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט פון דער קולטור—איז דער פונדאַמענט פון דער לענינסטישער ליניע און קולטור.

יעדער פאַרזוך אָפּצוגעבן זיך צופיל מיט דער נאַציאָנאַלער פאָרם און דערמיט פאַרטושן דעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט פון דער קולטור שטויסט זיך אָן אָן דעם שטאַרקן ווידערשטאַנד פון דער פּאַרטיי און פון דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער עפנטלעכקייט.

אָפּנויגונגען פון דער ריכטיגער ליניע

דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז דאָ און דאָרטן זיינען ניט געווען פאַר־קריפּלונגען פון דער ריכטיגער לענינסטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. דער 16טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט קאָנסטאַטירט, אַז עס זיינען פאַראַן אויסדרוקן פון גרויס־רוסישן שאָוויניזם און פון לאָקאַלן נאַציאָנאַליזם.

פאראן נאך רוסן, באזונדערס אין דער אלטער אינטעליגענץ, וואס קענען זיך ניט שיידן מיט'ן געדאנק, אז די רוסישע קולטור האט ניט מער ספּעציעלע פּריווילעגיעס און קען אויף קיינעם ניט ארויפגעצוואונגען ווערן.

די רעשטן פון דער בורזשואזיע—פון די פריערדיגע אונטערדריקטע פעלקער—אין שטאט און די קולאקעס אין דארף טרייבן א פּאליטיק פון נאציאנאליזם. זייער געגנערשאפט צום פינף־יאר פּלאן פארשטעלן זיי מיט אגיטאציע צו פארשטארקן „אונזער קולטור", מיט רייד פון נאציאנאלע אייגנטימלעכקייטן. זיי זוכן ארויסצורוקן פאראויס און פארגרעסערן די קליינע זאכן, וואס טיילן אפּ די סאוועטישע פעלקער און פארטושן די גרויסע, גרונט־זאכן, וואס פארבינדן די פעלקער. די רעזאלוציע פון 16טן צוזאמענפאר זאגט, אז די גרויס־רוסישע אפּנויגונג פון דער נאציאנאלער ליניע איז די גרעסטע געפאר. אבערביידע סארטן אפּנויגונגען דארפן שטארק באקעמפט ווערן.

דער סאוועטן־פארבאנד איז היינט־צו־טאג א לייכט־טורעם פאר אלע אונטערדריקטע און עקספּלואטירטע. דער סאמע פאקט פון זיין עקזיסטענץ, ראשיגן וואוקס און אנטוויקלונג צינדט אן מיט האפנונג און באגייסטערונג הונדערטער מיליאנען טונקל־הויטיגע, ברוינע, ווייסע און שווארצע הארעפּאשניקעס. דער זיגרייכער פּראלעטאריאט און זיין פּארטיי האבן אויסגעטראטן א וועג ניט נאר פאר דער עקאנאמישער באפרייאונג פון דעם ארבעטער־קלאס אין אלע לענדער. זיי האבן אויך געוויזן די אויסלייזונג פון נאציאנאלער פארשקלאפונג פאר דער גאנצער אונטערדריקטער מענטשהייט.

מיליאנען אוקראינער און ווייס־רוסן, אונטערדריקט פון פּוילישן פאשיזם און קאפּיטאליזם, זעען ווי אויף יענער זייט גרענעץ בליט און וואקסט דאס לעבן פון זייערע ברידער,—אינדוסטריאליזאציע און קאלעקטיוויזאציע הייבן זייער עקאנאמישן לעבן. קולטורעלער אויפשטייג אויף זייער מוטער־שפּראך באנרייכערט זייער גייסטלעך לעבן. דער שארפער אונטערשיד רעדט פאר זיך.

מיליאנען אנדערע אונטערדריקטע מינדערהייטן אין מזרח, צענטראל־ און דרום־אייראפּע, הונדערטער מיליאנען אין אזיע און אפריקע, ווערן אנגעשטעקט מיט דעם הערלעכן ביישפּיל וואס דער סאוועטן־פארבאנד ווייזט. זיי קריגן קרעפטיגונג און מוטערקייט אין זייער קאמף געגן די אימפּעריאליסטן.

נאר די סאציאלע רעוואלוציע האט געקענט ברענגען אזא פונדאמענטאלע ענדערונג אין דעם צוזאמענלעבן פון ראסן, פעלקער און נאציאנאליטעטן.

נאר צו בויען סאציאליזם איז מעגלאך געווין צו פאראייניגן די מיטלען און כחות (קויכעס) פון אזוי פיל נאציאנאלע און ראסן־גרופּעס.

אַנטי־רעליגיעזע אַגיטאַציע

אין ראַטן־פּאַרבאַנד הערשט פולשטענדיגע געוויסן־פרייהייט. די געשיכטעס און די געוואַלדן וועגן רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען זיינען בייזוויליגע רכילות (רכילעס) צו העצן געגן דער פּראָלעטאַרישער לאַנד.

רעליגיעזע דינסט איז ניט פאַרבאָטן. יעדער בירגער קען גיין בעטן גאָט, אויב ער גלויבט אין דעם. דער געזעץ באַשיצט דעם גלויביגן בירגער, ווי דעם פריידיינקער.

אין דער זעלבער צייט האָט די פּראָלעטאַרישע מלוכה פאַרן אויג די שעדלעכע און שענדלעכע ראָל, וואָס אָרגאַניזירטע רעליגיע שפּילט אין דער גאַנצער וועלט. די אָפּשאַצונג, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן געגעבן:

— רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק איז גילטיג היינט ווי אין די צייטן, ווען דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט איז געשריבן געוואָרן.

רעליגיע פאַרטעמפּט דעם אַרבעטער, טויט אָפּ זיין איניציאַטיווע און זיין קאַמפּסלוסטיגקייט. זי מאַכט אים אָפּהייגניג אָן אַ איבערנאַטירלעכן הימלשן וועזן, וואָס האַלט אין זיינע הענט אַלעמענס שיקזאַל, אַ וועזן, וואָס באַלוינט און שטראָפט.

אָרגאַניזירטע רעליגיע—די קירך—האָט אויסגענוצט די הילפלאָזיגקייט וואָס דער גלויבן אין אַ גאָט וואַרפט אַרויף, צו פּענטן די מאַסן, פאַרטומלען זייערע מוחות (מויכעס), צאַמען זייער אומצופרידנקייט און האַלטן זיי אין אַ צושטאַנד פון געהאָרכזאַמקייט צו זייערע אונטערדריקער.

די קירך איז געווען איינע פון די שטאַרקסטע זיילן פון צאַריש־פּעאָדאַלישער אונטערדריקונג. אין די אינדוסטריעלע לענדער איז זי אַ שטיצע פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. אַ קאַמף געגן דער שעדלעכער איינפלוס פון דער קירך, אַ קאַמף אויפצוקלערן די מאַסן די כחות פון דער נאַטור, איז אַן אָרגאַנישע נויטווענדיגקייט. אַ גלויביגע סטאַדע, וואָס שלינגט פון מויל פון גלח, רב (ראָוו) און מולאַ, וועט ניט בויען סאָציאַליזם.

די גייסטלעכע געפינען זיך, זינט אָקטאָבער 1917, אין די רייען פון די ביטערסטע שונאים פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. די קלויסטערס און שולן זיינען נעסטן פון די קולאַקעס און נעפּליים, אַלע רכילות (רעכילעס) און ווילדע קאָנטררעוואָלוציאָנערע קלאַנגען ווערן פון דאָרטן פאַרשפּרייט.

די פּאַרטיי און די פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפטלעכקייט פירן אַן ענערגישן קאַמף קעגן רעליגיעזן אַבערגלויבן. דער גאַנצער אַפּאַראַט פון פאָלקס-בילדונג איז אָנגעווענדעט צו דערציען דעם יונגן דור (דאָר) אין אַ פרייען, שעפערישן גייסט, אָנשטאָט מורא און אָפּהענגיקייט. די שול קעמפט אויך קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן אינדיווידואַליזם און זוכט איינצופלאַנצן אין די קינדער ליבע צו קאָלעקטיווער אַרבעט.

אָרגאַניזירטע רעליגיעזע דערציאונג אונטער 18 יאָר איז ניט דערלויבט. אַ פאָטער מעג לערנען מיט זיין קינד וואָס ער וויל, אָבער עפנטלעכער אונטערריכט פון רעליגיע און רעליגיעזע שולן א. ד. ג. איז פאַרבאָטן.

אַ ברייטע קאַמפּאַניע פון אַנטי-רעליגיעזער אויפקלערונג צווישן דערוואַקסענע איז אָנגעפירט דורך געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. פאַראַן אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע: די מיליטאַנטישע אַטעאיסטן, וואָס פירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט קעגן דעם שימל פון רעליגיע. די אָרגאַניזאַציע ציילט עטלעכע מיליאָן מיטגלידער, גיט אַרויס זשורנאַלן — דער פּאָפּולערסטער איז דער „בעזבאָזשיק" (גאָטלאָזער), בראָשורן און ביכער.

מאָנאַסטירן—אַנטי-רעליגיעזע מוזייאומס

אַלע מאָנאַסטירן — נעסטן פון פינצטערניש, אַבערגלויבן און אויסגעלאַסנקייט זיינען צוגעמאַכט. ניטאָ מער די טויזנטער מאָנאַכן און מאָנאַשקעס, וואָס האָבן געלעבט אויף דער פעטס פון דער האַרעפּאַשנער באַפעלקערונג. די מאָנאַסטירן, וואָס געפינען זיך אין וועלדער אָדער לעבן טייכן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּרו-הייזער און קינדער-היימען. די עטלעכע, גאָר גרויסע און באַוואוסטע זיינען היינט צענטערן פון אַנטי-רעליגיעזער אויפקלערונג.

דאָרטן, וואו אונטערן צאַריזם האָבן זיך געצויגן הונדערטער טויזנטער שטאָטישע און דאָרפישע איינוואוינער צו קריגן אַ ברכה, אָדער זיך אויסהיילן פון אַ קראַנקהייט, איז היינט אַנטי-רעליגיעזע מוזייאומס. ווידער ציען זיך שטראָמען האָרעפּאַשניקעס אָבער שוין גאָר צוליב אַן אַנדער צוועק.

די צוויי באַדייטנדיגסטע אַנטי-רעליגיעזע מוזייען געפינען זיך אין מאָסקווע און אין קיעוו. דער מאָסקווער איז אין האַרץ פון שטאָט, אויף טווערסקאַיאַ. דער צווייטער איז די געוועזענע טרויעריג-באַוואוסטע קיעוו-פּעטשערסקאַיאַ לאַווראַ. אַ גרופּע אַלטע געביידעס און קלויסטערס ביי דעם דניעפּער.

פון אַלע טיילן פאַרבאַנד קומען עקסקורסיעס מיט האָרעפּאַשניקעס אין די מוזייען. דאָרטן וואַרטן אויף זיי אינסטרוקטאָרן, וועלכע פירן זיי אַרום און קלערן זיי אויף איבער די ענגע פאַרבינדונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן צאַר, פּריץ, קאַפּיטאַליסט און גלח.

ווען די מאָנאַסטירן זיינען צוגענומען געוואָרן, האָט די ראַטן־מאַכט געעפנט די טרונעס מיט די „הייליגע ביינער“, וואָס זיינען געווען די צור־ציאונגס־קראַפט פאַר די גלויביגע. אין דער אָנוועזנהייט פון הויכע גלחים, מעדיקער, וויסנשאַפטלייט און פויערים זיינען די טרונעס ארויסגענומען און געעפנט געוואָרן.

דער רעזולטאַט האָט געווירקט ווי אַ באָמבע־אויפרייס. ווי עס איז גע־ווען צו דערוואַרטן, זיינען די „הייליגע ביינער“ געווען מומיעס אָנגעשטאָפּט מיט וואַטע און שמאַטעס. די מאָנאַכן האָבן דורות־לאַנג געמאָלקן מיליאָנען גלויביגע אין נאָמען פון הייליגע, וועמעס קערפּערס האַלטן זיך אויף, צו ווייזן וואונדער.

דער שווינדל מיט די הייליגע ביינער האָט געעפנט די אויגן אַ סך גלויביגע. די אומצאָליגע עקסקורסיעס, ליטעראַטור און אַגיטאַציע טוען דאָס איבעריגע.

די מוזייען זיינען אויסגעצייכנט אָוועקגעשטעלט. אַלץ אינעווייניג צילט צו דעמאַנסטרירן, אַז רעליגיע איז שטיצע פאַר עקספּלואַטאַציע און אונ־טערדריקונג. אין די גרויסע מוזייאומס זיינען פאַראַן אָפּטיילונגען פאַר אַנ־דערע רעליגיעס, אויסער פּראַוואָסלאַווער, ווי די אידישע, קאַטוילישע און מאַכמעדאַנישע. פאַראַן אויך ספּעציעלע אַנטי-רעליגיעזע מוזייאומס פאַר באַזונדערע רעליגיעס.

דער שרייבער איז געווען אין מאָסקווער אַנטי־רעליגיעזן מוזייאום ווען אַן עקסקורסיע פון פויערים איז דאָרט געווען. דעם שרייבער האָבן אינטע־רעסירט ווי אַזוי די פויערים נעמען אויף אַלץ וואָס זיי זעען און הערן.

איין עלטערע פויערטע, אויסהערנדיג די דערקלערונג פון לעקטאָר, האָט, זיפצנדיג געזאָגט:

— עך, ווען מיר וויסן דאָס מיט דרייסיג יאָר צוריק. פאַרוואָס זיינט איר אַזוי שפּעט געקומען?

אין מיטן זומער, אין דער געוועזענער קיעווער־פּעטשערסקער לאַווראַ, האָט דער שרייבער געזען מחנות (מאַכנעס) פויערים אָנקומענדיג דורך די טויערן. אויף זיי האָבן שוין געוואַרט לעקטאָרן. אַ טייל פון די פויערים האָ־בען נאָך, זיך אַ צלם געטאָן, די מערסטע זיינען שוין פאַרבייגעגאַנגען די הייליגע קלויסטערס און זיך ניט גע׳צלמ׳ט.

מאַכט פון קירך געבראָכן

די מאַכט פון דער אַמאָל מעכטיגער פּראַוואָסלאַווער קירך איז אינ־גאַנצן געבראָכן געוואָרן. אַ סך קירכן זיינען נאָך אָפן, אָבער זיי מוזן אויס־געהאַלטן ווערן פון זייערע באַזוכער. גייסטלעכע קענען ניט אַנטיילנעמען אין די סאָוועטישע וואַלן. זיי באַלאַנגען צו איין קאַטעגאָריע מיט די קולאַ־קעס און נעפּליים.

דער געזעץ באַוואָרנט וויפיל דאַוונער האָבן אַ רעכט אויפצוהאַלטן אַ קירך אָדער אַ שול אין זייער געגענט. דאָרטן וואו די אַרבעטער-באַפעלקערונג פאָדערט שטאַרק, אַז אַ קלויסטער זאָל צוגעמאַכט ווערן, אָדער דאָרטן, וואו דער קלויסטער פאַרמאָגט אַ סך ווייניגער דאַוונער, ווי דער געזעץ האָט באַשטימט, ווערט עס צוגעמאַכט.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט אַזוי פיל קלויסטערס אויפגעשטעלט, אַז וויפיל מען זאָל ניט אַרונטערנעמען, איז נאָך אַלץ צופיל. איידער מען קומט אַריין אין אַ שטעטל אָדער אין אַ דאָרף, שעמערירן שוין פון ווייטן די באַגילדעטע קופּאָלן פון קלויסטער. אָרימע דערפער, מיט פינסטערע כאַטקעס (הייזקעס) פאַרמאָגן גרויסע קלויסטערס. די פויערים זיינען אויסגעקוועטשט געוואָרן, אָבער הויכע, ברייטע „הייזער פאַר גאָט" זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן.

אין פיל שטעט זיינען אַרונטערגענומען געוואָרן די גרויסע קלויסטערס־סאָבאָרן, וואָס זיינען אין סאַמע האַרץ פון שטאָט. אַזוי, צום ביישפּיל, אין כאַרקאָוו, בויט מען איצט אַן אָפּערא־טעאַטער דאָרטן, וואו דער קאַטעדראַל איז פריער געשטאַנען.

אין צייט פון די רעליגיעזע יום־טובים, אָרגאַניזירן די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס קאָנצערטן און פאַרזאַמלונגען אין אַלע טעאַטערן און קלובן, אָפּצוציען די מאַסן פון קלויסטער. פּלאַקאַטן און בראָשורן ווערן פאַרשפּרייט אין די מיליאָנען, אויפצוקלערן דעם כאַראַקטער פון רעליגיע.

עס זיינען נאָך פאַראַן גלויביגע, אָבער די גרויסע קולטורעלע רעוואָלוציע, וואָס ציט אַריין צענדליגער מיליאָנען מענטשן, פאַרטרייבט ביסלעכווייז דעם איינפלוס פון גלחים און רבנים (גאַלאָכים און ראַבאָנים). די קלובן און טעאַטערן ווערן אַלץ מער באַזוכט פון האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן פריער זיך געבוקט פאַר די הייליגע.

אין מיליאָנען פויערשע הייזער איז די איקאָנע אַרויסגעטריבן געוואָרן. מאַרקס, לענין, סטאַלין און בילדער פון דער רעוואָלוציע הייגען אויף די ווענט.

די דערפאָלגרייכע קאָלעקטיוויזאַציע דערלאַנגט דעם לעצטן קלאַפּ דער רעליגיע אין דאָרף.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי

דער אוואַנגאַרד פון אַרבעטער־קלאַס, זיין אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער, איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אָן דער פּאַרטיי וואָלט ניט מעגלעך געווען די זיגרייכע רעוואָלוציע. אָן איר וואָלט ניט מעגלעך געווען די גרויסע דערגרייכונגען וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך דערשלאָגן אין די לעצטע עטלעכע יאָר.

די פּאַרטיי פון לענין פאַרמאָגט דעם פולסטן צוטרוי פון די ברייטסטע שיכטן אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס אין שטאָט און אין דאָרף. זיי ווייסן אַז דאָס איז זייער פּאַרטיי, אַז אויף איר ליגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער קאָלאָסאַלער אויפגאַבע צו בויען סאָציאַליזם. די אַרבעטער־מאַסן באַשטעטיגן יעדעס מאָל מיט זייער אַקטיווקייט, אַנטשלאָסנקייט און ענטוזיאַזם די ליניע פון דער פּאַרטיי און איר טאַקטיק דורכצופירן די ליניע אין לעבן.

די פּאַרטיי ציט איר אָנהויב פון 1898, ווען עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די רוסישע מאַרקסיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן. פריער האָבן עקזיסטירט אַ ריי באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס. דער ערשטער צוזאַמענפאָר האָט אַ נאָמען געגעבן דער נייער פּאַרטיי: רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי. דער גאַנצער צוזאַמענפאָר, אָפּגעהאַלטן אין מינסק, איז אַרעסטירט געוואָרן.

מיט פינף יאָר שפּעטער, אין 1903, איז אויפגעשטאַנען דער באָלשעוויזם, ווי אַ רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישע ריכטונג אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

זינט 1903 האָט געפלאַקערט דער קאַמף צווישן די צוויי הויפּט־ריכטונגען, מענשעוויזם און באָלשעוויזם. פאָרמעל, אין איין פּאַרטיי, זיינען די צוויי פראַקציעס, פאַקטיש געווען באַזונדערע פּאַרטייען, מיט שאַרף געגנזעצלעכע מיינונגען איבער די סאַמע וויכטיגסטע פראַגן פון ליניע, טאַקטיק און מעטאָדן פון קאַמף.

פון ערשטן טאָג איז וולאַדימיר אילאַיטש לענין געווען דער פירער פון באָלשעוויזם. געווען צייטן ווען ער האָט געהאַט מיט זיך אַזאַ מאַרקסיס־

טישן טעאָרעטיקער ווי פּלעכאַנאָוו. יענער פעריאָד האָט לאַנג ניט אָנגע־האַלטן. פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, מאַרטאָוו, טראָצקי און זייער גלייכן זיינען נאָך פאַר דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905 געוואָרן ביטערע געגנער פון באָלשעוויזם.

אין 1918 האָט דער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי געענדערט דעם נאָמען אויף אַלרוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעם). ווען דער פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליקן איז געגרינדעט געוואָרן איז דער נאָמען פון דער פּאַרטיי געוואָרן: אַלפאַרבאַנדישע קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס).

אין פאַרלויף פון די 31 יאָר זינט דעם ערשטן צוזאַמענפאָר אין 1898 פונ'ם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. די באָלשעוויקעס באַטראַכטן דעם האָבן די באָלשעוויקעס געקוקט אויף זייער פּאַרטיי ווי אויף דער פּאַרטיי גאַנצן פעריאָד ווי איין קייט פון קאַמף פאַר'ן ענד־ציל—אויפשטעלן דעם קאָמוניזם. די פּאַרטיי איז געוואַקסן אין שפּיץ פון אַרבעטער־קלאַס און אים געפירט אין פייערדיגן, בלוטיגן קאַמף געגן צאַריש־פעאָדאַליסטישער אונ־טערדריקונג ביז דער אומשטירצונג פון קאַפּיטאַליזם און בויאונג פון סאָ־ציאַליזם. אַזאַ הערלאַכע און רומפולע פאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט ווייסט ניט קיין פּאַרטיי אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אין די דריי צענדליג יאָר קאַמף האָט די פּאַרטיי אָנגעזאַמלט איר גוואַלדיגע דערפאַרונג, האָט אויסגעשמידט איר שטאָלענע פעסטקייט און אויסגעהאַלטנקייט. לעניניזם—די לערע פון מאַרקס, אין דער לעצטער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם, איז דער וועגווייזער פאַר דער פּאַרטיי — אַן אַרמיי פון פעסטע, פאַרהאַרטעוועטע קעמפער האָבן זיך דערצויגן אויפ'ן לעניניזם.

די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי גייט אין לענינ'ס וועגן. לענינ'ס לערע איז דער פונדאַמענט אויף וועלכן די פּאַרטיי בויט אַלע אירע האַנדלונגען. אין די קאַמפּן מיט דעם „לינקן" טראָצקיזם און מיט דעם רעכטן אָפּאָרטוניזם, האָט די פּאַרטיי אָנגעווענדעט אַ ריכטיגע לעניניסטישע אָפּשאַצונג און האָט פאַרטיידיגט די ריכטיגע לעניניסטישע פּאָזיציעס. דעריבער האָט זי געהאַט אויף איר זייט די איבערוועלנדיגע מאַיאָריטעט פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס.

די בעסטע און אַקטיווסטע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן געפינען זיך אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַלץ וואָס איז לעבעדיג און שעפעריש אין דעם אַרבעטער־קלאַס באַלאַנגט צו דער שטאָלענער פּאַרטיי פון באָלשעוויזם. די פּאַרטיי וואַקסט זייער שנעל. פּראָלעטאַריער אין שטאָט און ערד־אַרבעטער אין דאָרף טרעטן אַריין אין אירע רייען.

פּאַרטיי וואַקסט זייער שנעל

פון 1917 ביז 1928 האָט זיך די מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי פאַרגרעסערט אויף 55 מאָל. אין 1923 האָט די פּאַרטיי געציילט 23,000 מיטגלידער און קאַנדידאַטן. אין 1928 האָט זי שוין געציילט 1,304,000 מיטגלידער און קאַנדידאַטן. צום ערשטן יוני 1930 האָט די פּאַרטיי פאַרמאָגט א מיליאָן מיט 852 טויזנט מיטגלידער און קאַנדידאַטן. איצט איז שוין די צאָל אריבער צוויי מיליאָן.

די אונטערשטע אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי איז דער פאַבריק־נוקליאוס (יאַטשייקא, צעל) אין שטאָט און דער נוקליאוס אין דאָרף. נאָכ־דעם קומט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דעם ראַיאָן. ווייטער קומט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דעם געגנט, אָדער רעפּובליק, דאָרטן וואו קיין געגנטן זיינען ניטאָ. יעדע סאָוועטישע רעפּובליק פארמאָגט איר צענטראַל־קאָמיטעט. דער העכסטער אָרגאַן אין דער גאַנצער פּאַרטיי איז דער אַל־פאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר, וואָס קלייבט אויס דעם אַלפאַרבאַנדישן צענ־טראַל־קאָמיטעט און די פּאָליטישע ביוראָ פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

דער פאַבריק־נוקלייאוס פאַרנעמט זיך מיט אַלע פראַגן, וואָס שטייען פאר די ארבעטער אין פאַבריק. אַלע פּראָבלעמען פון דער פּראָדוקציע ווערן אויפגענומען. די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז די טרייב־קראַפט אויף דער פאַבריק. די פאַבריק ווערט פאַקטיש געפירט פון דער „טראָיקא“ (דריי־עק)—די אדמיניסטראַציע, די יוניאָן און די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

ווי וויט די פּאַרטיי איז אריינגעוואַקסן אין אַלע טיילן פון לאַנד קען מען זען דערפון, וואָס אין 1929 האָבן פונקציאָנירט 51,881 קעמערלאַך (נוקליים). דאָס קעמערל געפינט זיך אַלע מאָל אין פאַבריק, זאַוואָד, אינ־סטיטוציע, רעגימענט, א. ד. גל.

אין 1927 האָבן אין דער פּאַרטיי באַלאַנגט האָרעפּאַשניקעס פון 132 נאַציאָנאַליטעטן. איצט איז די צאָל נאַציאָנאַליטעטן נאָך גרעסער.

אגב, איז ווערט צו דערמאָנען. די ערשטע אין צאָל אָרגאַניזירטע קאָמוניסטן זיינען נאַטירלאַך די רוסן—743,167. דאָס מאַכט אויס 65 פּראָצענט. די צווייטע זיינען אוקראַינער, עלף פּראָצענט פון דער אַלגע־מיינער צאָל קאָמוניסטן. די דריטע זיינען אידן—49,511, וואָס מאַכט אויס פיר פּראָצענט, 33 חלקים.

פּאַרטיי איז אַרומגערינגלט פון ארבעטער־קלאַס

אין דער פּאַרטיי הערשט דעמאָקראַטישער צענטראַליזם, וואָס רופט ארויס די ענערגיע און איניציאַטיווע פון יעדן קאָמוניסט און גלייכצייטיג שמידט אויס פון דער גאַנצער פּאַרטיי אַן איינהייטלעכן פראָנט פאר אקציע און קאַמף. דער שרייבער האָט געהאַט די געלעגנהייט בייצוואוווינען א רייע פּאַרטייאישע ראַיאָן־צוזאַמענפאָרן — אין אָדעס, קיעוו, בערדיטשעוו,

א. א. וו. די צוזאמענפארן זיינען בוכשטעבלעך געווען ארומגערינגלט פון דעם פראלעטאריאט פון די געגנטן. די דערעפענונג פון א פארטיי־צוזאמענפאר איז א יום־טוב פאר אלע הארעפאשניקעס. פון אלע פאבריקן האבן געשטראמט ארבעטער, מיט מוזיק און פאנען צו באגריסן די צוזאמענפארן. דעלעגאציעס פון די קאלווירטן און קאמונעס און מלוכה־פארמס האבן באוויזן די ריכטיגע ליניע פון דער פארטיי אין דארף. דער מאסקווער פראלעטאריאט האט אין א שלאגס־רעגן דעמאנסטרירט זיין איבערגעגעבנקייט און צוטרוי צו דער פארטיי ביי דער דערעפענונג פון דעם 16טן פארטיי־צוזאמענפאר אין יוני, 1930. לכבוד דעם 16טן פארטיי־צוזאמענפאר האבן הונדערטער פאבריקן, זאוואדן און גרובן און טויזנטער קאלעקטיוון ארויסגעלאזט מער מאשינען, געצייג, אייזן, קוילן און תבואה, ווי א מתנה (מאטאנע) דעם צוזאמענקונפט פון לענינ׳ס פארטיי.

באריכטן פון פארטיי־צוזאמענפארן ווערן שטודירט אין פאבריק און אין קאלעקטיוו. באשלוסן פון פארטיי־צוזאמענפאר זיינען וועגווייזער און אנצייגער פאר ווייטערדיגער אנשטרענגונג און ווייטערדיגע דערגרייכונגען.

לענינ׳ס פארמולע אז א קאמוניסטישע פארטיי איז דער ארגאניזאטאר פון די ברייטע מאסן איז פולשטענדיג פארווירקלעכט געווארן. די אלפארבאנדישע קאמוניסטישע פארטיי ארגאניזירט, מאביליזירט און פירט די צענדליגער מיליאנען הארעפאשניקעס צו דעם גרויסן זיג פון סאציאליזם. אונטער דער פירערשאפט פון דער פארטיי מארשירט דער ארבעטער־קלאס מיט פעסטע און זיכערע שריט צו דער פארווירקלעכונג פון א קלאסנלאזער געזעלשאפט.

נאר ביטערע שונאים אדער טעמפע באלעבעסלעך קענען פלאפלען וועגן דער כלומר׳שטער דיקטאטור, וואס די פארטיי איבט אויס אויפ׳ן ארבעטער־קלאס. די פארטיי קען ניט אפגעטיילט ווערן פון דעם ארבעטער־קלאס. די סאוועטישע פראלעטאריער האבן דאס באוויזן אין טויזנטער פאלן זינט צאריזם און קאפיטאליזם זיינען אראפגעווארפן געווארן. אין דעם קאמף מיט דעם טראצקיזם און אין דעם קאמף מיט די רעכטע אפנויגונגען האט די פארטיי אפגעהאלטן אייך אנטשיידענעם זיג נאכ׳ן צווייטן. טראצקיזם, ווי א ריכטונג, און רעכטער אפארטוניזם, ווי א פראקציע, זיינען אונטערגעגאנגען. די מיטגלידערשאפט פון דער פארטיי און די מאסן אויסער דער פארטיי שטיצן פולשטענדיג און אינגאנצן די ריכטיגע ליניע וואס דער צענטראל־קאמיטעט פון דער פארטיי פירט.

די העלדן פון צווייטן אינטערנאציאנאל פארשפרייטן ליגנערישע בלבולים, אז מענטשן לויפן זיך אנשליסן אין דער פארטיי ווייל דאס מיינט גוטע שטעלעס, א פריווילעגירטע לאגע, א. ד. גל. א קורצע טאבעלע גיט א ריכטיג בילד פון באשטאנד פון דער פארטיי.

אין 1928 האבן די ארבעטער אויסגעמאכט 60 און א האלב פראצענט

פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי; פּויערים—19.2 פּראָצענט; אָנגעשטעלטע—18.5 פּראָצענט; איבעריגע—1.8 פּראָצענט.

קאַנדידאַטן אין דער פּאַרטיי: אַרבעטער—48 פּראָצענט, פּויערים—31.7 פּראָצענט, איבעריגע—2.6 פּראָצענט.

די גרויסע רייניגונג

אין 1930 איז פאָרגעקומען א גרינטלעכע רייניגונג אין דער פּאַרטיי. די פאַרגאַנגענהייט און די טעטיגקייט פון יעדן מיטגליד איז דורכגעגאַנגען געוואָרן פאַר ספּעציעלע קאָנטראָל־קאָמיסיעס אין דער אַנוועזנהייט פון גרויסע מאַסן אַרבעטער, פּאַרטייאישע און ניט־פּאַרטייאישע. יעדער מיטגליד פון דער פּאַרטיי האָט דערציילט זיין ביאָגראַפיע און געענטפערט אויף א רייע פראַגן וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן פון די מאַסן אַרבעטער אויפ׳ן פאַרהער.

די רייניגונג האָט אַריינגעטראָגן א פרישן שטראָם אין לעבן פון דער פּאַרטיי. זי האָט נאָכאַמאָל געוויזן פאַר די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן וואָס עס ווערט געפאָדערט פון א באָלשעוויק. די ניט־פּאַרטייאישע אַרבעטער האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוקומען מיט קריטיק געגן איינצלנע קאָמוניסטן. די פאַרהערן זיינען געווען ניט בלויז פּאָליטיש וויכטיג און גרינטלעך, נאָר אָפט האָבן זיי פאַרמאָגט אין זיך דראַמאַטישע מאָמענטן.

יעדער מיטגליד פון דער פּאַרטיי איז דורכגעגאַנגען אונטער דעם ליכט פון א שטאַרקן פּראָזשעקטאָר פון פּראָלעטאַרישער עפנטלעכקייט. אַלץ וואָס איז געווען פּסילות (פּסוילעס), אַלץ וואָס איז פאַרזשאַווערט געוואָרן, איז אויסגערייניגט געוואָרן פון דער פּאַרטיי. קאָמוניסטן וואָס האָבן זיך פאַרביוראָקראַטעוועט ביי דער אַרבעט, קאָמוניסטן וואָס האָבן אָנגעוואָרן די לעבעדיגע פאַרבינדונג מיט די מאַסן זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן ווי א שעדלעכער באַלאַסט פאַר דער פּאַרטיי. די רייניגונג האָט אַרויסגענומען פון דער פּאַרטיי נאָענט צו עלף פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפט. די פּאַרטיי איז אַרויס קרעפטיגער, פרישער און מער קאַמפּס־פייאיגער. זי האָט אויך זייער א סך געוואונען אין די אויגן פון די אַרבעטער־ און פּויערים־מאַסן.

צו זיין א מיטגליד פון דער פּאַרטיי, איז צו געפינען זיך אין די פאָדערשטע טרענטשעס פון קלאַסן־קאַמף. יעדער קאָמוניסט און יעדער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט ליג איז אין א צושטאַנד פון שטענדיגער מאָביליזאַציע. די פּאַרטיי קען אים צו יעדער מינוט אַריבערוואַרפן פון איין עק לאַנד צום צווייטן, פון איין סאָרט אַרבעט צו א צווייטער. ניט בלויז די פּאַרטיי, נאָר די אַרבעטער־מאַסן דערוואַרטן פון יעדן קאָמוניסט ער זאָל זיין א מוסטער אין טאָג־טעגלעכער אַרבעט. די אַרבעטער־מאַסן שטעלן גרויסע פאָדערונגען צו יעדן מיטגליד פון דער פּאַרטיי. „דו ביזט

א פארטייאישער—זאגן זיי—האָט גענומען אויף זיך גרויסע פאראנט־וואָרטלעכקייט, פיר זיי דורך.״

די ליגע פון יוגנטלעכע קאָמוניסטן

די יוגנטלעכע קאָמוניסטן ציילן איצט איבער 3 מיליאָן מיטגלידער און קאנדידאטן. אויף זייער ניינטן צוזאמענפאָר, אָפּגעהאלטן יאנואר, 1931, איז באריכטעט געוואָרן וועגן דעם אומגעהויערן וואוקס פון דעם קאָמסאָמאָל אין די דערפער, אדאנק דער דערפאָלגרייכער קאָלעקטיוויזאציע. די קאָמסאָמאָלצעס זיינען די אָנפירער פון דער ארבעטער־ און פויערים־יוגנט. אויך זיי געפינען זיך אין די ערשטע טרענטשעס פון קלאסן־קאמף. וואו נאָר אן אינדוסטריעלער גיגאנט דארף אויפגעשטעלט ווערן, אהין ווערן געשיקט טויזנטער קאָמסאָמאָלצעס. געוויינטלעך פארענדיגן זיי אָלעמאָל זייער אויפגאבע פאר דעם באַשטימטן טערמין.

דער קאָמסאָמאָל ליפערט פון זיינע רייען א גרויסן טייל פון דער שטור־דירנדיגערע ארבעטער־יוגנט. ווען עס קומט צו א „סובאָטניק״—א פרייוויליגן טאג ארבעט, ארויסצוהעלפן אין א פלאץ, וואו די פראָדוקציע איז אָפּגעשטאנען, אָדער צופיל אָנגעלאָדן, ווי אויף די באנען, זיינען די יוגנטלעכע קאָמוניסטן אָלעמאָל די ערשטע. זיי זיינען די יונגע ארמיע פון דער סאָציאָליסטישער ארמיי.

אין 1927 האָט דער קאָמסאָמאָל געציילט 37 טויזנט מיטגלידער און קאנדידאטן אין דארף. אָנהויב 1931 איז די צאָל אָרגאניזירטע יונגע פויערים־קאָמיוגיסטן דערגאנגען ביז 600 טויזנט. די דאָרפישע יוגנט שטראָמט מאסנווייז אין קאָמסאָמאָל.

נאָענט צו פינף מיליאָן פיאָנערן

דער קאָמסאָמאָל פירט אויך א פארצווייגטע קולטורעלע טעטיגקייט. מיר האָבן דערמאָנט אז דער טראַם (טעאַטער פון דער ארבעטער־יוגנט) איז א גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג, שוין ניט רעדנדיג פון זיין געוואַלדיגער פראָפּאגאנדע באדייטונג. דער קאָמסאָמאָל נעמט א טעכטיגן אנטייל אין פאָלקס־דערציאונג, ליטעראטור, טעאטער, פיזקולטור און ספּאָרט. די קאָמסאָמאָלישע ספּאָרט אָרגאניזאציעס האָבן א נאָמען איבער׳ן גאנצן ראטן־פארבאנד. דער קאָמסאָמאָל האָט דעם אויפזיכט איבער דער פיאָנערן־אָרגאניזאציע, וואָס ציילט קרוב (קאָרעוו) צו 5 מיליאָן מיטגלידער. די פיאָנערן זיינען די צוקונפט פון סאָציאָליסטישן ראטן־פארבאנד. זיי זיינען אָרגאניזירט אין אָפּטיילונגען. זיי נעמען אן אקטיוון אנטייל אין אָלע ארויסטרעטונגען. זייער אָפּט זיינען די פיאָנערן, שוין דערצויגן אין נייעם גייסט, די יעניגע וואָס וועקן און מאָביליזירן זייערע עלטערע אין די פארשיידענע קאמפּאניעס וואָס די פארטיי און די מלוכה פירט אָן.

אזוי צום ביישפּיל, האָט דער שרייבער בייגעוואוינט א גרויסע דעמאָנ־

סטראַציע פון פּיאָנערן אין מאַקעיעווקע, האַרץ פון דאָנבאַס. די פּיאָנערן האָבן מאַרשירט פאַרביי די שטאָל־פאַבריקן און קוילן־גרובן מיט פּלאַקאַטן און אויסרופן, וואָס האָבן דערמאָנט די עלטערן, אַז די שטאָל־ און קוילן־פּראָדוקציע איז הינטערשטעליג פון דעם פּלאַן. אַזאַ דעמאָנסטראַציע איז ניט קיין צופעליגע. די פּיאָנערן פירן אַן ענערגישן קאַמף געגן שיכּרות (שיקרעס) און רעליגיע. די פּיאָנערן קריגן אַ דערציאונג וואָס פאַרבינדט זיי אויף אַ געזונטן אופן מיט דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער אויפלעבונג פון לאַנד. פּיאָנערן ווערן אַריינגענומען אין עלטער פון 9 ביז 16 יאָר.

די פּאַרטיי צווישן די דערוואַקסענע אַרבעטער, דער קאָמסאָמאָל צווישן יונגנטלעכע אַרבעטער און די פּיאָנערן צווישן די אַרבעטער־קינדער זיינען די אָרגאַניזאַציעס, וואָס גיבן פירערשאַפט און אויסדרוק צו דעם ווילן און אַנטשלאָסנקייט פון די מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס אין דעם לאַנד וואָס בויט סאָציאַליזם.

די רויטע אַרמיי

צווישן די וואונדער פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע פאַרנעמט די רויטע אַרמיי אַ פּלאַץ אויבן־אָן. זי שפּיגלט אָפּ די טיפע איבערקערעניש, וואָס די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט האָט געבראַכט אין לאַנד.

די וועלכע האָבן געקענט אָדער געהערט פון דער צאַרישער אַרמיי קענען זיך גאָרניט פאָרשטעלן ווי פונדאַמענטאַל אַנדערש די רויטע אַרמיי איז. אין אַלע הינזיכטן, סיי אין אויסערלעכן אויסזען און סיי אין איר גייסט איז די רויטע אַרמיי ניט געגליכן צו דער אַרמיי, וואָס האָט געדינט די צאַרן.

די רויט־אַרמייער גייען גוט און ריין אָנגעטאָן. זייער שפּייז איז נאַרהאַפטיג און געשמאַק. די רויטע קאַזאַרמעס בלישטשען מיט זייער ריינקייט און ציכטיגקייט. יעדע אָפּטיילונג פון קאַזאַרמע פאַרמאָגט אַ ביבליאָטעק מיט אַ לעזע־זאַל, מען רופט עס דער לענין־ווינקל.

די רויטע אַרמיי באַשטייט ניט פון צוויי באַזונדערע שיכטן, ווי קאַפּיטאַליסטישע אַרמייען, וואו די האַרעפּאַשניקעס זיינען די סאָלדאַטן און די אַדעליגע און די בורזשואַזיע ליפערן די אָפיצירן. די רויטע אַרמיי באַשטייט דורכאויס פון האַרעפּאַשניקעס. זינדעלעך פון די רעשטן פון דער בורזשואַזיע אין שטאָט און פון די קולאַקעס אין דאָרף ווערן אין דער רויטער אַרמיי ניט אריינגענומען. אין אַ מאָסקווער דיוויזיע האָט מען דעם שרייבער דערציילט, אַז מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט מען דאָרטן אַנטדעקט אַ בחור׳ל, אַ זון פון אַ קולאַק, וואָס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין דער רויטער אַרמיי, האָט מען אים גלייך ארויסגעשיקט פון דאָרטן. די עלטערן פון די רעקרוטן און די רעקרוטן אַליין באַטראַכטן ניט מער דאָס דינען אין דער אַרמיי ווי אַן אָנשיקעניש און אַן אומגליק. יונגע בחורים זוכע מער ניט ארויסצודרייען זיך פון מיליטער־דינסט דורך מאָרן זיך אָדער פיזישער פאַרקריפּלונג. די רעקרוטן בויאַנעווען מער ניט אויף די וועגן און וואַרפן ניט קיין שרעק אויף דער אָרטיגער באַפעלקערונג. דער פּריזיוו־צייט גייט היינט דורך פריידיג און מונטער, מיט מאַרשן און דע־מאָנסטראַציעס. יעדער רעקרוט שטאָלצירט מיט דער געלעגנהייט, וואָס ער קריגט, צו לערנען זיך פאַרטיידיגן זיין סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד.

אין דער רויטער אַרמיי איז אָפּגעווישט דער אָפּגרונט צווישן דעם סאָלדאַט און אָפיציר. די ווערטער „סאָלדאַט“ און „אָפיציר“ זיינען אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן. פאַראַן רויט־אַרמייער און חברים־קאָמאַנדירן. יעדער אָנפירער איז אַ חבר־קאָמאַנדיר, מעג ער זיין דער אָנפירער פון אַן אָפּטיי־לונג צי דער פאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנער־מיליטערישן ראַט, וואָס איז דער קאָמיסאַר פון דער רויטער אַרמיי און רויטן פלאָט.

רעוואָלוציאָנערע דיסציפּלין און פולע דעמאָקראַטיע

אין צייט פון די מיליטערישע לימודים הערשט אַ שטרענגע רעוואָ־לוציאָנערע דיסציפּלין. יעדער רויט־אַרמייער ווייסט, אַז באַפעלן און פאַראָרדנונגען מוזן פּינקטלעך דורכגעפירט ווערן. אָן אַזאַ דיסציפּלין קען די אַרמיי ניט עקזיסטירן. ענדיגן זיך די מיליטערישע איבונגען אַזוי ווערן אַלע גלייך. אַ פולשטענדיגע דעמאָקראַטיע טרעט אַריין.

געוויינטלעך איז דער אַרבעטס־טאָג אין דער רויטער אַרמיי אַכט שטונדן, אויסער לאַגער־צייט. פיר שטונדן פאַרנעמט מען זיך מיט מילי־טערישע איבונגען און די אַנדערע פיר שטונדן גייען אַוועק אין אַלגעמיינע לימודים: פּאָליטישע עקאָנאָמיע, עלעמענטאַרע וויסנשאַפט, א. ד. גל. אין דעם פּרט איז די רויטע אַרמיי אַ וויכטיגע שולע פאַר אַלע אירע מיט־גלידער. קומט אָן אַ יונגער פויער פון אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף, און קען ניט לייענען און שרייבן, גייט ער אַרויס נאָך צוויי יאָר דינסט אַ פאַר־שטענדיגער מענטש. ער לייענט שוין ביכער און זשורנאַלן. קומט אַריין איינער וואָס קען זיך נאָך ניט אָריענטירן גוט אין פּאָליטישע און עקאָנאָ־מישע פראַגן, גייט ער דורך גרינדלעכע קורסן און קרייזלעך פאַר זעלבסט־בילדונג וואָס באַרייכערן זיין גייסטיגן באַגאַזש.

דער דעמאָביליזירטער רויט־אַרמייער איז דער בויער פון סאָציאַליזם אין דאָרף. ער איז דער קעמפער פאַר קאָלעקטיוויזאַציע. די צוויי יאָר צייט וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין דער רויטער אַרמיי האָבן אים אינ־גאַנצן איבערגעמאַכט. דאָס זעלבע איז ריכטיג וועגן האַרעפּאַשניק אין שטאָט.

די רויטע אַרמיי איז געוואַקסן און אויסגעשמידט געוואָרן אין פייער פון קאַמף. זעלטן ווען אַז אַן אַרמיי איז אויסגעקומען צו טראָגן אויף אירע אַקסלען אַזוי פיל שווערע שלאַכטן, אויף אַזוי פיל צעוואָרפענע פראָנטן, ווי דער רויטער אַרמיי אין צייט פון בירגער־קריג. זייער אָפט איז אויס־געקומען צו ליגן אין די טרענטשעס טעג נאָכאַנאַנד אָן עסן און אָן טרינקען. עס האָט אויסגעפעלט אַמוניציע. ניט געווען גענוג ביקסן, שוין ניט רעדנדיג וועגן האַרמאַטן און ענלעכע זאַכן. די רויטע אַרמיי האָט דענסט־מאָל אַרויסגערופן די באַגייסטערונג פון אַלע אַרבעטער און אונטערדריקטע מאַסן אין דער וועלט. באַזעלט מיט דעם גרויסן אידעאַל פון קאָמוניזם,

מיט דער שטיצע פון אלע ארבעטער און ארעמע און מיטעלע פויערים, האט די רויטע ארמיי צעקלאפּט די קאנטער־רעוואלוציע און צוריקגעשלייּ־דערט די אויסלענדישע אינטערווענציע.

זינט יענע יארן איז די רויטע ארמיי געווארן פיל שטארקער און מעכטיגער. זי איז אויך גוואלדיג געוואקסן אין באוואוסטזיין. די רויטע ארמיי איז די איינציגע אין דער וועלט, וואס קען פארזיכערן, אז יעדער מיטגליד אירער איז א באוואוסטזיניגער קעמפער. אין פאל פון א מלחמה וועט יעדער רויט־ארמייער וויסן גענוי פארוואס ער שלאגט זיך און וואס ער פארטיידיגט. ניט ווי אין די קאפּיטאליסטישע ארמייען, וואו די סאל־דאטן זיינען נאר קאנאנען־פלייש.

די פרידלעכע פאליטיק פון דער סאוועטן־מאכט

די סאוועטן־מאכט וויל ניט קיין מלחמה און ארבעט נאכאנאנד אויס־צומיידן מלחמה. די סאוועטן־מאכט פירט די פרידלעכסטע פאליטיק אין דער וועלט. די גאנצע ענערגיע פון דעם גאנצן ארבעטער־קלאס פאדערט זיך פאר דער גיגאנטישער אויפגאבע, וואס דער פינף־יאר פלאן האט גע־שטעלט פאר אים. די ראטן־מאכט האט זיך ניט געלאזט פּראוואצירן מיט עטלעכע יאר צוריק פון פּילסודסקי'ס איבערפאלן אויפ'ן גרענעץ. שפּעטער —פון די פּראוואקאציעס פון די כינעזישע מיליטאריסטן און זייערע אימ־פּעריאליסטישע אונטערשטיצער. גלייכצייטיג האט די ראטן־מאכט געוויזן אז זי איז פעסט אנטשלאסן. ניט צו לאזן קיינעם פון די קאפּיטאליסטישע רויבער פארכאפּן אן אינטש סאוועטישן באדן. די געשעענישן אויפ'ן סאוועטיש־מאנדזשורישן גרענעץ אין 1929 זיינען געווען א גוטער ביישפּיל. די אימפּעריאליסטישע גענעראל־שטאבן האבן דערזען פאר זיך א רויטע ארמיי וואס האט צעקנאקט ווי א נוס די מאנדזשורישע מיליטאריסטן. אין דער זעלבער צייט האט דער סאוועטישער ארבעטער־קלאס געוויזן א ביישפּיל פון זיין פרידלעכער פאליטיק. די רויטע ארמיי האט זיך צו־ריקגעצויגן פון כינעזישן באדן נאך אין גרויסן זיג. קיין איין אינטש פון מאנדזשוריע איז ניט פארכאפּט געווארן פון דער רויטער ארמיי.

זינט די יארן פון בירגער־קריג איז די רויטע ארמיי זייער שטארק פארקלענערט געווארן אין צאל, כאטש די קאפּיטאליסטישע שכנים האלטן אין איין פארגרעסערן זייערע מיליטערישע כחות און זייערע גרעניצן זיינען א סך קלענער, ווי די סאוועטישע. דער איצטיגער באשטאנד פון דער רויטער ארמיי איז 560 טויזנט מאן. אין צייט פון בירגער־קריג זיינען פינף מיליאן 300 טויזנט ארבעטער און פויערים געווען אין דער רויטער ארמיי, אין 1921 איז די צאל געווען א מיליאן 370 טויזנט, אין 1924 איז די רויטע ארמיי רעדוצירט געווארן צו איר איצטיגער צאל.

די סאוועטן־מאכט האט שוין עטלעכע מאל פארגעשלאגן אויף אינ־טערנאציאנאלע קאנפערענצן דראסטישע רעדוצירונגען אין ארמיי און בא־

וואפנונגען. אימפעריאליסטן וועלכע רעדן נאכאנאנד וועגן זייער באגער אויפצוהאלטן דעם פרידן, האבן יעדן מאל צוריקגעוויזן די אנטוואפנונגס־פארשלאגן פון מאסקווע. די ארבעטער־מאסן פון דער וועלט האבן זיך איבערצייגט אז דער סאוועטן־פארבאנד איז דער איינציגער וואס זוכט צו פארהיטן א נייע וועלט־מלחמה.

אין דערזעלבער צייט שמידט דער ארבעטערקלאס זיין וואפן וואס דארף פארטיידיגן דעם פארבאנד אין פאל פון אן אימפעריאליסטישן אנפאל. אויך אין דער רויטער ארמיי זיינען פאראן שלאגלער און סאציאליסטישע פארמעסטונג. איין רעגימענט רופט ארויס דעם צווייטן, איין באטאליאן דעם צווייטן, ווער עס וועט פריער און בעסער דורכפירן די איבונגען און די מיליטערישע אויפגאבן.

רויטע ארמיי א שולע פאר אירע מיטגלידער

די רויטע ארמיי פירט אויך אן א שטארקע קולטורעלע טעטיגקייט דורך זעלבסט־בילדונג קרייזן, פארלעזונגען, טעאטערן, קאנצערטן, א. ד. גל.

דורך א פארצווייגטער סיסטעם פון שעפטום איז די רויטע ארמיי ענג פארבונדן מיט דעם ארבעטער־קלאס און מיט די פויערים. פאבריקן און זאוואדן האלטן שעפטום איבער איינצעלנע טיילן פון דער ארמיי און פלאט. זיי שיקן אפט דעלעגאציעס באזוכן די רויט־ארמייער, ברענגען זיי מתנות, באקענען זיך מיט'ן רויט־ארמייאישן לעבן און באריכטן צו די רויט־ארמייער וועגן דער ארבעט אין פאבריק און וועגן די דערגרייכונגען אויף דעם אינדוסטריעלן פראנט.

די רויטע ארמיי, ווידער, האלט שעפטום איבער קאלעקטיוון און מלוכה־פארמס, קינדער־שולן, קינדער־היימען, א. א. וו. זיי שיקן דעלעגאציעס צו באזוכן די אינסטיטוציעס איבער וועלכע זיי האבן אויפזיכט און לאדן זיי איין צו זיך. אזוי ארום איז אנגעהאלטן א שטענדיגע פארבינדונג צווישן דעם באוואפנטן ארעם פון פראלעטארישן לאנד מיט די הארעפאשנע מאסן, זייערע אינסטיטוציעס און זייערע קינדער. אנשטאט דעם אמאליגן שרעק, וואס די באפעלקערונג האט געפילט פאר די סאלדאטן, עקזיסטירט היינט פריינטשאפט און חבר'שאפט. די הארעפאשנע באפעלקערונג ווייסט, אז די רויטע ארמיי איז פלייש פון איר פלייש און בלוט פון איר בלוט. די רויט־ארמייער ווערן זארגפעלטיג באהאנדלט פון די איינוואוינער.

מיר האבן פריער גערעדט וועגן דער פולשטענדיגער דעמאקראטיע וואס הערשט אין דער רויטער ארמיי. א מוסטער פון אט־דער גלייכקייט האט דער שרייבער געזען אויף זיין באזוך אין סעוואסטאפאל, ביים דעם שווארצן ים. ער איז אנגעקומען אהין דעם 1טן אויגוסט, דעם טאג פון קאמף געגן אימפעריאליזם און מלחמה־געפאר און איז איינגעלאדן געווארן צו רעדן פאר די רויטע מאטראסן.

אין אַ ריזיגער געביידע, וואָס איז פריער געווען דער קלוב פון די אָפיצירן, זיינען געווען פאַרזאַמלט עטלעכע טויזנט רויטע מאַטראָסן, לעבעדיגע, קרעפטיגע יונגען. דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען דער חבר קאָמאַנדיר, דער אַדמיראַל פון דער פלאָטילע. אזוי ווי די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרצויגן צוליב דעם, וואָס מען האָט געוואַרט אויפ'ן רעדנער, איז דער עולם געווען אויסגעהונגערט. ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיגט האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג, די קאָמאַנדירן, מאַטראָסן און דער גאַסט. די יונגע חברה האָבן באַנוצט די עלנבויגנס, זיינען זיי טאַקע אַרויסגעגאַנגען די ערשטע. די קאָמאַנדירן—די לעצטע. נאָר אין דער רויטער אַרמיי און רויטן פלאָט איז מעגלעך, אַז דער רענק און פייל זאָל זיך פילן אַזוי פריי און גלייכבאַרעכטיגט. אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אַרמיי וואָלטן די „אונטערשטע טשינעןˮ ניט געוואַגט אַפילו אָנצורירן ביים אַרבל זייערע אָפיצערן ביים אַרויסגאַנג.

די גרויסע מאַיאָריטעט רויטע קאָמאַנדירן זיינען איצט אַרבעטער, אָרימע אָדער מיטעלע פּויערים. דער אָפיצער פון דער אַלטער אַרמיי איז שוין מער ניט קיין קאָמאַנדיר פון אַ רעגימענט, דיוויזיע, אָדער קאָרפּוס, אויב ער איז נאָך פאַרבליבן, איז ער אַן אינסטרוקטאָר אין אַן אַקאַדעמיע א. ד. גל. דער בירגער־קריג האָט אַרויסגערוקט פייאיגע רויטע אַרמייער. זיי זיינען געשיקט געוואָרן אין מיליטערישע אַקאַדעמיעס, האָבן דאָרטן באַקומען די נויטיגע בילדונג. זיי זיינען איצט די קאָמאַנדירן פון דער רויטער אַרמיי.

פון וואַנען שטאַמען די קאָמאַנדירן

דעם ערשטן באַזוך וואָס דער שרייבער האָט געמאַכט אין אַ רויטער קאַזאַרמע, איז געווען מינסק. דער קאָמאַנדיר פון דעם רעגימענט איז אַלט 32 יאָר, אַ גראַניט־אַרבעטער פון לענינגראַד. ווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן, האָט ער, אַ יונגער פּראָלעטאַריער, זיך אָנגעשלאָסן אין דער רויטער גוואַרדיע, זיך געשלאָגן אויף אַ סך פראָנטן און זיך אויסגע־צייכנט. האָט מען אים געשיקט אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע. איצט איז ער קאָמאַנדיר פון אַ רויטן קאַוואַלעריע־רעגימענט.

דער קאָמאַנדיר פון זיין דיוויזיע, אין זעלבן עלטער, איז אַן אייזן־אַר־בעטער פון מאָסקווע. די זעלבע געשיכטע. יונגערהייט אַריינגעטראָטן אין דער רויטער גוואַרדיע, זיך געשלאָגן אויף אַ סך פראָנטן, זיך אויסגעצייכנט, געענדיגט די אַקאַדעמיע, און איצט דער אָנפירער פון אַ גאַנצער דיוויזיע.

דער קאָמאַנדיר פון גאַנצן קאָרפּוס איז אַ זון פון אָרימע פּויערים, וואָס האָט דורכגעטראָגן אויף זיינע אַקסלען איינע פון די שווערסטע קאַמפן פון דעם בירגער־קריג — דעם בירגער־קריג אין דער קאַזאַקישער טעריטאָריע פון צפון־קאַווקאַז. אַ מענטש מיט אַ האַרץ פון אַ לייב און מיט נערוון פון שטאָל, האָט ער געפירט אַן אַרמיי פּאַרטיזאַנען דורך סטעפּעס און בערג. יע־

נער קאַמף איז גלענצנד באַשריבן אין דעם באַרימטן בוך „דער אייזערנער שטראָם“ פון סעראַפימאָוויטש. דער שרייבער האָט זיין העלד ניט אויסגעטראַכט. ער האָט אים געמאָלן פון לעבן. דער העלדישער פאַרהאַרטעוועטער פירער פון די פאַרטיזאַנען אין 1920, איז איצט דער קאָמאַנדיר פון דעם קאָרפּוס אין דעם צפון־מערב טייל פון ראַטן־פאַרבאַנד.

דער געהילף־קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי אין אוקראַינע, 33 יאָר אַלט, איז אַ קוילן־גרעבער, אַ זון פון אַ קוילן־גרעבער אין דאָנבאַס. חבר וואָראָשילאָוו, הויפּט פון דער רויטער אַרמיי און רויטן פלאָט, איז אַ שלאָסער פון לוגאַנסק, אַן אַלטער באָלשעוויק. די אַרבעטער מאַסן האָבן איצט געפייערט זיין פופציג־יאָריגן יובילעי.

דעם שרייבער איז אויסגעקומען צו פאַרברייננגען מיט רויטע אַרמייער אין אַ סך שטעט. זייער באַהאַוונקייט אין פּאָליטישע פראַגן און אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן איז מערעקווירדיג. אין אַ לענין־ווינקל, אין איינער פון די אָפּטיילנוגען פון אַ מאָסקווער דיוויזיע, האָט דער שרייבער געהערט אַ זאַכלעכע און פּינקטלעכע דערקלערונג וועגן די אורזאַכן פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין אַמעריקע. דער רויטער אַרמייער וואָס האָט די דערקלערונג געגעבן איז אינגאַנצן אַכט חדשים פון דאָרף. דער אינסטרוקטאָר פון דעם פּאָליטישן קרייז, וואָס האָט דעם רויטן אַרמייער אַרויסגערופן צו ענטפערן, איז אַליין אינגאַנצן אַ יאָר און אַ האַלב פון דאָרף.

פאַרטיידיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד

ווען אַ חבר פון אויסלאַנד קומט אין אַ רויטער קאַזאַרמע, ווערט ער גלייך אַרומגערינגלט און פאַרוואָרפן מיט פראַגן. די רויטע אַרמייער זיינען נייגעריג צו וויסן וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן און פויערים, רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, א. ד. גל. ווען זייערע פראַגן שעפּן זיך אויס, איז דענסטמאָל די געלעגנהייט זיי צו שטעלן פראַגן. אין איינער פון די רויטע קאַזאַרמעס האָט דער שרייבער געשטעלט אַ פאַרזאַמלונג פון רויטע אַרמייער די פאָלגנדיגע פראַגע: „וואָס וועט זיין, אויב אייערע קאַפּיטאַליסטישע שכנים וועלן באַפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד“?

— נו, פאַר זיי האָבן מיר קיין מורא ניט — איז געוועזן דער אַלגעמיינער ענטפער, כאָטש די פאַשיסטישע פּוילן, רומעניע, פינלאַנד א. א. וו. קריגן זייער באַוואָפנונג פון פראַנקרייך. מיט זיי וועלן מיר זיך שנעל ספּראַווען. די רויטע אַרמיי וועט זיי צעקלאַפּן, אַז זיי וועלן דאָס קאָפּ מער ניט אויפהויבן.

— וואָס וועט זיין — האָט דער שרייבער ניטאָפּגעלאָזט—אויב הינטער די קאַפּיטאַליסטישע שכנים וועלן קומען די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע רויבער? ווען די גאַנצע אימפּעריאַליסטישע וועלט וועט זיך פאַראייניגן אין אַן אָנפאַל אויפ'ן ראַטן־פאַרבאַנד?

— דענסטמאָל—האָט געענטפערט אַ יונגער קאָמאַנדיר,—וועט די זאַך זיין שווערער. דענסטמאָל דערוואַרטן מיר, אַז די אַרבעטער אין אויסלאַנד וועלן טאָן זייער רעוואָלוציאָנערן פליכט און אונז קומען צו הילף. מיט זייער שטיצע וועלן מיר באַזיגן די שטאַרקסטע פאַראייניגטע אימפּעריאַליסטישע אַטאַקע.

די עטלעכע ווערטער דריקן אויס די שטימונג פון דער רויטער אַרמיי, פון גאַנצן אַרבעטער קלאַס און פון די אָרימע און מיטעלע פּויערים. די רויטע אַרמיי איז באַוואוסטזיניג אויף איר גרויסן כח. די פאַשיסטישע שכנים אַרום זיינען ניט קיין גרויסע געפאַר. לויט דעם אויסדרוק פון דער „פּראַוודאַ“, וועט דער פּוילישער פאַשיסטישער אָדלער קריגן צעבראָכענע פליגלען ווען אים וועט זיך פאַרגלוסטן אַ מלחמה מיט׳ן ראַטן־פאַרבאַנד. די מלחמה־געפאַר באַשטייט אין דעם, וואָס פראַנקרייך זוכט צו שאַפן אַן אימפּעריאַליסטישן בלאָק געגן ראַטן־פאַרבאַנד. אַ בלאָק, וואָס זאָל אָנהויבן מיט עקאָנאָמישען באָיקאָט צו שטערן די ראַשיגע פאַרווירקלעכונג פון דעם פינף־יאָריגן פּלאַן און נאָכדעם אַריבערגיין צו אַ מלחמה.

אין אַזאַ לאַגע דערוואַרט דער סאָוועטישער פּראָלעטאַריאַט און זיין פּאַרטיי, אַז די אַרבעטער מאַסן אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער וועלן ניט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט. די סאָוועטישע האַרעפּאַשניקעס און זייער פּאַרטיי האָבן אומצייליגן מאָל פּראָקלאַמירט דעם ראַטן־פאַרבאַנד פאַר דער סאָציאַליסטישער פאָטערלאַנד פון אַלוועלטלעכן אַרבעטער קלאַס. אָן זיין שטיצע וואָלט אוממעגלעך געווען צו באַזיגן די קאָנטר־רעוואָלוציע אין די יאָרן פון בירגער־קריג. מיט זיין שטיצע וועט צוריקגעשליידערט ווערן יעדער אָנפאַל פון אימפּעריאַליסטישער אינטערווענציע.

דער סאָוועטישער אַרבעטער־קלאַס איז זיכער, אַז די אַרבעטער פון אַלע לענדער וועלן מאָביליזירן אַלע זייערע כחות ניט צו דערלאָזן זייערע רעגירונגען דערקלערן קריג געגן ראַטן־פאַרבאַנד. און אויב אַן אימפּעריאַליסטישער קריג זאָל דאָך אויסברעכן, דערוואַרטן די סאָוועטישע אַרבעטער, אַז זייערע חברים אין אויסלאַנד וועלן קעמפן צו פאַרוואַנדלען אַ מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַ מלחמה געגן קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט.

די באַוואוסטזיניגע אַרבעטער אין די פאַראייניגטע שטאַטן וועלן ניט אַנטוישן די האָפנונגען פון די סאָוועטישע מאַסן.

KA MARMOR
YORK